STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03378

MANTELS FOLKS REDNER

Herman Mantel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַנטעלס פֿאָלקס רעדנער

MANTEL'S SERMONS

SERMONS AND ADDRESSES FOR ALL THE JEWISH HOLIDAYS ANR MANY OTHER OCCASIONS

By the late

RABBI HERMAN MANTEL

of Blessed Memory

Author of the famous two Sermonic volumes
"Wort un Zeit"

Also contributions by his son

RABBI HUGO MANTEL

Temple Ashkenaz
Cambridge, Mass.

●

PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.
28 Canal St., New York City

1948

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

דרשות און רעדעס פאַר אַלע ימים טובים
און פאַרשידענע געלעגנהייטען

פון

הרב יחיאל מאַנטעל
זצ"ל

מחבר פון די באַריהמטע דרוש ספרים „וואָרט און צייט"
אויף חמשה חומשי תורה און ימים טובים

הובא לבית הדפוס ע"י זוגתו מרת

יוטא ובניה יבדלו לחיים

אויך דרשות אין אידיש און אין ענגליש פון דעם מחבר'ס זוהן

הרב חיים דוב מאַנטעל
פון קיימברידזש, מאַסס.

●

הוצאת

בית מסחר ספרים „פרדס"

י. ז. בוכבינדער, נשיא

28 רחוב קאנאל, ניו־יאָרק, נ. י.

תש"ט — 1948

Copyright, 1948, by
IRENE MANTEL
Brooklyn, N. Y

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St., New York
255



הרב יחיאל בהר"ר ישראל מאַנטעל, זצ"ל
נפטר כ"ח אדר ב' תש"ח
ת נ צ ב " ה

אינהאַלט

אַ פּאָר ביאָגראַפישע שטריכען וועגען הרב יחיאל מאַנטעל 9
לסליחות 13
חשבון הנפש 20
דרוש לראש השנה 26
ליום ב׳ דראש השנה 31
ליום כפור 38
לחג הסוכות 44
ליזכור 51
לחג הפסח 58
די לעצטע גלות סעודה אין מצרים 64
לשביעי של פסח (אמונה ובטחון) 70
לאחרון של פסח (יזכור) 76
לחג השבועות (רות) 82
לחג השבועות 89
שבת (א.) 96
שבת (ב.) 102
ישראל והאומות 108
האמת והשלום 114
לחגיגת תנאים 121
מזל טוב (לחתונה) 127
לברית מילה 134
לפדיון הבן 140

לבר מצוה (א.) 146
לבר מצוה (ב.) 152
לחג המילואים (אינסטאַלישאַן) (א.) 158
לחג המילואים (אינסטאַלישאַן) (ב.) 164
חומר למספד 172
מעשים טובים זיינען חשובער ווי קינדער 177
להספד 180
להקמת מצבה 186
הקוצצים באילנות (לחנוך הבנים) 193
חזק חזק ונתחזק (דרוש להדרן) 199
מלחמה (א.) 205
לפני שבר — גאון (מלחמה, ב.) 212
נשף אזכרה (מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג) 220
אספת אזכרה (הספד אויף אַ כלל טוהער) 226

דרשות אין אידיש און ענגליש מבן המחבר

ראש השנה (אידיש) 235
די האַרמאָניע פון סתירות (לכבוד סוכות — אידיש) 241
פסח — דריי שטאַפּען פון פרייהייט (אידיש) 247
שבועות (אידיש) 255
ראש השנה (ענגליש) 1
ראש השנה (ענגליש) 11
כל נדרי (ענגליש) 20
יום כיפור (ענגליש) 30
שבועות (ענגליש) 43
דעמאָקראַטיע אין רעליגיאָן (ענגליש) 53

א פּאָר ביאָגראַפישע שטריכען וועגען הרב
יחיאל מאַנטעל

הרב יחיאל מאַנטעל ציהט זיין שלשלת היוחסין פון רבנים, רביים און פרומע אידען. ער איז געבוירען געוואָרען אין 1880 אין אונגאַרען ביי ר׳ ישראל, אַ שוחט ובודק וואָס האָט געשמ׳ט מיט זיין צדקות און פרומקייט, און איז אויך געווען באַקאַנט אַלס מורה הוראה.

ר׳ ישראל האָט געפיהרט שטאָט. אין זיין הויז — וואָס איז געשטאַנען אָפען פאַר יעדעם איינעם — האָט מען תמיד געלערענט תורה, און אידען לומדים און חסידים, אָרימעלייט און נגידים פלעגען אָפּהאַקען די שוועלען מיט פאַרשידענע ענינים.

ר׳ ישראל האָט גאַנץ אָפט געמאַכט ווייטע נסיעות ; ער פלעגט מיטנעמען דעם קליינעם יחיאל קיין פוילען און רומעניע. דאָס אינגעל האָט פאַרמאָגט אַ קלוג קעפּעל און אַ שאַרף אויג אויפצוכאַפּען דעם לעבענס שטייגער פון אידען און להבדיל די גויים. די דאָזיגע איינדרוקען האָבען שפּעטער פאַר־טיעפט הרב מאַנטעל׳ס קוק אויף דער וועלט, און זיין לומדות איז באַרייכערט געוואָרען מיט וועלטליכקייט און חכמות חיצוניות.

הרב ר׳ יחיאל מאַנטעל איז געווען אין זיינע יונגע יאָהרען אַ תלמיד מובהק פון בעריהמטען רב ר׳ משה שמואל גלאַנזער, אַ איד אַ מתנגד, באַ־הבנ׳ט אין וועלטליכע ענינים און מחבר פון בערימטען הלכה ספר „דור רביעי״. הרב מאַנטעל האָט אויך געלערענט ביי דעם דעעשער רב ר׳ יחזקאל פּאַנעט, אַ באַקאַנטע פערזענליכקייט אין דער חסידישער וועלט.

אַזוי אַרום האָבען די אַ ביידע השפעות — מח און חריפות פון דער מתנגדישער זייט, און האַרץ, ווייכקייט, התלהבות, פון חסידיזם — געווירקט

און אויסגעפורמט דעם כאַראַקטער פון הרב יחיאל מאַנטעל, וועלכער איז צו 18 יאָהר געוואָרען אַ מוסמך.

גוטע פריינד און באַקענטע עצה׳ן ר׳ יחיאל צו פאַרנעמען אַ כסא הרבנות, אָבער דער יונגער מוסמך ווייזט אַרויס עקשנות: ניין, ער וועט נישט מאַכען פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה, און גלייך נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט הרבנית יוטא פריעדמאַן בת מו״ה יצחק שליט״א מעיר ווינה, נעמט ער זיך צו מסחר און עפענט אַ גרויס געשעפט אין וויען, אין צענטער פון שטאָט.

אין מסחר ווייזט ער אַרויס געוואַלדיגע פעהיגקייטען. ער ווערט באַקאַנט מיט זיין עהרליכקייט, שכל הישר און פינקטלעכקייט. ער געווינט צוטרוי ביי אַלעמען, און דער מסחר צוואַקסט זיך. אָבער אויך דעמאָלט לא פסק פומיה מגירסא — ער פאַרברייגגט יעדע פרייע מינוט ביי אַ ספר. זיין גרעסטער תענוג אין לעבען איז געווען דאָס לערנען און אין די האַרבע סוגיות פון תלמוד, אין דער הלכה און אגדה האָט געפונען אַ תיקון זיין נשמה.

און הגם ער איז ראשו ורובו אַריינגעטאָן באהלי שם ועבר, איז ער אָבער אויך פאַרכאַפּט פון יפיפותו של יפת. ער שטודירט מיט התמדה דייטש ווי אויך מוזיקאַלישע נאָטען, און ווען הרב יחיאל מאַנטעל האָט געזונגען אַ ניגון איז דער עולם צוגאַנגען פון מתיקות.

מיט דער ערשטער וועלט מלחמה ווערט הרב מאַנטעל מאָביליזירט אין דער אַרמיי. זיינע געשעפטען ווערען ליקווידירט. אין 1916 ווערט ער אָבער באַפרייט און באַזעצט זיך אין בודאַפּעסט, וואו ער פאַרלייגט אַ פאַבריק פון זייף אויך אויף דעם געביט איז ער מצליח. גלייך ווערט ער מפורסם אין שטאָט מיט זיין לומדות און עהרליכקייט; די חשובע בעלי בתים קומען צו איהם, אַז ער זאָל אויסגלייכען פאַרשיעדענע סכסוכים אין עניני ממונות.

הרב מאַנטעל וואַרפט זיך אַריין מיט זיין גאַנצען ברען און בענייט די שוהל „אור חדש״, וואָס איז געשטאַנען פאַר׳יתומ׳ט, ער גרינדעט אַ קהילה און ווערט ראש הקהל. היות ווי קיין רב איז נישט געווען איז ער געוואָרען דער מנהיג רוחני פון דעם גאַנצען געגענד. שבת און ימים טובים האָט

ער דרשות און איז מעורר דעם עולם צו אידישקייט. ער לערענט אויך מיט די יונגעלייט פון „מזרחי״ — וואָס האָט זיך צום ערשטען מאָל אָרגאַניזירט — חומש, רש״י און מדרש; ער גרינדעט אויך די חברה א׳ה׳ב׳ה — אגודת היהודים בארץ הונגריה, וועמענס ציהל איז געווען צו לייזען די פּראָבלעמען פון רעליגיעזען אידענטום און העלפען דעם ישוב הארץ. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גוט ענטוויקעלט און האָט געצעהלט הונדערטע חברים. מיט זיין אָנקום קיין אַמעריקע האָט הרב מאַנטעל זעהר שנעל זיך קונה שם געווען. עס האָט געשפּרודעלט פון איהם מיט אידישע פּקחות, זיין שאַרפזיניג וואָרט איז געווען דורכגעדרונגען מיט אידישע חכמה, חריפות, און האָט שטענדיג געטראָפען אין פינטעל. זיינע אַ דרשה האָט פאַרמאָגט אַלע חנען.

אידען סוחרים פלעגען קומען צו איהם פאַר עצות און איבערהויפּט איז ער געווען בעקאַנט אַלס פאַרמיטלער, בין איש לאשתו, און אין געשעפטס אַנגעלעגענהייטען. אַ שטיקעל צייט האָט ער אויך געדינט אַלס „שופט״ אין אידישען קאָורט פאַר אַרביטריישאַן.

הרב מאַנטעל אין זיינע דרשות צייכענט זיך אויס מיט קלאָרקייט, פשטות און האַרציגקייט. דעם מאמר פון דער תורה בעווייזט ער מיט אַ משל, אַ מעשה׳לע און סתם אַ קלוג־וואָרט, באַלויכטען מיט די געשעהענישען פון דער היינטיגער צייט. און זעהענדיג ווי די דרשות נעמען אויס ביים עולם האָט ער באַשלאָסען זיי צו זאַמלען און אַרויסגעבען אין אַ ספר אונטערן נאָמען „וואָרט און צייט״ אין 2 בענדער. דידאָזיגע ספרים וואָס ענטהאַלטען אַ רייכע מאַטעריאַל פון געדאַנקען און דרשות אויף דער תורה, ימים טובים און אַנדערע אידישע ענינים — זיינען מיט דער צייט געוואָרען אַ קלאַסישע ווערק און האָבען זיך פאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל, אַזוי אַז מאַנטעל׳ס דרשות איז געוואָרען אַ שם דבר.

פאַר זיין פּטירה, יום ה׳ כ״ח אדר תש״ח, האָט הרב מאַנטעל באַוויזען צו פאַרענדיגען דעם דאָזיגען ספר וואָס טאַקע צוליעב דער פּאָפּולעריטעט פון מחבר — גיבען מיר אַ נאָמען „מאַנטעל׳ס פאָלקס רעדנער״.

מיר באַדויערען וואָס דער מחבר ז״ל האָט נישט מיט זיינע אויגען זוכה

געוועז צו זעהן די „ילדי רוחו" — די שאַפונג פון זיין גייסט. דערדאָזיגער ספר וועט אָבער זיין דער פאַסענדיגער נר התמיד פאַר זיין נשמה.

בית מסחר ספרים „פרדס"

י. ז. בוכבינדער, נשיא

נ. ב. אַ האַרציגען דאַנק צו מיין פריינד און חבר א. שאולזאָן, פון די „שאולזאָן פרעס", פאַר דערמעגלעכן דער ספר זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אין בלויז צען טעג צייט, וואָס דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג אין בוך דרוקעריי.

הנ"ל

לסליחות

לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך.

(סליחות).

א״ר אלעזר לעולם יקדים אדם תפלה לצרה.

(סנהדרין מ״ד).

ראש השנה, כאָטש עס איז ביי אונז אַ יום־טוב, און ווערט אַלס אַזעלכער אויך באַצייכענט דורך אונזערע נביאים: „תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו (תהלים פ״א) איז ער אָבער דאָך ניט גלייך צו אונזערע אַנדערע ימים טובים אויף וועלכע די תורה האָט פאַרזאָגט די מצוה פון שמחה: „ושמחת בחגך״; דאָס וואָרט שמחה איז ניטאָ אין פאַרבינדונג מיט ראש השנה, אין געגענטייל, ר״ה זאָגט מען אַפילו קיין „הלל״ ניט, און אונזערע חז״ל האָבען דאָס דאָזיגע דערקלעהרט דערמיט וואָס: „ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפני ואתם אומרים שירה?״ (ר״ה ל״ב)

ראש השנה איז דאָך אַ „יום הדין״ ווען „כל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון״ (פיוט לר״ה); יעדער מענש ווערט דיזען טאָג אונטערזוכט, זיין ספר הזכרונות ווערט זעהר פאַרזיכטייג איבערגעקוקט, „וכל מעשיך בספר נכתבים״; אַלע מעשים וואָס ער האָט געטהאָן אין פאַרלויף פון פאַרגאַנגענעם יאָהר זיינען פינקטליך פאַרצייכענט געוואָרען, און דאָס הימלישע געריכט מאַנט דין וחשבון, און אין איינקלאַנג מיט די דאָזיגע מעשים דאַרף אַנטשיידעט ווערען זיין גורל פאַר׳ן קומענדיגען יאָהר, טאָ ווי לאָזט זיך פרעהליך זיין דעמאָלט ווען מען ווייסט ניט וואָס דער דאָזיגער יום־טוב צייכענט אָן פאַר אונז?

עס איז טאָקע אַ „ליום חגנו״, אָבער עס געהט צוזאַמען מיט׳ן „בכסה״ וואָס ווערט לויט חז״ל אויסגעטייטשט ווי דאָס וואָרט „מכסה,״ פאַרדעקט, און כאָטש זיי, די חז״ל, האָבען דערמיט געמיינט צו באַצייכענען דעם חודש טאָג ווען מיר פייערען ר״ה, וואָס דעמאָלט איז די לבנה פאַרדעקט פון אונז,

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

ווייל ר״ה איז דאָך דער ערשטער טאָג פון חודש, סימבאָליש אָבער איז דאָך דער „בכסה״ אויך אַ רמז אויף דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען יו״ט וואָס „פאַרדעקט״ פון אונז דעם גורל פון קומענדיגען יאָהר, און דער־פאַר פאַסט זיך דאָ ניט אַריין דער „ושמחת״ ווי אין אַנדערע ימים טובים.

און ווייל די ר״ה טעג וואַרפען אַן אַ מורא פאַר אַ מעגליכע צרה חס ושלום, וואָס דער יו״ט קען ברענגען, נוצען מיר דעריבער אויס די עצה פון דעם דערמאָנטען ר׳ אלעזר, אַז: „לעולם יקדים אדם תפלה לצרה,״ און דערפון שטאַמט דער אידישער מנהג אויפצושטעהן צו סליחות אין דער לעצטער וואָך פאַר ראש השנה, כדי דורך די תפלות אונזערע זאָלען מיר זיך באַשיצען פון אַ צרה ר״ל.

עס איז דעריבער כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף אַ געוויסען זאַץ אין די סליחות, וועלכער ווערט געזאָגט יעדען טאָג און קריגט אַזוי אַרום דעם כאַראַקטער ווי אַ מין סליחות־„סלאָגען,״ אָבער רופט גלייכצייטיג אויך אַרויס אַביסעל פאַרוואונדערונג.

עס איז דער זאַץ וועלכען מיר האָבען אַרויסגעשטעלט אַלס לייט־מאָטיוו פאַר דער דאָזיגער דרשה:

לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך,

כדלים וכרשים דפקנו דלתיך.

מיר זיינען, הייסט עס, גאַנץ אָפּענהערציג און גיבען־צו אַז מיר האָבען ניט קיינע פּרעטענזיעס צום רבונו של עולם; מיר קומען ניט אויפמאָנען קיין חוב, ווייל מיר האָבען גאָר ניט איינגעלעגט, אַז מען זאָל אונז דאַרפען אַרויסצאָהלען; מיר זיינען אָרעם אין מעשים און מיר קומען נאָר ווי אָרעמעלייט און בעטלער און שטרעקען אויס די האַנט נאָך אַ נדבה; ניט מיר פאָדערען, נאָר מיר בעטען, עס איז ניט קיין לעגאַלע תביעה, נאָר אַ רחמנות אַפּיעל...

איז עס טאַקע אפשר אַ גוטע המצאה צו שפּיעלען אויף דער סטרונע פון רחמנות דעמאָלט, ווען מיר טרעטען אויף פאַר אַ רחום וחנון. אויב אָבער רחמנות איז אונזער „קאָרט,״ דאַן דאַרף מען זעהן אויב מיר שפּיעלען ווירקליך אויף אַ „גוטע קאָרט,״ דען אויך דער רחמנות געפיהל וואָס דער אָרעמאַן רופט אַרויס, איז אָפּהענגיג אין געוויסע תנאים און באַדינגונגען

לסליחות

און ניט אַלעמאָל קריגט עס דעם געהעריגען אָפּקלאַנג אין די הערצער צו וועמען דער אַפּיעל איז געריכטעט.

ווען דער אָרעמאַן איז פיזיש אונפעהיג צו אַרבייטען און פאַרדינען זיין שטיקעל ברויט, ער איז קראַנק, שוואַך און פעהלערהאַפטיג, דאַן רופט ער מיט זיין אַפּיעל ווירקליך אַרויס רחמנות ביי באַרעמהאַרציגע מענשען, מען ווערט געריהרט פון זיין אומבאַהאָלפענקייט און מען באַמיהט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען צו ליגדערען זיינע יסורים און איהם געבען די נויטיגע הילף וואָס ער פאַרלאַנגט.

אויב אָבער דער אָרעמאַן שטעלט מיט זיך פאָר אַ פולשטענדיג געזונ־טען מענשען, פעהיג צו אַרבייטען און פאַרדינען זיין ברויט מיגיע כפיו, דעמאָלט האָט ער אַ גאַנץ קליינעם שאַנס אַרויסצורופען סימפאַטיע פון די צו וועלכע ער ווענדעט זיך מיט זיין רחמנות־אַפּיעל, מען באַטראַכט עס פאַר אומבאַרעכטיגט; געה אַרבייט, וועסטו פאַרדינען אויף דיין לעבענסמי־טעל און ניט דאַרפען אָנקומען צו שנאָרעריי און קצבה.

און אויב מיר קומען שפּיעלען די ראָלע פון „דלים ורשים," פון אָרע־מעלייט און בעטלער, דאַרפען מיר צום אַלעם ערשטען זעהן צי האָבען מיר אַ רעכט זיך אַריינצופאַסען אין דער דאָזיגער ראָלע?!

די אָרעמקייט אונזערע מיט וועלכער מיר שטעלען זיך פאָר פאַר דעם רבונו של עולם באַציהט זיך דאָך אויף גייסטיגע אָרעמקייט, אָרעמקייט פון מצוות און מעשים טובים, פון תורה און תפלה אד"ג, און אויף דעם חשבון פון אָט דער אָרעמקייט ווילען מיר אַרויסרופען דאָס געטליכע רחמנות.

דאַרויף קען מען דאָך אָבער אונז אַ פּרעג טאָן: פון וואַנען נעהמט זיך טאַקע ביי אייך די דאָזיגע אָרעמקייט, זיינט איהר דען גייסטיגע קריפּעלס? זיינט איהר דען באַרויבט געוואָרען פון אייערע כחות הנפש און געוואָרען אומפעהיג זיך צו ערווערבען גייסטיגע פאַרדינסטען דורך וועלכע איהר זאָלט קענען האָבען געזעצליכע רעכט אויף אייערע פאַרלאַנגען און פאָדערונגען? האָט אייך דען השי"ת ניט באַזאָרגט מיט אַלע נויטיגע אָרגאַנען, פיזישע און גייסטיגע, מיט וועמעס הילף איהר האָט זיך געקענט איינשאַפען אייער גייס־טיגען רכוש און ניט דאַרפען ערשיינען ווי שנאָרער און בעטלער? איהר

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

באַזיצט דאָך אַ מוח און האַרץ אויף צו דענקען און פיהלען, וואונדערבאַרע אַפּאַראַטען פאַר הייליגע און ריינע מחשבות; איהר זיינט דאָך געבענטשט מיט אַ מויל און צונג אויף דאַוונען און בענטשען און לערנען תורה; הענט און פיס אויף געהן און טאָן מצות און מעשים טובים; און ווען איהר וואָלט איינגעשפּאַנט די דאָזיגע אָרגאַנען מיט זיי צו דערפילען די פונקציעס פאַר וועלכע זיי זיינען באַשטימט געוואָרען, וואָלט איהר דאָך געהאַט אַ גרויס גייסטיגס פאַרמעגען אויף צו אינוועסטירען און איהר וואָלט געהאַט „מזומן," מיט וואָס איינצושאַפען זיך אַלע אייערע הצטרכות׳ן פאַר׳ן נייעם יאָהר און ניט דאַרפען קומען מיט בעטלערשע דעקלעראַציעס? פאַר געזונטע אָרע־מעלייט האָט מען נישט קיין סימפּאַטישע געפיהלען...

ווען מיר פאַרטראַכטען זיך אין דעם, דאַן באַקומען מיר אַן אַנדער באַגריף פון דעם ערשטען סליחות זאַץ: „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים"; עס קלינגט אומגעפעהר ווי אַ מין ענטפער צו אונזער צדקה רוף; מיר קו־מען ווי אָרעמעלייט בעטען צדקה ביים רבונו של עולם, אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס לך ה׳ הצדקה, אין דער אייגענער צייט איז אויך „ולנו בושת הפנים," מיר דאַרפען זיך שעהמען צו בעטען צדקה, ווייל מיר האָבען געקענט גאַנץ כשר זיך פאַרדינען דעם „גליקליכען יאָהר" און איהם ניט דאַרפען אויסבעטען אַלס צדקה...

איז טאַקע דער דאָזיגער זאַץ פון: „לך ה׳ הצדקה ולנו בשת הפנים," די איינלייטונג צו דעם נאָכפאָלגענדען זאַץ פון: „לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך"; עס איז אַן הקדמה צו אונזער חשבון הנפש, און אין אָט דעם חשבון הנפש גופא, איז שוין דאָ אַ טיילווייזיגער ענטפער אויף אונזער „רחמנות אַפּיעל"; דער חשבון הנפש שאַפט פאַר אונז דעם באָדען אויף וועלכען מיר קענען זיך שטעלען מיט זיכערע טריט. דער דאָזיגער „בושת הפנים" אויפ׳ן חשבון פון אונזער „צדקה געבעט," רופט ביי אונז אַרויס די אמת׳ע תשובה געפיהלען וואָס איז באַזירט אויף דעם „חרטה לשעבר" און דאָרט וואו עס איז דאָ אַ „חרטה לשעבר," דאָרט איז אויך דאָ אַ „קבלה להבא," און קבלה להבא מיינט אַבליגאַטאָרישע פאַרפליכטונג פאַר דער צוקונפט אויף ניט צו בלייבען לענגער אין דער פּאָזיציע פון דלים ורשים.

לסליחות

זיינען אַט די הרהורי תשובה אַן און פאַר זיך שוין אַ גוטער אײַנ־וועסטמענט צו באַקומען קרעדיט אויף דעם קומענדען יאָהר. דער עצם ווידוי פון „כדלים וכרשים דפקנו דלתיך" שאַפט אונז שוין איין אַ שטיקעל „עשירות" מיט וועלכעס מיר קענען געהן „מאַכען געשעפט" אויפ'ן נייעם יאָהר...

**
*

די סליחות זיינען פון אַט דעם שטאַנדפונט אויף דער לייטמאָטיוו פאַר די פאַרטגעזעצטע תפלות פון דעם קומענדען ראש השנה.

ווי אין אַלע ימים טובים מאַכען מיר אויך ראש השנה די ברכה: שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, און די דאָזיגע ברכה ווערט אויך ווידער־האָלט צום שופר בלאָזען.

מיר דאַנקען השי"ת וואָס מיר האָבען דערלעבט דעם נייעם יאָהר, האָט אפילו דער פאַרגאַנגענער יאָהר אונז ניט געבראַכט קיין פרייד און גליק, נאָר חלילה דעם געגענזאַץ, איז אויך דאָ געגוג אורזאַך אויף צו דאַנקען און לויבען, ווי דער פייטן דריקט זיך אויס: „מה יתאונן אדם חי, דיו שהוא חי" (פיוט שחרית יוה"כ), דער פאַקט אַז מיר האָבען דורכגעלעבט די צרות און דער לעבענס־פאָדים האָט זיך ניט איבערגעריסען, דאָס אַליין איז אַ גע־נוגענדע סבה פאַר א ברכת שהחיינו.

אויב אָבער די דאָזיגע שהחיינו ברכה ווערט אויך ווידערהאָלט ביים שופר בלאָזען, איז שוין דערביי דאָ אַ גאַנץ אַנדער געדאַנק, וואָס גיסט זיך צונויף מיט דעם אויבענדערמאָנטען סליחות געדאַנק, אַ געדאַנק וואָס רופט ווידעראַמאָל אַרויס די הרהורי תשובה אויף וועלכע די דאָזיגע טעג זיינען הויפטזעכליך געבויט.

דער שופר מיט זיין שהחיינו זיינען אויבענאויף אַביסעל זיך סותר איינס דאָס אַנדערע; ווייל וועהרענד „שהחיינו" איז דער אויסדרוק פון פרייד, איז דער שופר אַליין גראָדע דער אויסדרוק פון זיפץ, און זיינע שברים און תרועה'ס ווערען דאָך אין דער גמרא באַצייכענט אַלס „גנוחי גניח וילולי יליל," טאָ ווי האַרמאָנירען זיי, דער שופר מיט זיין שהחיינו?

אָבער פונקט ווי אין די סליחות, איז דער „לך ה' הצדקה" אַ מין פאָרוואורף צום „כדלים וכרשים דפקנו דלתיך," אַזוי איז דער „גנוחי גניח

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

וילולי יליל״ פון שופר אַ מין פאָרוואורף צום שהחיינו, און אַקוראַט ווי אין סליחות ברענגט דער פאָרוואורף דעם תקון אין געשטאַלט פון הרהורי תשובה, אַזוי איז עס אויך דער פאַל מיט שהחיינו און שופר.

דער „גנוחי גניח״ ענטפערט אַפּ אויף דעם שהחיינו אומגעפעהר אַזוי:

דו האָסט געמאַכט אַ שהחיינו מיט וועלכע דו האָסט אויסגעדריקט דיין פרייד פאַר דיין לעבען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר, ביסטו, הייסט עס צו־פרידען פון דעם דאָזיגען לעבען וואָס דו האָסט איינגעהאַנדעלט לעצטען יאָהר; האָסטו זיך אָבער פאַרטראַכט כדי אויסצוגעפינען אויב די דאָזיגע סחורה האָט זיך געלוינט איינצוהאַנדלען? האָסטו צומאָל ניט באַצאָלט אַ צו־טייערען פרייז פאַר דעם דאָזיגען לעבענס יאָהר? האָסטו צומאָל פאַר דיין תענוג החיים ניט באַצאָלט מיט דיין אמונה, מיט דיין תורה און יראת שמים? האָסטו דערפאַר צומאָל ניט באַצאָלט מיט דיין געוויסען און רעליגיעזע אי־בערצייגונגען? האָסטו צומאָל זיך ניט איינגעקויפט דיינע לעבענס פאַרגע־ניגענס אויפ׳ן חשבון פון אַן אַנדערענס טרעהרען און שוויס?

שהחיינו!

אָבער וואָס פאַר אַ לעבען איז עס ווירקליך געווען? איז עס געווען אַ ריין אידישער לעבען, אַ לעבען פון געטליכע אמונה? אַ לעבען לויט די תורה פאַראָרדענונגען פון מצות שבין אדם למקום ובין אדם לחבירו? האָסטו, צומאָל ניט פאַר׳משכונ׳ט אַלע גייסטיגע ווערטהען כדי אויף זייער חשבון צו געניסען פון דיינע פיזישע פאַרגעניגענס?

אָט דאָס איז דער ענטפער פון שופר מיט זיינע גנוחי גניח׳ס אויף די פרייד פון דעם שהחיינו!

דער שופר וואָס דערמאָנט אין באַרג סיני און מתן תורה, מאָנט דיין וחשבון!!...

און פון אָט דעם דיך וחשבון קומט מען ממילא צו חשבון הנפש, און דער חשבון הנפש פיהרט צו „חרטה לשעבר״; מען ווערט אַ „חכם הרואה את הנולד״ וואָס בדרך מליצה קען עס אויך מיינען די פאַרגאַנגענהייט, „הנולד כבר,״ וואָס איז שוין לאַנג געבאָרען געוואָרען; דער שופר ברענגט צו דיינע עראינערונגען די אַלע איבלען פון לעבען מיט וועלכע דו האָסט געצאָלט דעם לעבענס פרייז אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר...

לסליחות

און פון דעם חרטה לשעבר קומסטו צו דעם „קבלה להבא״ און דערמיט דערגרייכסטו צום קלימאַקס פון תשובה, וואָס דערפיהרט צום שופר עפּילאָג וואָס דריקט זיך אויס אין דעם:

אשרי העם יודעי תרועה!

און חז״ל קאָמענטירען דערויף: „שהן מכירין לפתות את בוראן בתרועה והוא עומד מכסא דין לכסא רחמים ומתמלא עליהן רחמים, והופך להן מדה״ד למדת הרחמים.״ (ויקרא רבה, כ״ט־ג׳).

די הרהורי תשובה וואָס קומען דורכ׳ן שופר, ענדערען די גאַנצע סיטואַציע, די סנגוריה פאַרנעהמט דעם פּלאַץ פון די קטגוריה און די מדת הרחמים פאַרשטויסט די מדת הדין.

***

„אמר ר׳ אלעזר אם נעשה הדין למטה, אין הדין נעשה למעלה, ואם לא נעשה הדין למטה, הדין נעשה למעלה״ (דברים רבה, פ״ה—ה׳).

ווען דער מענש ציהט אויף זיך אַליין אַרויף אַ דין, ער שטראָפט זיך אַליין מיט זיין געוויסענסביסע, מיט זיין חשבון הנפש, מיט זיין חרטה און זיין תשובה, האָט ער זיך מעהר ניט צו שרעקען פאַר׳ן דין של מעלה.

והשיבו וחיו (יחזקאל י״ח—ל״ב).

דורכ׳ן „והשיבו,״ דורך תשובה טאָן, קומט דער „וחיו,״ די תשובה וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פון שופר, גיט אַ באַרעכטיגונג צום „וחיו,״ צום שהחיינו, דער „גנוחי גניח״ איז שוין מעהר ניט קיין סתירה צום „שהחיינו,״ נאָר פאַרקעהרט, דורכ׳ן גנוחי גניח קריגט דער שהחיינו זיין אמת׳ן תקון און מען קען מיט פרייד און מיט שמחה מאַכען די דאָזיגע ברכה:

שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!

חשבון הנפש

חייב אדם למשמש בגדיו ערב שבת עם חשיכה; א״ר
יוסף הלכתא רבתא לשבתא שמא ישכח ויצא.
(שבת י״ב).

חכמת החשבון איז אַ חכמה ווי אַלע אַנדערע חכמות; אַ וויסענשאַפט וואָס מען דאַרף לערנען און שטודירען; זי איז פאַרצווייגט און אויך קאָמפליצירט.

אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער היים האָט מען געלערענט קינדער „חשבון״ אין זעהר אַ קליינע פּראָפּאָרציע, כמעט „אויפ׳ן שפּיץ מעסער.״ מען האָט דער עיקר געהאַלטען דעם קינד פאַרנומען מיט לערנען גמרא מיט תוספות און מפרשים. אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון יענע חדר קינדער און ישיבה תלמידים וואָס אַ דאַנק זייערע פון נאַטור באַגאַבטע פעהיגקייטען, האָבען זיך אַליין ערוואָרבען די דאָזיגע קענטניס. דער דורכשניטליכער תלמיד איז טאַקע געבליבען הינטערשטעליג אין דער דאָזיגער מאַטעמאַטישער לעהרע.

דאָ אין אַמעריקאַ, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע מאָדערנע און אַזוי גערופענע ציוויליזירטע לענדער, ווערט שוין גראַדע גאַנץ פלייסיג געלערענט חכמת החשבון; עס פאַרנעהמט אַ גאָר חשוב׳ען פּלאַץ אין דעם תכנית הלמודים און גאַנץ קליינע קינדער וויסען שוין פיעל מעהר מאַטעמאַטיק ווי עס האָבען אין דער אַלטער היים געוואוסט גרויסע און דערוואַקסענע.

דערפאַר אָבער ווען עס קומט צו חשבון הנפש, צו גייסטיגע מאַטעמאַטיק, איז שוין די זאַך אומגעקעהרט. יענע אַלט־היימישע „קאַליקעס״ אין חשבון זיינען געווען גאָר גרויסע „בריות״ אין חשבון הנפש, וועהרענד די הייגיגע מאַטעמאַטישע „גאונים״ זיינען וויסטע קאַליקעס אויף דעם דאָזיגען געביט.

„אַז מען לעבט מיט חשבון שטאַרבט מען מיט תשובה״ — לויטעט אַ

חשבון הנפש

פאָלקס־אויסדרוק, און דער דאָזיגער „חשבון״ איז ניט קיין לוקסוס זאָך נאָר אַ לעבענס נויטווענדיגקייט אָהן וועלכעס דער גייסטיגער לעבען איז אַבסאָלוט ווערטלאָז.

און עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישען יענע וואָכעדיגע חכמת החשבון און דעם גייסטיגען חשבון הנפש. ביים חשבונ׳ען וואָכעדיגע חשבונות, איז אויב דער סך־הכל ווייזט אויף אַ דעפעציט, קענען די חובות ניט גוט געמאַכט ווערען סיידען מען זוכט נייע קוועלען פון הכנסה, די חובות גופא קענען ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין זכויות, פון „דעביט״ קען ניט ווערען קיין „קרעדיט.״

אַנדערש איז אָבער מיט גייסטיגע חשבונות וואָס ווען אַפילו דער סך־הכל ווייזט אויף אַ דעפעציט און עס זיינען דאָ סך חובות, קענען די זעלבע חובות פרוואַנדעלט ווערען אין זכויות. מען דאַרף נישט צוטראָגען קיין נייע מצוות אויף דעקען דעם חוב; גענוג בלויז אַן אמת׳ע תשובה, אַ „חרטה לשעבר וקבלה להבא״ און עס טאָן מאהבה און דאַן ווערען די חובות אַליין זכויות...

די מעטאָדען פון „תשובה״ ווערען אָנגעצייכענט אין פיעל ערטער פון אונזערע חז״ל, אייניגע פון וועלכע מיר וועלען דאָ ציטירען מיט געוויסע באַלייכטונגען.

אין מסכת ברכות (דף ה׳) געפינען מיר פאָלגענדען מאמר:

> לעולם ירגיז אדם יצה״ר על יצ״ט שנאמר (תהלים ד׳) רגזו ואל תחטאו, אי אזיל מוטב ואם לאו יעסוק בתורה; אי אזיל מוטב ואי לא יקרא ק״ש; אי אזיל מוטב ואי לא יזכור לו יום המיתה שנאמר ודומו סלה.

זיינען דאָ אָנגעגעבען פאַרשידענע מיטלען פאַר׳ן קאַמף מיט׳ן יצר הרע. דער זיכערסטער פון וועלכע איז, דער לעצטער, די עראינערונג אין דעם יום המיתה.

עס ווערט ניט געזאָגט, יזכור לו את המות, נאָר יום המיתה, ניט אין טויט הייסט מען איהם זיך דערמאָנען, נאָר אין טאָג פון טויט וואָס מיינט דער טאָג ווען דער טויט דערנעהענטערט זיך צו איהם.

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

איז מיט דעם אָנגעדייטעד געוואָרען אויף אַ זעהר קלוגען מיטעל, אַ מין סטראַטעגישער צוג געגען דעם שונא אין געשטאַלט פון יצר הרע.

די וועגען פון יצר הרע זיינען דאָך קלאָהר פאַר אונז, ער זוכט דאָך אַלעמאָל איבערצוכיטרעווען דעם מענשען. ער קומט ניט סתם הייסען טאָן אַן עבירה, אַזוי אַז דער מענש זאָל איהם גלייך דערקענען אַלס אָפענער שונא. ער פאַרשטעלט זיך גראַדע אַלס פריינד און מאַכט דעם אָנשטעל אַז ער הייסט איהם גאָר טאָן מצוות און ניט קיין עבירות...

אַזוי, למשל, ווען דער איד וויל אויפשטעהן גאַנץ פריה, בהשכמה, כדי צו דאַוונען „תפלת ותיקין" וואָס איז אַ גרויסע מצוה, קומט דער יצה"ר און צייגט איהם אָן אַז „ונשמרתם לנפשותיכם" איז אויך אַ גרויסע מצוה און בלייבען אויפ'ן געלעגער צו געניסען פון רוה נאָך אַ שטונדע וועט ער דערמיט כ'לעבען מקיים זיין אַ פיעל גרעסערע מצוה...

דאָס זעלבע ווען דער איד געפינט זיך ווייט אַוועק פון דער היים און עס איז איהם שווער צו געפינען כשר'ע שפייז, אָבער אַלס איד איז ער גרייט זיך פייניגען אַבי ניט נכשל ווערען ח"ו אין טרפות, קומט דער יצה"ר און קלערט איהם אויף, אַז ער קען קומען לידי סכנה און ממילא איז דאָך פקוח נפש דוחה אַלצדינג...

און אַזוי אויף יעדער טריט און שריט, צי עס האַנדעלט זיך וועגען שמירת שבת, צי וועגען חנוך הבנים אד"ג, ווענדעט דער יצה"ר אַלץ אָן אַזעלכע „איבערצייגענדע" אַרגומענטען דורך וועלכע איהם אַריינצוכאַפּען אין זיין נעץ.

דעם ווייטערדיגען פראָצעס ווייסען מיר דאָך שוין; עס איז ווי די גמרא שטעלט עס פאַר: „הוא היצה"ר, הוא השטן והוא מלאך המות; יורד ומשטין, עולה ומקטרג, נוטל רשות ויורד ונוטל נשמה."

דער סוף אַנטפּלעקט שוין דעם גאַנצען אמת, דען אויב אַט דער כלומר'ט־טער „פריינד" איז גאָר דער זעלבער וואָס קומט איהם טויטען אויפ'ן חשבון פון זיינע פריהערדיגע „פריינדליכע" עצות, איז דאָך דער בעסטער באַוויז אַז ער האָט דאָ געשפּיעלט אַ פאַלשע קאָמפּלאַזשנע ראָלע און אַז אַנשטאָט אַ פריינד איז ער גאָר דער ביטערסטער שונא.

און דאָס האָבען חז"ל קענטיג געמיינט מיט דעם יזכור לו יום המיתה;

חשבון הנפש

דער מענש זאָל זיך דערמאָנען אין דעם טאָג פון טויט און אין דעם העלד פון יענעם טאָג, דער גבור היום אין געשטאַלט פון מלאך המות וואָס איז אַ שם נרדף צום יצר הרע, און דאַן וועט ער שוין ממילא זיין באַוואָפּענט מיט די נויטיגע אַמוניציע אויף אָפּצופּייערען אַ קאָנטער־אַטאַקע אויף זיין מעכ־טיגען שונא וואָס וועט לאָגישערוויזע צושמעטערען זיין סטראַטעגישע פּאָ־זיציע וואָס איז איינגעשלייערט אין אַ שלייער פון זאָגענאַנטע פריינד־שאַפט....

***

אַ צווייטער פּערעלדיגער מאמר חז״ל וואָס ווייזט אָן די ריכטונג צו תשובה און חשבון הנפש, געפינט זיך אין מסכת שבת (דף יב):

חייב אדם למשמש בגדיו ערב שבת עם חשיכה; אמר רב יוסף הלכתא רבתא לשבתא שמא ישכח ויצא.

ערב שבת און שבת זיינען, לויט חז״ל, די סימבאָלישע באַצייכענונגען פאַר דעם עולם הזה (ערב שבת) און עולם הבא (שבת): „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בע״ש, מהיכן יאכל בשבת (ע״ז ג׳).

קומט די דערמאָנטע גמרא און וואָרענט דעם מענשען אַרומצוטאַפּען און בודק זיין זיינע מלבושים (מצות און מעשים טובים ווערען אָנגערופען די מלבושים פון דער נשמה) ערב שבת און זעהן צי זיי זיינען ניט איינגע־שמירט מיט זינד, ווייל: „שמא ישכח ויצא,״ טאָמער וועט ער פאַרגעסען און אַרויסגעהן פון דעם דאָזיגען ערב שבת, דעם עולם הזה און אַריינקומען אין שבת (אין עולם הבא) מיט איינגעשמירטע קליידער, בגדים צואים ומלוכלכים...

רב יוסף גיט־צו דערצו: הלכתא רבתא לשבתא!

דאָס דאָזיגע איז אַן אָנדייטונג אויף דעם וואָס מיר געפינען אין אַן אַנדער אָרט אין חז״ל:

כי קא ניחא נפשיה דמר עוקבא אמר, אייתו לי חושבנאי דצדקה, אשכה דהוה כתיב ביה שבעת אלפי דינרי סיאנקי, אמר: זוודאי קלילי ואורחא רחיקתא (כתובות ס״ז).

ווען מר עוקבא האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער געהייסען זיך

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ברענגען דעם רעקאָרד פון זיין צדקה וואָס ער האָט געגעבען, עס איז דאָרט געווען פאַרצייכענט די סומע פון זיבען טויזענט דינרים; האָט ער דאַרויף באַמערקט: „אַזוי ווייניג שפייז פאַר אַזאַ לאַנגען וועג.״

דאָס זעלבע האָט רב יוסף מרמז געווען: „הלכתא רבתא לשבתא״; „הלכתא,״ לשון הליכה, אַ גרויסער גאַנג — לשבתא, צו דער שבת וועלט (עולם הבא), אַ ווייטער וועג פון וועלכען מען קומט ניט צוריק אַזוי שנעל און פאָלגליך מוז מען זיך באַזאָרגען מיט אַ סך גייסטיגע שפייז וואָס מען דאַרף אָנגרייטען ערב שבת, און דערפאַר — חייב אדם למשמש בגדיו...

***

אַט אַזאַ חשבון הנפש דאַרף זיך דער איד מאַכען יעדען טאָג פון יאָהר, אָבער באַזונדערס „ערב שבת עם חשיכה,״ ווען עס שלאָגט די עלפטע שטונדע און מען דאַרף איבערגעהן פון ערב שבת צום שבת...

און אַזוי האָבען טאַקע געטאָן די גרויסע אידען אין אַלע דורות, רב עוקבא איז בלויז געווען איינער פון זיי.

אַט געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע צוואה אין דער זעלבער ריכטונג פון חשבון הנפש פון איינעם פון די גרעסטע תנאים, רבי יוחנן בן זכאי.

נאָהענט פאַר זיין טויט, זיינען די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי אַריין צו נעהמען אַ ברכה פון זייער גרויסען רבין. די ברכה איז געווען אַ קורצע אָבער זעהר גייסטרייך אין איהר אינהאַלט.

ער האָט זיי געבענטשט:

„יהי רצון שיהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם״

(ברכות)

מענשען האָבען אַ טבע צו זאָרגען בלויז פאַר זייערע מאַטעריעלע אינ־טערעסען, פאַר דעם חלק פון זייער „בשר ודם,״ פאַר דעם האָבען זיי שטאַרק מורא און האַלטען אין איין חשבונ׳ען; זיי דאגה׳ן אָבער ניט פאַר דעם חלק שמים, פאַר דעם הימלישען טייל, פאַר דעם נפש זייערען. דער גרויסער רבי זייערער, דער העלד פון יבנה, ביי וועמען זיין ישיבה האָט פאַרנומען דעם הויפט פלאַץ אין יענער טראַגישער חורבן עפּאָכע, האָט זיי געבענטשט און אויסגעדריקט זיין וואונש אַז די מורא שמים, די זאָרג און מורא פאַר

חשבון הנפש

דעם הימלישען טייל, פאַר דעם חלק הנפש, זאָל זיי ניט וועניגער באַאומרוהי־גען ווי די „מורא בשר ודם," די זאָרג פאַר דעם פלייש־בלוט טייל...

***

ובא השמש וטהר! (ויקרא כ"ב—ז')

מיט זון־אונטערגאַנג, ערב שבת עם חשיכה, דאַרף מען זיך רייניגען און פאַרברייטען ליום שכולו שבת בבגדים נקיים ולבנים, כדי עס זאָל מקוים ווערען דער „וקראת לשבת עונג, לקדוש ה' מכובד." (ישע"י נ"ח—י"ג).

חיים למשמש בגדיו — —

שמא ישכח ויצא!!...

דרוש לראש השנה

אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים.
(ישעי׳ מ״ד־ו׳)

עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך, ווייזען אַן מאַנכע פון די גדולים, אַז אַפילו די היילינגע י״ב שבטי י—ה, געפינט מען ניט ביי זיי אַז זיי זאָלען דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען איידער עס איז אויף זיי געקומען אַן עת צרה. אין די ערשטע קאַפּיטלען פון זייער לעבענס געשיכטע, ווען זיי זיינען אַלע געווען מיט׳ן טאַטען אין דער היים, האָבען געגאַסען פון אַלדאָס גוטס און עס האָט זיי גאָר ניט געפעהלט, הערט זיך ניט אַז זיי זאָלען ווען עס איז זיך פאַררופען אויף ג־ט. ערשט דאַן, ווען דער שיקזאַל האָט זיי געבראַכט קיין מצרים, וואו זיי זיינען פאַרדעכטיגט געוואָרען אַלס שפּיאָנען; שמעון, זייער ברודער, איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר זייערע אויגען, אַ שטרענגער באַפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַז זיי זאָלען ברענגען בנימינ׳ען, און צוריקקעהרענדיג זיך אַהיים, האָבען זיי אין וועג זיך געכאַפּט אַז מען האָט זיי צוריק אונטערגעוואָרפען דאָס געלט וואָס זיי האָבען אין מצרים באַצאָלט פאַר די תבואה וואָס זיי האָבען דאָרט געקויפט; צוזאַמענגנעהמענדיג אַט די אַלע געשעהענישען, וועלכעס האָט זיי באַוויזען אַז דאָ ווערט פאַר זיי אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון אַ העסליכער קאָנספּיראַציע מיט פאַבריצירטע בלבולים, ערשט דאַן ווען זיי האָבען געזעהן אַז זיי געפינען זיך אין אַ שרעקליכער עת צרה, דערהערט זיך דאָס ערשטע מאָל זייער פאַרצווייפעל־טער אויסרוף: „מה זאת עשה לנו אלקים״; איצט ערשט האָבען זיי זיך דערמאָנט אין ג־ט, וועהרענד אין דער עת טובה, אין צייט פון ברכה און גליק, איז ג־ט ווי געגנצליך פאַרגעסען געוואָרען...

און אַפילו יוסף אַליין, זיין דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען האָט זיך אויך ערשט געהערט דעמאָלט ווען ער האָט זיך געפונען אין אַן עת צרה ביי דעם טראַגישען אינצידענט מיט דער אשת פוטיפר, ווען ער האָט אויס־גערופען: „איך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים.״

לראש השנה

מייגט זיך גאטירליך ניט דערמיט צו ציהען א שאטען אויף די הייליגע שבטי י״ה; עס איז אָבער אין דער בחינה פון „מעשי אבות סימן לבנים,״ ווי עס איז דער פאל למשל מיט מעשה ראובן ובלהה, יהודה ותמר און ד. גל. מען דארף לערנען פון די מעשי אבות ניט בלויז פון די פאזיטיווע ערשיי־נונגען נאר אויך פון די נעגאטיווע, די ערשטע צייגען אן וואס יא צו טהאן, די צווייטע, וואס ניט צו טהאן און אלו ואלו דברי אלקים חיים.

אויב דער „מה זאת עשה לנו אלקים״ באצייכענט בלויז א צרה, לאזט זיך דאך דערפון דרינגען, אז נאר די צרה שטעלט מען צו צום געטליכען קרעדיט און נאר פאר אן אומגליק האלט מען ג־ט פאראנטווארטליך, אבער ניט פאר׳ן גליק... אזא שטעלונג לאזט זיך אויסטייטשען אז ווען עס קומט צו גליק, דאן איז „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״ און דארויף האט דאך שוין די תורה א שטארקען פארוואורף געמאכט; אזא שטעלונג גרעניצט זיך דאך ח״ו מיט כפירה. ביז א געוויסען גראד איז אבער אט דער פאל נאך אפשר פיעל ערגער פון כפירה, און אויך אין דעם לאזט זיך מליצה׳־דיג זאגען אז א „מודה במקצת״ איז מעהר חייב ווי א „כופר הכל,״ ביי די צרה מודה זיין אין דעם כח פון די גאטהייט און ביי די טובה, כופר זיין, איז פיליכט ערגער ווי אין גאנצען כופר זיין, דען ער שטעלט דערמיט אוועק די גאטהייט אין א מורא׳דיגע מיזעראבעלע טונקעלקייט, א ג־ט פון גרויזאמקייט, פון שלעכטס און בייזוויליגקייט...

דער דאזיגער איינדרוק שאפט זיך אויך, ווען מיר לייענען די געשיכטע פון נעמי, וועלכע האט דורכגעמאכט צוויי תקופות אין איהר לעבען; די ערשטע, א גליקליכע און צופרידענע, די צווייטע, אן אומגליקליכע און צרה׳דיגע. אין איהר היים, בית לחם, געווען א רייכע, גליקליך צופריידענע בעל הבית׳טע, געפיהרט א שעהנעם פאמיליען לעבען, א פראמינענטען מאן און בכבוד׳יגע קינדער געהאט, רייכטום און כל טוב, און דאן אין שדי מואב, וואוהין די פאמיליע האט אויסגעוואנדערט, האט זיך דארט דאס רעדל איבערגעדרעהט, פארלוירען אלעס, אי דעם מאן, אי די קינדער, אי דאס פארמעגען.

אין צייט פון איהר גליק האט מען פון איהר ניט געהערט קיין געזאנג־ליעדער צו ג־ט; ווען אבער זי האט זיך געפונען אין איהר צרה צושטאנד,

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

דערהערט מען שוין מיט אַ מאָל די קלאָג־ליעד: „כי יצאה בי יד ה׳,״ די האַנט פון ג־ט האָט זיך אויף מיר שווער אַרונטערגעלאָזען.

אָבער אויב אין דעם דאָזיגען פסוק הערט זיך נאָר דער צרה קלאַנג וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט אויפ׳ן חשבון פון ג־ט, קומט אָבער אַ צווייטער פסוק, וועלכער דערגענצט שוין די טרויעריגע בילד אין איהר פולען קאָליר. נעמי זאָגט ווייטער:

אני מלאה הלכתי
וריקם השיבני ה׳

אַ פולע בין איך אַוועקגעגאַנגען און אַ ליידיגע האָט מיר ג־ט צוריקגעקעהרט.

אין אָט דעם פסוק רעדט זיך שוין פוןביידע תקופות, די גוטע און די שלעכטע, די פולע און די ליידיגע; אָבער ווערענד ביי דעם „ריקם,״ די ליידיגע, וואָס באַצייכענט דעם אומגליק ווערט דערביי אונטערשטראָכען דער „השיבני ה׳״ און שטעלט צו דעם אומגליק צו ג־ט, ווערט דאָס זעלבע אָבער ניט געטאָן ביים „מלאה,״ ווען זי איז געווען פול מיט גליק. ביי דעם איז שוין דאָ אַן אַנדער טאָנע; דאָ ווערט שוין גאָר אונטערשטראָכען דער „אני״ — אני מלאה הלכתי,״ דעם קרעדיט פאַר׳ן גליק נעהמט זי שוין פאַר זיך אַליין, און די גאָטהייט האָט שוין משמעות אין דעם גאָר ניט אָפּערירט...

אַזוי האָט גערעדט נעמי, און אַזוי רעדען ליידער פיעל אַנדערע, צום גליק נעהמט מען ניט אַריין ג־ט פאַר קיין שותף, צום אומגליק — יאָ.

אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים!

מען דאַרף פיהלען דעם געטליכען כח סיי ביים ראשון ווען מען שטעהט אין פאָדערגרונט, ווען מען פאַרנעהמט דעם אויבענאָן און סיי ביים אחרון אין די אונטערשטע רייהען, ווען מען שטעהט ביים הינטערגרונט; אין ביידע פאַלען איז — „ומבלעדי אין אלקים,״ די גאָטהייט אָפּערירט אין אַלע צייטען.

ניט נאָר ווען עס קומט צום בעכער פון טרעהרען און יסורים דאַרף זיך דערהערען דער „האלקים מצא את עון עבדיך,״ נאָר אויך ווען עס קומט צום בעכער פון גליק; אויך ביים „כוס ישועות״ דאַרף זיין: „ובשם ה׳ אקרא.״

לראש השנה

***

מיר האָבען פריהער דערמאָנט דעם „מעשי אבות סימן לבנים." זיינען דאָך אָבער די מעשי אָבות אויך אָנגעפילט מיט פיעל ליכטיגע ערשיינונגען אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ די אמת'ע געטליכע אמונה. ביי די מעשי אָבות זיינען דאָך די „אורות מרובים על הצללים"; די שאָטענדיקע צייט ווערט דאָך בטל און פאַרשוואונדען אין די גרויסע ליכט שטראָמען וועלכע האָבען באַשטראַהלט זייער גאַנצען לעבענסגאַנג; און אויב מיר האַלטען ווירקליך די מעשי אָבות אַלס סימן וואָלטען מיר דאָך געדאַרפט זיין קאָנ־סעקווענט, אויסגעהאַלטען און אויסנוצען דעם דאָזיגען סימן אויף זיך צו באַקענען געגוי מיט זייער לעהרע און ניט בלויז ירש'ענען די שוואַכע, טונקעלע אייגענשאַפטען, נאָר אויך די שטאַרקע, ליכטיגע.

ליידער אָבער איז דער פאַקט ניט אַזוי. אויב מיר האָבען עפּעס יאָ גע'ירש'ענט פון די מעשי אָבות איז דער דאָזיגער „עפּעס" גראַדע דער שוואַכער טייל און ניט דער שטאַרקער, דאָס טונקעלע און נעגאַטיווע און ניט דאָס ליכטיגע און דאָס פּאָזיטיווע.

געגוג צו נעהמען פאַר אַ ביישפּיל אונזער טראַדיציאָנעלען „יזכור," וועלכער איז צווישען אַלע אַנדערע אידישע שוהל תפלות, די מעהר פּאָפּו־לערסטע און מעהר מזל'דיגע תפלה און ציהט־צו אַ ריעזיג גרויסען עולם. מען שטראָמט אין שוהל אַריין אין גרויסע געדיכטע מאַסען. יזכור ווערט דאָך געזאָגט בלויז אין די יום־טוב טעג דעמאָלט, ווען אַלע אַנדערע תפלות זיינען פון אַ פרעהליכען כאַראַקטער, יום־טוב'דיג אין פולען זין, איבערהויפּט דער „הלל" וואָס דריקט אויס דעם נשמה געזאַנג און איז אַ תפלת־הודאה אויף די טובות און חסדים פון השם יתברך.

און דאָך פאַרמאָגט ניט דער דאָזיגער הלל אַזאַ כח המושך ווי דער יזכור; אין יענע יום־טוב טעג ווען מען זאָגט קיין יזכור ניט איז די שוהל אויך ליידיג פאַר יזכור און נאָך יזכור און בלויז צו יזכור אַליין איז די שוהל איבערפאַקט.

באַווייזט עס, ווי געזאָגט, אַז בלויז צו צרות און געוויין האָט מען אין זינען דעם רבונו של עולם און ניט צו שמחה און פרייד...

יזכור אלקים את נשמת!

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

פאַר׳ן אַוועקנעהמען די נשמה איז דער רבונו של עולם יאָ פּאַראַנט־וואָרטליך אָבער פאַר אויפהאַלטען די נשמה ביים לעבען — ניט...

ראש השנה איז אַ טאָג פון חשבון הנפש; וואָלט מען צווישען אַלע אַנדערע חשבונות זיך געדאַרפט אָפּגעבען אַ שטיקעל חשבון הנפש טאַקע וועגען אָט דעם חשבון הנפש גופא. אַ חשבון מוז זיין אויסגעהאַלטען פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער; אַ חשבון מוז זיין פּינקטליך, זאָל איין איינציגער ציפער אויסגעלאָזט ווערען, דאַן איז שוין דער גאַנצער חשבון פאַלש. און ליידער ווערען היבשע שורות אויסגעלאָזען פון דעם דאָזיגען חשבון הנפש.

דער „בראש השנה יכתבון” ענטהאַלט אַ באַדייטענדע צאָהל „ציפערען” און אַלע מוזען אַריין אין חשבון, דער „מי יחיה” פּונקט ווי דער „מי ימות,” דער „מי יעשר” ווי דער „מי יעני” און דער „מי ירום” ווי דער „מי ישפל” און קוים ווערען אייניגע אויסגעלאָזען פון חשבון, איז שוין דער חשבון פאַלש... און עס איז דאָך ניט דערלאָזבאַר אַז דער חשבון הנפש, וועמעס הויפּט־ציעל איז דאָך צו דערפיהרען צו תשובה, זאָל דער דאָזיגער חשבון גופא פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ זינד פון מאַכען אַ פאַלשען חשבון...

אני ראשון ואני אחרון!

דאָס איז די ראש השנה לעקציע וואָס דאַרף דיענען אַלס וועגווייזונג פאַר׳ן גאַנצע יאָהר. „ומבלעדי אין אלקים”! מען דאַרף געפינען דעם געטליכען כח סיי אין דעם ראשון און סיי אין דעם אחרון, סיי ווען מען איז אויף דער אויבערשטער פלאַכע פון גדולה און סיי ווען מען געפינט זיך אין הינטערגרונט.

***

דער תלמודישער אויסדרוק: „כשם שמברכין על הטובה כך מברכין על הרעה” דריקט מיט זיך אויס דעם דאָזיגען געדאַנק; דען כדי צו קענען זיין אַ „מברכין על הרעה”, דאַרף מען פריהער זיין אַ „מברכין על הטובה”; אויב מען פיהלט אַז פאַר די טובה איז אויך די גאָטהייט פאַראַנטוואָרטליך איז שוין דאַן פיעל גרינגער אויך צו זיין אַ מברך על הרעה; עס איז דע־מאָלט אין דער בחינה פון „וכי את הטוב נקבל — — —?”

אני ראשון ואני אחרון!!

ליום ב׳ דראש השנה

ויהי אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם.
(בראשית כ״ב־א׳)

מאי אחר? א״ר יוחנן משום ר׳ יוסי בן זמרא ,אחר דבריו של שטן; אמר שטן לפני הקב״ה: רבונו של עולם זקן זה חננתו למאה שנה פרי בטן, מכל סעודה שעשה לא היה לו תור אחד או גוזל אחד להקריב לפניך, אמר לו הקב״ה, כלום עשה אלא בשביל בנו, אם אני אומר לו זבח את בנך לפני, מיד זובחו; מיד — והאלקים נסה את אברהם, ויאמר קח נא את בנך.
(סנהדרין פ״ט:).

מיר זיינען מתפלל: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״. דער שטן וואָס שטעלט זיך אין וועג ביי יעגער גוטען טהאַט וואָס אַ איד וויל דורכפיהרען פאַר ג־טס וועגען, אַפּערירט מיט זיין שטנה סיי מלפנינו און סיי מאחרינו, פאַר דעם דאָזיגען טהאַט און אויך נאָך דעם. ער שטעלט זיך אין וועג ביים סאַמע אנהויב, ניט צו לאָזען דורכפיהרען די באַטרעפענדע מצוה; און אויב דאָס דאָזיגע געלינגט ניט און די מצוה ווערט דאָך געטהאָן, ערשיינט ווידער דער שטן מיט אַ טרוג, זוכט פגימות אויף דער דאָזיגער מצוה כדי ניט צודערלאָזען דעם קבלת שכר.

און אויב דאָס איז ביי אירגענד וועלכע מצוה, על אחת כמה וכמה ווען עס האַנדעלט זיך אין אַ מצוה וואָס איז פאַרבונדען מיט נסיונות, דען וואָס שווערער די מצוה, אַלץ שטאַרקער דער שטן.

עס איז דעריבער זעלבסט פאַרשטענדליך אַז אברהם אבינו וועמעס גאַנצער לעבען איז געווען אַ קייט פון גאַלע נסיונות, האָט ער נאַטירליך געהאַט דורכצומאַכען שווערע קאַמפּפען מיט׳ן שטן אויף יעדען טריט און שריט, קאַמפּפען פון „מלפנינו״ און „מאחרינו״...

דער קלימאַקס פון די דאָזיגע נסיונות איז אָבער געווען דער דאָזיגער

ליום ב׳ דראש השנה

לעצטער נסיון פון עקידת יצחק. דער שטן האָט זיך דאָ אָנגעכאַפּט אין דעם גרויסען נס וואָס ג־ט האָט באַוויזן צו אברהם און שרה און זיי באַשאַנקען מיט אַ זוהן צו אַזאַ הויכען עלטער און געזוכט אַריינצואוואַרפען זיין שטן גיפט און באַווייזען ווי אונדאַנקבאַר דער דאָזיגער זקן איז, אַז פון דער גרויסער סעודה וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיינע צאָהלרייכע פריינד לכבוד דער גרויסער גליקליכער געשעהעניש, האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיג זאָגאַר דעם קלענסטען קרבן צו ברענגען פאַר ג־ט׳ס וועגען.

האָט דער דאָזיגער קטרוג געבראַכט צום גרויסען נסיון פון דער עקידה ווען דער רבונו של עולם האָט פאַרזיכערט דעם שטן אַז טראָצדעם וואָס די גרויסע סעודה איז דאָך געמאַכט געוואָרען בלויז צוליעב אָט דעם ניי געבאָרענעם ציטערענדיגען קינד, וועט אברהם פונדעסטוועגען זיין גרייט אָט דעם קינד גופא צו שעכטען פאַר ג־טס וועגען אַזוי שנעל ווי דאָס וועט פון איהם פאַרלאַנגט ווערען.

דער שטן האָט זיך נאַטירליך, שטאַרק אָנגעכאַפּט אין דעם. דאָ, האָט ער געקלעהרט, האָט ער שוין אַ פעטע שטיקעל אַרבייט פאַר וועלכעס עס לוינט זיך איינצושפּאַנען אַלע טייפלישע שטן כחות ניט צודערלאָזען דעם זקן אַרויסצוקומען זיעגרייך אויך פון אַזאַ גרויסען און שווערען נסיון.

דער פאַקט וואָס דער עקידה־נסיון האָט צו טהאָן מיט צוויי פּערזאָנען, מיט דעם אַלטען טאַטען און יונגען זוהן, האָט דעם שטנ׳ס פּאָזיציע נאָך שטאַרקער געמאַכט. ער האָט זיך געטראַכט: אויב עס זאָל זיך אפילו מיט׳ן אַלטען אברהם׳ן ניט איינגעבען, קען עס זיך דאָך אָבער איינגעבען מיט׳ן יונגען יצחק...

און דער שטן קאַמפף האָט זיך אָנגעפאַנגען:

„בא לו אצל אברהם ואמר לו: סבא סבא, איבדת לבך? בן שניתן לך למאה שנה אתה הולך לשוחטו? אמר לו: על מנת כן. וכיון שלא הועיל ממנו כלום, בא לו אצל יצחק, אמר לו: ברא דעלובתא, אביך אברהם הולך לשחטך, אמר לו: על מנת כן אני הולך״. (ב״ר, נ״ו־ה׳).

פריהער קומט דער שטן צו אברהם׳ען און פּרובירט איהם איבערצייגען אַז ער האָט פּשוט זיין האַרץ פאַרלאָרען, דען ווי קען מען האָבען אַ האַרץ

לראש השנה

צו זעהן און שעכטען אַן אייגען קינד וואָס ער האָט איהם ערשט צו הונדערט יאָהר זוכה געווען צו באַקומען?

און ווען אברהם האָט אָבער טראַציג געענטפערט: „על מנת כן", איז דער שטן געגאַנגען פּרובירען זיין מזל ביי יצחק'ן: „אָרעמענס קינד" — טענה'ט צו איהם דער שטן — „דיין טאַטע אברהם געהט דאָך דיך אומ־ברענגען"? דעם זעלבען „על מנת כן" וואָס ער האָט אָבער באַקומען אַלס ענטפער מצד דעם אַלטען אברהם, האָט ער אויך באַקומען מצד דעם יונגען יצחק.

דער שטן האָט די ערשטע שלאַכט פאַרלאָרען...

טאַטע און זוהן זעצען פאָרט זייער מאַרשרוט. „וילכו שניהם יחדו". ביידע געהען פאַראייניגט מיט אַ פעסטען באַשלוס און מיט הייליגע אויפ־ריכטיגקייט דורכצופיהרען דעם געטליכען באַפעהל.

ביום השלישי וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק.

מרחוק! אברהם זעהט דעם אָרט פון דערווייטענס... עפּעס פיהלט ער אַז ער איז נאָך ווייט פון ציעל. דאָס ווערט איהם אַביסעל קשה'דיג. אין דער צייט וואָס ביי איהם איז געווען „וישכם אברהם בבוקר", ער האָט זיך געאיילט, געלאָפען טאָן די מצוה מיט זריזות, וואָלט זיך געפּאַסט אַז ער זאָל האָבען אַ שטיקעל „קפיצת הדרך" אויך... ער האָט דאָך דעם שטן שוין באַזיגט, דאַרף דאָך שוין איצט קיין אָפּהאַלט ניט זיין, און לסוף איז עס נאָך אַלץ מרחוק...

משמעות אַז ער איז נאָך מיט'ן שטן ניט פאַרטיג. פאַרלירענדיג די ערשטע שלאַכט, פאַרמעסט ער זיך הפנים אויף אַ צווייטע...

דאָס דאָזיגע ווערט איהם נאָך קלעהרער דורך אַ מאָדנע זעהונג וואָס זיין אויג כאַפּט אויף.

אונזערע חז"ל קאָמענטירען וועגען דעם וואָרט „וירא" און פרעגען: מה ראה? וואָס האָט אברהם אַזוינס דערזעהן וואָס זאָל איהם מאַכען צו גלויבען אַז דאָס איז דער ריכטיגער אָרט וואו ער דאַרף ברענגען יצחק'ן אויף דער עקידה?

דאַרויף ענטפערען זיי: „ראה ענן קשור בהר". ער האָט דערזעהן אַ וואָלקען אָנגעקניפּט אין באַרג; „אמר ליצחק: בני, רואה אתה מה שאני

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

רואה?״ אברהם פרעגט יצחק׳ן, צי זעהט ער דאָס זעלבע וואָס ער זעהט? „אמר לו: הן״, יצחק ענטפערט: יאָ! „אמר לשני נעריו: רואים אתם מה שאני רואה? אמרו לו, לאו״ ער שטעלט די זעלבע פראַגע צו זיינע צוויי יונגען, (אליעזר און ישמעאל, לויט חז״ל) אויב אויך זיי זעהען עפּעס, אָבער זיי ענטפערען איהם: ניין! „אמר: הואיל שאתם אינכם רואים, שבו לכם פה עם החמור״; ווי באַלד איהר זעהט ניט, טאָ בלייבט זשע דאָ מיט׳ן עזעל (ב״ר נ״ו־ב׳).

אברהם זעהט אַ וואָלקען צוגעקניפּט צום באַרג און זעהט דאדורך אַז דער שטן האָט שוין אָנגעפאַנגען זיין צווייטע שלאַכט; ער מאַכט דעם באַרג פינסטער אום דאָמיט פאַרצושטעלען אַ מאוים׳דיגע בילד פון דער סצענע וואָס דאַרף זיך באַלד אָפּשפּילען אויף דעם דאָזיגען באַרג. דער שוואַרצער וואָלקען שטעלט מיט זיך פאָר די שוואַרצע פאָהן וואָס ווערט אַרויפגעצויגען אויף אַן היגריכטונגס פּלאַץ אין צייט פון אַן עקזיקוציע... דערפון ווערט שוין אברהם׳ען קלאָהר אַז דאָס איז דער אָרט... און אַז ער, דער שטן, באַמיהט זיך דעם דאָזיגען אָרט צו דערווייטערען פון איהם, אָדער אברהמ׳ען דערווייטערען פון אָרט, אַז ער זאָל נאָך אין זיינע געדאַנקען זיין ווייט פון דורכפיהרען דעם עקידה אַקט... „ענן קשור אל ההר״! וואָס העכער דער באַרג, אַלץ פינסטערער דער וואָלקען; וואָס גרעסער דער נסיון, אַלץ שטאַרקער דער שטן...

דער שטן האָט אָבער אויך די צווייטע שלאַכט פאַרלאָרען!

וירא את המקום!

אברהם זעהט דעם אָרט און ניט דעם באַרג. ביי איהם איז עס ניט קיין באַרג אויף וועלכען מען דאַרף אַרויפקלעטערען מיט שווערער מיה נור אַן איינפאַכער פלאַכער אָרט צו וועלכען מען קען לייכט צוקומען...

וירא את המקום

וילך אל המקום

ויבא אל המקום

בלויז אָרט און אָרט! מיט זיין גרויסע אמונה און בטחון זעהט ער ניט קיין באַרגיגע שוועריגקייט אויף דעם נסיון בייצוקומען.

אברהם און יצחק טהיילען זיך אָפּ פון די צוויי יונגען, זייערע באַגלייטער.

לראש השנה

זיי, די יונגען, זעהען ניט דאָס וואָס אברהם און יצחק זעהען יאָ; פאַרשידענע השגות, אַנדערע אַנשויאונגען. זיי קענען ניט פאַרשטעהן אברהמ׳ען מיט זיינע דרכים; אברהם׳ס קרבנות זיינען פאַר זיי פרעמד און אומפאַרשטענדליך; זיי האָבען קיין באַגריף ניט אין אברהם׳ס געטליכע התלהבות און הימלישע אינספּיראַציע. בלויז אברהם און יצחק פאַרשטעהען זיך איינער דעם אַנדערען און בלויז ביי זיי קען זיין „וילכו שניהם יחדו״...

***

און דער „וילכו שניהם יחדו״ וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט יצחק׳ן איז נאָכהער דורות לאַנג פאָרטגעזעצט געוואָרען ביי קינדער און קינדס קינדער, אייניקלאַך און אוראייניקלאַך; און פאַר דורות לאַנג זיינען מיר געווען אַ רעטעניש אין די אויגען פון די „יונגען״, און די אויגען פון דער ניט־אידישער וועלט וועלכע האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן אונזערע קרבנות און מסירות־נפש פאַר אונזער געטליכע אמונה און אידישע תורה. אונזערע וועגען זיינען פאַר זיי פרעמד געווען און דערפאַר האָבען זיי מיט אונז ניט געקענט מיטגעהן אין די זעלבע וועגען. מיר האָבען זיך מיט זיי געקענט באַגעגענען אויף די וועגען פון וויסענשאַפט, חכמה, השכלה, פּאָליטיקה, אינדוסטריא, אַרבייט און נאָך אַנדערע פון דיזען סאָרט; אַזוי שנעל אָבער ווי עס איז געקומען צו אמונה און אין ברענגען קרבנות פאַר די דאָזיגע אמונה, דאָ זיינען מיר שוין אויטאָמאַטיש פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען. די פעהיגקייט און דער ווילען אויף ברענגען קרבנות פאַר אמונה, ווי טייער עס זאָל אונז נישט קאָסטען, דאָס איז בלויז געווען דאָס אייגענטום פון אברהם אבינו׳ס אייניקלאַך און ניט פון וועמען עס איז אַנדערש. אברהם׳ס קינדער און אייניקלאַך קענען איהם פאַרשטעהן אָבער אַנדערע ניט. אברהם זעהט; יצחק זעהט, די אַנדערע „יונגען״ אָבער וואָס געהען מיט איהם, זיי, זעהען ניט.

***

ליידער אָבער האָבען זיך די צייטען געביטען, און די גאָלדענע קייט וואָס האָט זיך געצויגען דורות לאַנג פון אברהם אבינו צו זיינע אייניקלאַך, האָט זיך לעצטענס אַנגעהויבען איבערצורייסען. דער „וירא את המקום מרחוק״

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

האָט שוין אין אונזערע דורות געקראַגען אַן אַנדער אויסטייטשונג, אזא אויף וועלכע עס האָט אַנגעוואונקען איינער פון די חז״ל אין מדרש:

וירא את המקום מרחוק

א״ר יצחק עתיד המקום לירחק מבעליו

(מ״ר נ״ו־ב׳)

ר׳ יצחק האָט דערזעהן אַז אין וייטען עתיד, וועט שוין יענער מקום אויך ווערען וויט פון אברהם׳ס קינדער; עס וועט שוין מעהר ניט זיין קיין מקום, נור אַ הר. ר׳ יצחק האָט טאַקע דערמיט מעגליך אין זינען געהאַט דעם חורבן בית המקדש ווען דער „אָרט״ וועט פון אונז אָוועק און דער־וויטערט ווערען, סימבאָליש אָבער דערהערט זיך אין דעם ניט בלויז דאָס וואָס דער אָרט וועט זיך פון אונז דערווייטערען, נור אויך דאָס וואָס מיר וועלען זיך דערווייטערען פון אָרט... דאָס וואָס מיר וועלען שוין מעהר ניט זיין פעהיג צו ברענגען די נויטיגע קרבנות פאַר אונזער אמונה און ניט קענעןביישטעהן די נויטיגע נסיונות פאַר אידישקייט.

און דאָס איז ליידער מקוים געוואָרען אויף אונזערע היינטיגע דורות. פון דעם פלאַכען מקום איז ביי אונז געוואָרען אַ שווערער באַרג, און עס קומט אונז אַן זעהר שווער צו ברענגען דעם מינדעסטען קרבן פאַר אידישקייט אפילו ווען עס זאָל זיך בלויז האַנדלען אין אַ קרבן פון געלט...

ביי אברהם׳ען איז יעדער מצוה געווען דורכאויס לשם שמים: „ויקרא אברהם שם המקום ההוא ד׳ יראה״; בלויז דער רבונו של עולם האָט געדאַרפט זעהן די מעשי המצות; ער האָט ניט געזוכט זיך אויסצופיינען פאַר מענשען, און האָט זיך ניט געיאָגט נאָך קיין „פובליסיטי״; אָבער —

„אשר יאמר היום״, היינט, ביי אברהם׳ס אייניקלאַך איז שוין דורכאויס אַנדערש. ביי אונז איז שוין: „בהר ה׳ יראה״; ראשית איז שוין ביי אונז פאַרוואַנדעלט געוואָרען דער מקום אין הר. מיר זעהען אין יעדער שטיקעל מצוה אַ באַרג; שווער מקיים זיין אַ מצוה ווי גרינג זי זאָל ניט זיין. און איז מען שוין ווי עס איז יאָ מקיים, דאַן איז: בהר ד׳ — יראה; מיר באַנוגענען זיך ניט דערמיט וואָס דער רבונו של עולם אַליין וויס דערפון, וואָס ער זעהט אַלעס, נור עס ווילט זיך אונז אַז עס זאָל אויך זיין „יראה לאחרים״,

לראש השנה

אַנדערע זאָלען אויך וויסען, מיר באַמיהען זיך אַז אונזערע מצוות און מעשים טובים זאָלען קריגען דעם געהעריגען פרסום און רעקלאַמע. יעדער גוטער טהאַט און שעהנע נדבה ווערט „צעפויקט אויף טיש און אויף ביינק" און באַקומט אַ היבש ביסעל פובליסיטי אין די צייטונגען „למען ישמעו בכל קצוי ארץ"...

דער „יום הזכרון" דאַרף ביי אונז אָפּפרישען דעם זכרון, אויך אונז דערמאָנען די עקידת יצחק פון וועלכע מיר זאָלען לערנען ווי אַזוי צו אָפּערירען מיט מצוות און מעשים טובים.

אַלע תפלות אין דיזען הייליגען טאָג זיינען קאָנצענטרירט אויף זכות אבות. מיר בעטען דעם רבונו של עולם ער זאָל געדענקען דעם ברית אברהם און עקידת יצחק, און אויב מיר ווילען אַז ג־ט זאָל געדענקען, דאַרפען מיר אויך געדענקען... אויב מיר וועלען געדענקען די מעשי אבות וועט השי"ת געדענקען דעם זכות אבות.

ליום כפור

בזאת יבא אהרן אל הקודש.
(ויקרא ט״ז־ג׳)

ר׳ יודן אומר כהן גדול בכניסתו לבית קדש הקדשים חבילות של מצות היו בידו: בזכות התורה, וזאת התורה (דברים ד׳־מ״ד); בזכות שבת, אשרי אנוש יעשה זאת וגו׳ שומר שבת מחללו (ישעי׳ נ״ו־ב׳); בזכות ירושלם, זאת ירושלים בתוך הגוים שמתיה וסביבותיה ארצות (יחזקאל ה׳־ה׳); בזכות שבטים, וזאת אשר דבר להם אביהם (בראשית מ״ט־כ״ח); בזכות ישראל, זאת קומתך דמתה לתמר (שה״ש ז׳־ח׳); בזכות תרומה, וזאת התרומה (שמות כ״ה־ג׳); בזכות מעשר, ובחנוני נא בזאת (מלאכי ג׳־י׳); בזכות הקרבנות, בזאת יבא אהרן אל הקדש.
(ילקוט שמעוני פ׳ אחרי).

אין דעם הייליגסטען טאָג פון יאָהר, יום כפור, איז דער הייליגסטער מענש, דער כהן גדול, אַריינגעקומען אין דעם הייליגסטען אָרט, דער קדש הקדשים, צו טאָהן די עבודה און מכפר צו זיין אויף זיך, אויף זיין הויז־געזינד און אויפ׳ן גאַנצען כלל ישראל.

איידער ער איז אַריין לפני ולפנים, אין קדש הקדשים, האָט ער געמוזט אַראָפּציהען פון זיך זיינע בגדי זהב, די גאָלדענע בגדים און אָנטהאָן בגדי לבן, פּשוט׳ע ווייסע קליידער, אָהן פּראַכט און גלאַנץ נור איינפאַכע, פּרימיטיווע אָהן באַפּוצונגען; און אין די דאָזיגע בגדי לבן, האָט דער כהן גדול געטהאָן די עבודה, מקטיר געווען די קטורת, מקריב געווען די קרבנות און מתפלל געווען די הייליגע תפלות.

אונזערע חז״ל ערקלעהרען דעם טעם דערפון פאַר וואָס דער כהן גדול האָט ביי די עבודת הפנים פון יום כפור ניט געטאָרט טראָגען זיינע בגדי זהב, ווייל „אין קטגור נעשה סניגור״ (ר״ה כ״ו), גאָלד אין דער אידישער קטגור, דער אָנקלאָגער, עס דערמאָהנט אין די זינד פון דעם עגל הזהב, די

ליום כפור

גרעסטע זינד פון אַלע צייטען און אַלע דורות; און דעמאָלט ווען די הויפּט פונקציע פון כהן גדול האָט געדאַרפט זיין דער „וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל״, מכפּר צו זיין אויף די עבירות פון אַלע אידען, איבערהויפּט נאָך אַז דער גאַנצער יום־כפור איז ענטשטאַנען, לויט חז״ל, דורך דעם „ויאמר ה׳ סלחתי כדבריך״ וואָס איז געשעהן פונקט אין דעם טאָג פון עשרה בתשרי ווען משה האָט אויף זיין תפלה: „סלח נא לעון העם הזה״ געקראָגען דעם ענטפער פון „סלחתי״ און צוליעב דעם איז שוין יום כפור פאַרבליבען אַ יום סליחה לדורות; איז אויב די דאָזיגע כפרה איז אורשפּריגגליך אין פאַרבינדונג מיט דעם חטא העגל, איז דאָך פשוט ניט לאָגיש אַז עס זאָל זיך בעת מעשה וואַרפען אין די אויגען דער מאַטעריאַל וואָס איז געווען די הויפּט סבה פונ׳ם עגל. דער בוכשטעבליכער באַדייט פון וואָרט „כפרה״ מיינט אָפּווישען, ג־ט ווישט אָפּ די זינד, אָבער דאָס דאַרף קומען דורך תשובה און חרטה מצד די וועלכע זיינען די זינד באַגאַנגען; פריהער דאַרפען זיי, די זינדיגע, אָפּווישען די זינד און עס געגצליך באַזייטיגען, ווערען זיי ערשט דעמאָלט באַרעכטיגט אַז אויך ג־ט זאָל אָפּווישען און פאַרגעבען. דאַמיט וואָס די גאָלד ווערט עלעמינירט און באַזייטיגט אין די הייליגסטע שטונדען פון כפרה, איז עס דער שעהנסטער דעמאָנסטראַטיווער אַקט מצד די וועלכע נויטיגען זיך אין כפרה, אַז זייער אייגענער ביישראג איז שוין דאָ און ממילא זיינען זיי שוין אויך באַרעכטיגט צו די הימלישע כפרה.

די בגדי לבן אין געגענזאַץ צו די בגדי זהב, דערמאָנען אויך אין עפּעס, אָבער ניט אין קיין זינד נור דוקא אין תשובה אויף זינד. זיי, די ווייסע בגדים, דערמאָנען אין טויט וועלכעס איז לויט חז״ל דער ווירקזאַמסטער מיטעל אויף תשובה צו טהאָן „יזכור לו יום המיתה״.

און אויב עס איז דאָך נויטיג זיך אויסצופוצען ווען מען קומט אַריין אין קדש הקדשים, דאַרף עס זיין ניט מיט קיין גשמיות׳דיגע תכשיטים, נור מיט גייסטיגע, רוחניות׳דיגע.

מיט תכשיטים פון לעצטען מין האָט זיך טאַקע דער כהן גדול יאָ אויסגעפּוצט. דער אויבענציטירטער ילקוט האָט אָנגעדייטעט אויף די דאָזיגע תכשיטים, שטיצענדיג זיך אויף דאָס וואָרט בזאת פונ׳ם פּסוק „בזאת יבא אהרן אל הקודש״.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

דער בזאת איז אַן אנדייטונג אויף די תורה, אויף שבת, אויף ירושלים, אויף די שבטים, אויף תרומה, אויף מעשר און אויף קרבנות.

אַט די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען זיינען עס געווען דאָס גייסטיגע ציערונג מיט וועלכעס דער כהן גדול האָט זיך אויסגעפּוצט ביים אַריינגעהן יום כפור אין קדש הקדשים. שבת און תורה, קרבנות און צדקה און די אַנדערע אויסגערעכענטע זאַכען זיינען געווען די זכויות וועלכע האָבען באַגלייט דעם כהן גדול בבואו אל הקודש, דאָרט וואו ער האָט געדאַרפט אויס־ווירקען דעם כפּרת העון פאַר׳ן כלל ישראל.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען בזמן שבית המקדש קיים ווען מיר האָבען געהאַט אַ בית המקדש מיט אַ כהן גדול; קרבנות מיט תרומות ומעשרות. משחרב בית המקדש, ווען אָבער דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, זיינען מיר אָרעם געבליבען און באַרויבט געוואָרען פון אַ היבשען טהייל פון די אויסגערעכענטע זכויות, און ועל כולם, דאָס וואָס מיר האָבען ניט דעם מכפּר אַליין, דעם כהן גדול וועלכער איז געווען דער אידישער סניגור, דער מליץ, דער אַדוואָקאַט.

די טראַדיציע האָט אונז דערפאַר באַזאָרגט מיט אַזעלכע יום כפּור דינים און מנהגים וואָס דאַרפען דיענען פאַר אונז אַלס סימבאָלען כדי צו וויסען ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן כאָטש טהיילוויז צו געפינען דעם ערזאַץ צו דאָס פאַרלאָרענע.

די קריאה פון יום כפּור וואו עס ווערט געלייענט דער פסוק „בזאת יבא אהרן", איז פון איין זייט אַ זיסע און ליכטיגע עראינערונג פון יענער גלאַנץ פעריאָדע אין דער אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט; און פון דער צווייטער זייט איז עס אַ וואָרנונג צו אונז אַז דער „בזאת" מיט אַלע זיינע רמזים און אנדייטונגען, געהט האַנט און האַנט מיט דיזען הייליגען טאָג. מען קען ניט אַריינקומען אין דעם קודש ניט צו זיין באַוואָפענט מיט דעם דאָזיגען זכויות־מאַטעריאַל כדי צו זיין זיכער צו באַקומען די הימלישע קאָנצעסיעס פון מחילה, סליחה וכפּרה.

איז אויב קיין כהן גדול האָבען מיר היינט ניט, דאַרפען מיר אַליין זיין די שטעל פאַרטרעטער פון די כהונה גדולה און אַליין טראָגען די פאַראַנט־וואָרטליכקייט וואָס איז אַמאָל אין גאַנצען געפאַלען אויף דעם כהן גדול.

ליום כפור

די טראַדיציע האָט אונז אָנגעקליידעט מיט דעם יום כפור׳דיגען ווייסען קיטעל, דער סימבאָל פונ׳ם כהן גדול׳ס „בגדי לבן״, ווי צו זאָגען: איהר האָט היינט ניט קיין כהן גדול, טאָ טראָגט אַליין די בגדי לבן און ערפילט אַליין די פונקציע פונ׳ם אַמאָליגען כהן גדול... זייט איהר אַליין די כהנים גדולים; אייערע הערצער דאַרפען פאַרוואַנדעלט ווערען אין בתי מקדשים, דער „מקדש הלב״ דאַרף פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון יענעם „מקדש האומה״; די „זבחי אלקים״, די קרבנות, דאַרפען געפינען זייער סימבאָלישען אויסדרוק אין דעם „רוח נשברה״ אין דער אידישער צובראָכענער האַרץ אויף וועלכעס עס איז דאָ אַ גאַראַנטי און פאַרזיכערונג אַז „לב נשבר ונדכא אלקים לא תבזה״; תרומות און מעשרות קענען ערזעצט ווערען דורך צדקה; וועהרענד תורה, שבת, ירושלים, שבטים און ישראל זיינען דאָך היינט אַקטועל פונקט אַזוי ווי דעמאָלט.

די השגחה האָט פאָלגליך פאַרזאָרגט די אידישע אומה מיט די נויטיגע יום כפור אויסשטאַטונג פאַר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות, אויב ניט מיט דער אורשפּרינגליכער אָריגינעלער אויסשטאַטונג, איז לפחות מיט אַ וואונדערליכען ערזאַץ.

האָבען טאַקע אונזערע טאַטעס, זיידעס און עלטער זיידעס וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פעסט אין די אידישע טראַדיציעס און זייער גאַנצער וועזענט־ליכער מהות איז געווען איין שטיק טראַדיציע, האָבען זיי טאַקע אויף אַ געהעריגען און אויפריכטיגען אופן אויסגעפילט די יום כפור פונקציעס מיט אַלע פּינקטליכקייטען. ניט נור האָבען זיי מיט זייערע יום כפור קיטלען געמאַכט אויסערליכען עפעקט נור זיינען אינערליך אויך געווען גאַנץ און געקענט נאָכקומען אַלע פאָראָרדענונגען פון דעם סימבאָלישען „בזאת״. זייער אָרט לעבען אַ גאַנץ יאָהר איז געווען אַזאַ וואָס האָט זיי באַזאָרגט מיט דער גאַנצער באַטרעפענדער אויסשטאַטונג.

די „חבילות של מצות״ אויף וועלכע ר׳ יודן ווייזט אָן אין ילקוט, זיינען אויך געווען „בידם של אבותינו״! אויך זיי, אונזערע עלטערען וועלכע האָבען געלעבט אין דער נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט, זיינען געווען באַוואָפענט מיט די זכויות פון תורה, שבת, צדקה און קרבנות. די תורה איז געווען זייער גייסטיגער קוואַל פון וועלכען זיי האָבען שטענדיג געטרונקען; דער שבת

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

איז געווען דער קדש הקדשים פון זייער לעבען; האָבען געגעבען צדקה פאַר דער אויפהאַלטונג פון תלמודי תורה און ישיבות און פאַר אַלע אַנדערע הייליגע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס וואָס האָבען זיך געפונען אין זייערע שטעט און לענדער. על פי רוב זיינען די אויסגערעכענטע זאַכען געווען פאַרבונדען מיט פערזענליכע קרבנות. די עניני פרנסה האָבען אויך זיי פיעל מאָהל געשטערט אין למוד התורה, אין שמירת שבת און אין צדקה, זיינען זיי אָבער שטענדיג גרייט געווען צו ברענגען די נויטיגע קרבנות פאַר די אַלע זאַכען וועלכע זיינען ביי זיי געווען אַזוי הייליג און טייער. זיינען זיי דעריבער יום כפור געקומען אין שוהל און יעדערער פון זיי האָט מיט זיין ווייסען קיטעל ווירקליך פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ בחינה פון אַ כהן גדול אַנגעגורט מיט די אמת׳ע גייסטיגע כלי זיין אין געשטאַלט פון יענע זכויות אויף וועלכע דער בזאת יבוא איז מרמז.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען בלויז ביי אונזערע עלטערען אַמאָל, אין דעם „מיום כפורים שעבר״; אַנדערש איז שוין געוואָרען ביי אונז אַליין אין דעם „יום כפורים זה״. דער המשך „מיום כפורים שעבר עד יום כפורים זה״ וואָס געפינט זיך אין די כל נדרי נוסחאות פון די אַלטע מחזורים איז שוין ליידער אויסגעלאָזען געוואָרען פון אונזערע היינטיגע מחזורים, פשוט ווייל היינט איז שוין מעהר ניט קיין מחזור (ווידערהאָלונג) פון אַמאָל, ס׳איז שוין אַ ווייטער מהלך פון דעם יום כפורים שעבר עד יום כפורים זה...

די בגדי לבן, דער ווייסער קיטעל איז שוין ניט מעהר דער יו״כ יוניפאָרם פון די מאַסען אין אונזערע שוהלען. בלויז דער חזן און דער רב און עטליכע געצעהלטע זקנים וועלכע בעלאַנגען נאָך צו דעם „יום כפורים שעבר״, בלויז זיי טראָגען נאָך די קיטלען, די אַנדערע הונדערטער און טויזענטער מתפללים אָבער טראָגען שוין ניט די טראַדיציאָנעלע בגדי לבן נור די געוועהנליכע יום טוב בגדים מיט׳ן פולען פראַכט און גלאַנץ צוזאַמען מיט די גאָלדענע רינגען וואָס פינקלען אַראָפּ פון זייערע פינגער, און וועלכע דערמאָנען ווידער אין דעם עגל הזהב אין זיין מאָדערנעם „עדישאָן״ צו וועלכען מען דינט נאָך ליידער עד היום אין דער מאָדערנער וועלט...

און מאַכט מען אַ שטיקעל רעוויזיע אויף דעם „בזאת״ ווערט זעהר טרויעריג אויפ׳ן האַרצען. די אַלע שעהנע דעקאָראַציעס זיינען פאַרוועלקט

ליום כפור

און אָפּגעפּאַלען; דער „וזאת התורה" איז פאַרטרונקען געוואָרען אין אַ ים פון וויסטע עם הארצות; דער שבת איז פאַרוואָכעדיגט; ירושלם, איז ווייט פון אויג און ווייט פון האַרצען, אַסימילאַציע האָט די איבערהאַנט ענטוועדער אויף די ירושלים של מטה אָדער לפחות אויפ'ן ירושלים של מעלה... ווייניג, זעהר ווייניג די וועלכע זיינען פעהיג צו ברענגען קרבנות אויף תורה, אויף שבת און אויף ארץ ישראל.

בלויז איינס איז נאָך געבליבען — צדקה!

דאַרף דאָך די צדקה אמווייניגסטענס געגעבען ווערען אין אַזאַ מאָס אַז זי זאָל זיין וואָגיג גענוג אויסצופילען די ליידיגקייט פון די אַנדערע הייליג־קייטען. זאָל מען כאָטש ברענגען די געהעריגע קרבנות אויף דעם דאָזיגען מזבח פון דער אידישער צדקה.

דער יזכור אַפילו אין דיזען הייליגען טאָג שאַפט פאַר דעם די פּאַסענדע געלעגענהייט. לאָמיר זיך דעריבער אויפהויבען צו דער געהעריגער הויך און פאַרדאָפּלען און פאַרדרייפאַכען אונזערע צדקות פאַר אונזערע אַלע הייליגע אטריבוטען און הויפּטזעכליך פאַר תורה וואָס איז דער יסוד פון אידישקייט.

זאָל דער זהב העגל פאַרוואַנדעלט ווערען אין דעם זהב המשכן און לאָמיר דערמיט כאָטש עפּעס צו־טראָגען צום „בזאת יבוא אהרן אל הקודש", וועט דאַן דער יום כפור אויך פאַר אונז האָבען אַ געוויסע באַדייטונג.

זאָל דער יום כפור פון אונז ניט פאַרשעהמט ווערען, וועלען מיר פון איהם אויך ניט פאַרשעהמט ווערען!

בזאת יבוא אהרן אל הקודש!

לחג הסוכות

ובחמשה עשר יום לחודש השביעי מקרא קדש יהיה לכם וגו׳ והקרבתם עולה אשה ריח ניחוח לד׳ פרים בני בקר שלשה עשר — — — וביום השני פרים בני בקר שנים עשר — — — וביום השלישי פרים — — עשתי עשר — — —

(במדבר כ״ט־מ״ב, ל״ב).

אמר רבי אלעזר הני שבעים פרים כנגד מי? כנגד שבעים אומות.

(סוכה נ״ה).

דער סך הכל פון אַלע פרים וואָס די תורה האָט פאַרזאָגט מקריב צו זיין אין פאַרלויף פון די סוכות טעג, דערגרייכט די צאָהל פון זיבעציג; און ר׳ אלעזר מערקט אָן דארויף אַז די דאָזיגע זיבעציג קרבנות האָבען די אידען מקריב געווען פאַר די זיבעציג אומות, אַ סימבאָלישע אנדייטונג אַז אידען ברענגען קרבנות פאַר אַלע פעלקער, זיי זיינען ניט ענג האַרציג און אייגעננוציג. זיי נוצען ניט אויס זייער ענערגיע און פעהיגקייט בלויז פאַר זיך אַליין, פאַר זייער אייגענער טובה, נור האָבען אין זינען אַלע מענשען־קינדער, אַלע פעלקער און אַלע נאַציאָנען.

אידען זיינען אין דעם היגזיכט אינטערנאַציאָנאַל. ניטאָ ביי אונז אידען קיין ראַסען טעהאָריע און קיין ראַסען האַס. אונזער טיטול אַלס „עם הנבחר" האָבען מיר קיינמאָל ניט אויסגענוצט אַלס מאַניפּאַליזאַציע פאַר קאָנצעסיעס און בענעפיטען בלויז פאַר זיך אַליין. מיר האָבען אין אונזער „אתה בחרתנו" יחוס אריינגעטייטשט פליכטען און אָבליגאַציעס און ניט קיין זכויות און פּריווילעגיעס. דער „והיית לאור גוים" איז פון אייביג אָן געווען דער לייט מאָטיוו פון אונזער לעבען. מיר האָבען זיך אַלעמאָל באַטראַכט אַלס די שליחים פון דער השגחה העליונה פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אַלס די ערציהער פון אַלע פעלקער און אלע מענשענקינדער; און אַן ערציהער מיינט

לחג הסוכות

צו ערציהען אַנדערע אַז זיי זאָלען אויך ווערען דאָס וואָס מיר זיינען, אַז אויך אַנדערע זאָלען דערגרייכען צו די זעלבע מדרגות און זיך עראָבערען די זעלבע פּאָזיציעס.

אַ באַשטעטיגונג דאָרויף איז די לאַנגע קייט פון אונזער גלות לעבען אין וועלכער מיר זיינען געוואָרען צוזייהט און צושפּרייט טאַקע ממש צווישען אַלע שבעים אומות, פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, און אומעטום און איבעראַל האָבען מיר שטענדיג געגעבען אונזערע בעסטע לייסטונגען פאַר די פעלקער צווישען וועלכע מיר האָבען געלעבט. עס איז ניטאָ כמעט איין לאַנד אין וועמעס פּראָגרעס און אַנטוויקלונג, אידען זאָלען ניט געווען האָבען אַ גאַנץ גרויסען חלק. עס איז אַן אָפענער סוד אַז אפילו די גאָר גרויסע לענדער וועלכע פאַרנעהמען דעם אויבענאַן צווישען דער פעלקער משפחה, האָבען אויך היבש צו פאַרדאַנקען זייערע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטען צו זייערע אידישע איינוואוינער. עס מאַכט ניט אויס צי דאָס זיינען פּאָליטישע דערגרייכונגען, צי עקאָנאָמישע, צי קולטורעלע צו אויף וועלכען עס איז אַנדער געביט; אויף יעדען שטח פון די דאָזיגע דערגרייכונגען איז דעם אידענס בייטראַג אַלעמאָל געווען פון גרויסען און קאָלאָסאַלן באַדייט.

כאָטש אין גרונט גענומען איז דאָך די מיסיע פון „והיית לאור גוים" אַזאַ וואָס האָט צוטאָן אויסשליסליך מיט׳ן גייסטיגען לעבען, וואָס דאָס איז דאָך אייגענטליך דער ספּעציפישער אידישער חלק אלס דער „עם הספר" און דער „עם ד׳". מיר וואָלטען דאָך דעריבער געקענט יוצא זיין מיט אונזער מיסיע ווען מיר נוצען איהר אויס בלויז אויף דעם גייסטיגען געביט. עס ליגט שוין אָבער אַזוי אין דעם אידענס נאַטור אַז קוים פיהלט ער זיך אָבליגירט צו זיין אַ שפּייזער צו אַנדערע אויף איין געביט, פיהלט ער זיך שוין אָבליגירט אויך אויף אַנדערע געביטען אויב ער איז נור פעהיג דערצו.

אגב איז עס דאָך טאַקע אַ געשיכטליך טראַדיציאָנעלע ירושה פון די שטאַמפאָטערס פון אידישען פאָלק. אברהם אבינו האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די מדה פון הכנסת אורחים און האָט די דאָזיגע מדה אָנגעווענדעט פאַר אַלע מענשענקינדער צוגלייך; הימלישע מלאכים און להבדיל ערדישע אראַ־בישע פויערים זיינען אין דעם היגזיכט ביי איהם גלייך געווען, כאָטש אויך

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ער, אברהם, איז זיין הויפּט אַדאַפּטירטע מיסיע געווען בלויז צופאַרשפּרייטען געטליכע אמונה.

יוסף הצדיק איז געווען דער שפּייזער פון אַזאַ גרויסע און מעכטיגע לאַנד ווי די דעמאָלסדיגע מצרים כאָטש זיין ספּעציפיש פערזענליכער באַרוף איז גראדע אויף זיינע גייסטיגע מעלות ווי דער נאָמען יוסף הצדיק צייגט עס.

יעקב אבינו האָט זיינע בעסטע פעהיגקייטען און אַמביציעס איינגעשפּאַנט אויף רייך צו מאַכען לבנ׳ען.

איז די דאָזיגע ירושה אויך איבערגעגאַנגען צו די אייניקלאַך און מיר פּראַקטיצירען עס ביז׳ן היינטיגען טאָג וואו נור מיר שטעלען אַריין אַ פוס אַלס איינגעוואַנדערטע גלות אימיגראַנטען.

קען מען אפשר קומען און זאָגען אַז פון אונזערע לייסטונגען פאַר די אומות אין די גלות לענדער איז נאָך קיין ראיה ניט, ווייל אין גלות וואו מיר זיינען בלויז איינגעבעטענע אויף פרעמדע טישען, זיינען אונזערע לייסטונגען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט; מיר צאָהלען אָפּ מיט אונזער לאָיאַליטעט און געטריישאַפט אַ מענשליכען חוב. איז אָבער ראשית דאָס גופא אויך אַ באַווייז אויף אונזער איידעלעם כאַראַקטער, דען ווען מיר ציהען אַ פּאַראַלעל צווישען אונז און די אומות העולם דאַן זעהען מיר באַשיינפּערליך אַז זיי, די אומות העולם, פעהלט זיי אפילו דער דאָזיגער געפיהל פון דאַנק־באַרקייט אויך, ווי מיר וועלען עס שפּעטער באַווייזען געשיכטליך.

אין אמת׳ן אָבער איז עס ניט קיין פּראָדוקט בלויז פון אונזער גלות לעבען. עס איז אַ ספּעציפישע אידישע אייגענשאַפט וואָס איז כלל ניט אונטערוואָרפען קיין טעריטאָריאַלע געביטען.

די אויבענציטירטע גמרא אַלס קאָמענטאַר צו די קרבנות פון דיעזען סוכות יום־טוב, אילוסטרירט עס אויפ׳ן בעסטען אופן.

דער תורה געבאָט פון די פּרי החג וואָס לויט די דערמאָנטע גמרא איז עס „כנגד שבעים אומות״, איז דאָך שוין ניט קיין ענין פון גלות. קרבנות האָט מען דאָך מקריב געווען בלויז ווען מיר זיינען געזעסען אויף אונזער אייגענעם באָדען אין אונזער אייגענע לאַנד, און אויך דאַן האָט מען אונז פאַרזאָגט ניט מסיח דעת צו זיין פון די אומות העולם און זיי דיענען מיט אונזערע לייסטונגען אפילו ווען דאָס דאָזיגע איז פאַרבונדען מיט קרבנות...

לחג הסוכות

אָבער ווען אפילו עס זאָל זיך נור האַנדלען אין פאַרבינדונג מיט גלות און אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע לייסטונגען זאָלען אַרויפגעשטעלט ווערען בלויז אויפ׳ן חשבון פון דאַנקבאַרקייט, קענען מיר נאָך אַלץ שטאַלצירען מיט אונזערע האַנדלונגען כלפּי אומות העולם און אַנווייזען אויף דעם „ראו מה בין בני לבן חמי״.

דאָס דאָזיגע ציינט זיך אַרויס גלייך ביים ערשטען אידען, ביי אברהם אבינו.

די פלישתים מיט זייער קעניג אבימלך אין דער שפּיצע קומען צו אברהמ׳ען, שליסען מיט איהם אַ ברית השלום, אַ פרידענס טריטי, באשר אבימלך געפינט אויס אין חלום אַז אברהם איז אַ געטליכער מענש, אַ נביא. אברהם נאַטירליך, איז זעהר צופרידען דערפון, אָבער עס נעהמט ניט לאַנג און עס ציינט זיך אַרויס ווי ווייט אבימלך מיט זיינע מענשען זיינען געגויגט אַנצוהאַלטען דעם דאָזיגען אָבמאַך.

אברהם גראָבט און געפינט וואַסער קוואַלען אין דער עיר הבירה גרר. עס פאַרשטעהט זיך אַז פון די דאָזיגע וואַסער קוואַלען וועט גאַנץ גרר געניסען. אברהם האָט, הייסט עס, מיט דער דאָזיגער אַנטדעקונג פיעל געלייסטעט אויפ׳ן אַגראַנאָמישען געביט וועלכער איז דאָך דער הויפּט יסוד פון אירגענד וועלכען ישוב; אברהמ׳ס פעהיגקייט האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט, ניט אויף די געביטען פון האַנדעל־וואַנדעל וואו דער איד איז שטענדיג פון אַ דאַרען אין די אויגען פון די גוים, נור אויף אַ ריין עהרליכען געביט וואו די קריטיק קען שוין דוכט זיך ניט דערגרייכען...

קוים אָבער איז דער ערפינדער אברהם דער איד, איז שוין אַלץ איינס וואס דער געביט זאָל ניט זיין, און ווען אברהם׳ס מענשען גראָבען אויף די גריבער, קומען אבימלך׳ס מענשען און פאַרשיטען זיי...

אברהם נאַטירליך קען ניט פאַרשווייגען אַזעלכע עוולות, און ווען אבימלך מיט זיין פעלד־מאַרשאַל פיכול באַזוכען איהם און שמייכלען זיך צו איהם מיט פאַלשע קאָמפּלימענטען פון: „אלקים עמך בכל אשר אתה עושה״, נוצט אברהם אויס די געלעגענהייט און מאַכט אַבימלך׳ן פאַרוואורף אויף די אונערהערטע עוולה פון פאַרשיטען די ברונעמס. אבימלך אָבער מאַכט זיך תם׳עוואַטע ווי ער ווייסט גאָר נישט פון וואָס צו זאָגען און אַז ער הערט

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

עס ערשט צום ערשטען מאָל, און — מאַכט ווידער מיט איהם אַ ברית־שלום וואָס ווערט פארזיגעלט מיט אַ שבועה און אפילו מיט אַ דענקמאָל „באר שבע" (בראשית כ"א).

אָבער ווי וויט אויך די שבועה איז אָפגעהיט געוואָרען, דערצעהלט אונז אַ צווייטער קאַפּיטעל געשיכטע פון איניגע יאָהר שפּעטער ווען יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרר, און האָט זיך אויך גענומען באַשעפטיגען מיט ריינע ערד אַרבייט, פּאַרמעריי, ניט מיט קיין מסחר און ניט מיט קיין מעקלעריי. אָבער אַזוי שנעל ווי יצחק איז מצליח און אויף זיין באָדען הערשט גרויס פּראָספּעריטי, עס קומט אַריין ג־ט'ס ברכה (וימצא בשנה ההיא מאה שערים ויברכהו ה'), רופט עס גלייך אַרויס די קנאה ביי אבימלך'ן מיט זיינע מענשען, און ווידער די זעלבע געשיכטע מיט פאַרשיטען די ברונעמס. דאָס מאָהל געפינט שוין אבימלך אפילו פאַר גוטיג ניט זיך צו פאַרענטפערען און פאַרטיידיגען אז ער האָט ניט געוואוסט דערפון, נור ער קומט אַרויס גאַנץ אָפען מיט'ן פסוק: „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאד" (בראשית כ"ו). אין פשוטע ווערטער: דו ביסט צו־גרויס אין אונזערע אויגען, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען... וואו שבועה, ווען שבועה, אַלע אָפּמאַכען, כריתות ברית'ן און טריטיס זיינען גאָרנישט ווערט. אַ „סקרעפּ אָף פּייפּער", גענוג דער פאַקט אַז יצחק, דער איד, צייגט אַרויס בעסערע פעהיגקייטען, גענוג דער „ויברכהו ה'" אויף אַרויסצורופען דעם „ויקנאו בו פלשתים" צוזאַמען מיט'ן באַפעל פון „לך מעמנו"...

מיר אידען ווערען אָבער ניט נתפעל פון די דאָזיגע האַנדלונגען. מיר זיינען שוין צוגעוואוינט דערצו פון אייביגע דורות, פון אברהם'ס צייטען ביז אונזערע אייגענע צייטען. מיר ווערען דאַדורך ניט ענטמוטיגט און געהען ווייטער אָן מיט אונזער אייגענעם וועג. מיר גראָבען ווידער די קוואַלען וועלכע ברענגען פרישען נאַרהאַפטיגען לעבען פאַר דער גאַנצער מענשהייט, סיי אין מאַטעריעלען זין און סיי אין גייסטיגען זין. אין ערשטען פאַל הערען מיר שטענדיג דעם אויסרוף פון „לנו המים", אַלע אונזערע ערגרייכונגען ווערען ביי אונז אָוועקגענומען ניט אפילו אונז צו געבען דעם קרעדיט דערפאַר. אין צווייטען פאַל ווידער, אין באַצוג צו די גייסטיגע קוואַלען, דולדעט מען זיי בכלל ניט; מיר גראָבען אויף און זיי פאַרשיטען זיי; די ניט־

לחג הסוכות

אידישע וועלט קען ניט פאַרדייהען אונזער מאָראַלישע לעהרע וועלכע איז געבויט אויף די יסודות פון אמת׳ע גערעכטיגקייט, פון יושר און פריד־ליבקייט.

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס אַלעס שרעקט אונז ניט אָפּ און מיר זעצען פאָרט אונזער אַרבייט און פילען אויס אונזער פונקציעס; מיר בויען גאַכאַנאַנד אפילו ווען מען האַלט אין איין צושטערען, מיר גראָבען אָהן אויפהער אפילו ווען מען האַלט אין איין פאַרשיטען.

די אַלטע שבועה צווישען אברהם און אבימלך וועלכע איז מצד דעם לעצטען נאָך גלייךביים אָנהויב פאַרשוועכט געוואָרען, ווערט זי אָבער מצד אברהמ׳ען נאָך עד היום אָפּגעהיט דורך זיינע אור־אור אייניקלאַך.

מיר זוכען נאָך עד היום די טובה פון די אומות ניט וועניגער ווי אונזער אייגענע טובה. די פּרי החג וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען סוכות און וועלכע דריקען אויס די דאָזיגע „גוד־וויל באַציהונג" פון אונזער זייט צו די אומות, זיינען פון אונזער תורה באַשטימט געוואָרען דוקא פאַר סוכות און פאַר וואָס אייגענטליך ניט פאַר פּסח וואָס איז דאָך אויך אַ יום־טוב פון זיבען טעג? פּסח אָבער דערמאָנט אונז נאָך אין די ימי הרעה, אין די טעג פון „שקלאַפערייי" און קנעכטשאַפט, דען צוזאַמען מיט דעם „ויוציאנו" געהט דאָך אויך דער „עבדים היינו"; סוכות דאַגעגען וועלכער איז דער חג האסיף, דערמאָנט נור אין פרייד און געזאַנג, די פרייד פון שניט, די פרייד פון „באספך מגרנך ומיקבך". ניטאָ אין סוכות דער „לחם עוני" מיט די מרור...

און דוקא ווען עס איז בלויז פרייד אין אונזער אייגענע היים דערמאָנען מיר זיך אויך אין די אומות און אין אַלע מענשענקינדער כדי צו דעמאָנסטרירען אונזערע אייגענשאַפטען אין באַצוג צו מענשענליבע וועלכעס מיר האָבען גע׳ירשנ׳ט פון אברהם אבינו.

שעהן איז דער סוכות יום טוב מיט זיין „נוי סוכה" אָבער עהרליך און גראַציעז איז ער מיט זיינע פּרי החג וועלכע זיינען כנגד שבעים אומות; און אויב די דאָזיגע פּרי החג דריקען אויס די פּאָזיטיווע זייט פון אונזערע זיטען און מאַניערען, קומט אַ צווייטע גמרא וואו עס ווערט דערצעהלט אַז די מצוה סוכה איז געגעבען געוואָרען אַלס טעסט צו די אומות העולם וועלכע האָבען געהאַט אַ טענה למאי מען האָט זיי אויך ניט געגעבען די תורה, ג״ט

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

האָט זיי דעריבער געגעבען די מצוה סוכה אָלס טעסט, זיי האָבען אָבער דעם טעסט ניט אויסגעהאַלטען און האָבען, לויט די גמרא׳ס אויסדרוק (ע״ז ב׳) אַ בריק געגעבען די סוכה און איר פאַרלאָזען...

דאָמיט ווערט גלייכצייטיג סימבאָליש אָנגעוויזען די נעגאַטיווע זייט מצד די אומות העולם. מיר אידען קענען יאָ האַלטען די סוכה וועלכע ברענגט מיט איהר די שבעים פרים כנגד האומות; זיי אָבער זיינען דערצו ניט פעהיג...

דער קורס פון אונזער אתה בחרתנו יחוס איז נאָך ניט געפאַלען...

ליזכור

כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ה׳ אלקיך.
(דברים ה׳-ט״ז).

א״ר יהודה אמר רב: „כאשר צוך״ — במרה.
(שבת פ״ז).

הזכרת נשמות, איז אייגענטליך ניט מעהר ווי אַ מנהג, עס געהר אָבער צו יענע סאָרט מנהגים וואָס וואָרצלען אין אונזער תורה, און דעמאָנסטרירען דעם קיום פון איינע פון די תרי״ג מצות וואָס פאַרנעהמט דעם אויבענאָן אין די סאַמע האַרץ פון די עשרת הדברות.

מיר מיינען דערמיט די מצוה פון כבוד אב ואם, אין ליכט פון די אויבענדערמאָנטע תלמודישע ציטאַטע: כאשר צוך — במרה.

בלויז איין איינציגער וואָרט איז צוגעגעבען געוואָרען אַלס קאָמענטאר צום „כאשר צוך״; אָט דער וואָרט אָבער איז דער יסוד אויף וועלכען עס איז אויפגעבויט געוואָרען די גאַנצע הלכה פון דער דאָזיגער מצוה, און איז גלייכ־צייטיג אויך דער יסוד פאַר די מאָראַלישע קאָנסעקווענצען וואָס ווערען געצויגען פון דער דאָזיגער מצוה.

כאשר צוך — במרה!

אויבענאויף קוקט עס אויס ווי רב יהודה אמר רב איז דאַ אויסענגעווען אָנצוצייגען געאָגראַפיש דעם אָרט וואו די מצוה איז געגעבען געוואָרען; אויב דאָס זאָל זיין דער פאַל, זיינען דאָך אויך אַלע אַנדערע מצות געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, און עס מאַכט דאָך ניט קיין גרויסען אונטערשיד צי אין דעם מדבר פונקט וואָס רופט זיך מרה אָדער וואָס רופט זיך סיני, וואָס זשע גראָדע ביי די מצוה האָט מען געפונען פאַר נויטיג אונטערצו־שטרייכען איהר געאָגראַפישען פונקט?

עס איז דעריבער זעהר קלאַסיש די אויסטייטשונג פון „כתב סופר״

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אַז מיט דעם קאָמענטאר „במרה״ איז די גמרא אויסענגעוועזן, ניט צו באַצייכענען דעם געאָגראַפישען פונקט, נור צו געבען די ריכטיגע אויסטייטשונג צום כאַראַקטער פון די דאָזיגע מצוה פון כבוד אב ואם.

די נאַטור האָט אויסגעטיילט דעם מענש פון דער חיה אין וואָס אנבאַלאַנגט די באַציהונג פון עלטערען צו קינדער. ביי בהמות און חיות איז אויך פאַראַן ליעבע צו קינדער; אויך זיי זאָרגען פאַר זייערע קינדער און באַזאָרגען זיי מיט שפייז און מיט אַלע זייערע באַדערפניסען; די דאָזיגע ליעבע איז אָבער באַגרענעצט אין צייט, כל זמן די קינדער זיינען קליין און אומבאַהאָלפען; אַזוי שנעל אָבער ווי זיי וואַקסען אויס און קענען זיך אַליין באַזאָרגען, איז שוין מעהר ניטאָ די עלטערען ליעבע און צוגעבונדענקייט ווי פריהער. אַנדערש אָבער איז עס ביי מענשענקינדער וואו די ליעבע און זאָרג פון עלטערען צו קינדער איז אַן אומבאַגרענעצטע און איז ניט אונטערוואָרפען קיין צייט אָדער אומשטענדען; עס איז אַ דויערהאַפטיגע ליעבע, אַן אייביגע.

איז אָבער די דאָזיגע באַציהונג אויך געגענזייטיג? איז פון קינדער צו עלטערען אויך דאָ די זעלבע באַציהונג ווי פון עלטערען צו קינדער? איז די דאָזיגע באַציהונג אויך אַן אַבסאָלוטע, אָפּגעזעהן פון צייט און פון אומשטענדען?

די ערפאַהרונגען אין לעבען באַווייזען, צום באַדויערען, דעם געגענזאַץ. אַזוי לאַנג ווי די קינדער געניסען פון די עלטערען און בענעפיטירען פון זייער פאַרמעגען, איז זייער באַציהונג צו זיי אַ פיינע און אַ העפליכע, קוים אָבער הערט דאָס דאָזיגע אויף, הערט אין היבשע פאַלען אויך אויף די ליעבע און פאַרערונג, איבערהויפּט נאָך אין אַ פאַל וואו די עלטערען ווערען אָפּהענגיג אין זייערע קינדער. די טאָג טעגליכע געריכט סכסוכים אין פאַמיליע אַנגעלעגענהייטען באַשטעטיגען עס כמעט די פולע הונדערט פראָצענט.

די תורה האָט אָבער געוואָלט אַז די באַציהונגען צווישען די צוויי דורות זאָלען זיין געגענזייטיגע און אַז די ליעבע, רעספּעקט און פאַרערונג מצד די קינדער צו זייערע עלטערען, זאָלען אויך זיין פון אַן אייביג דויערהאַפטיגען כאַראַקטער און ניט זיין אונטערוואָרפען צייט און אומשטענדען, האָט זי דערפאַר ביי די מצוה פון כבוד אב ואם אונטערשטראָכען: „כאשר צוך ה׳

אלקיך״, אויף וועלכעס די גמרא מאַכט אַ פּירוש, „כאשר צוך במרה״, און די דאָזיגע געאָגראַפישע אָנווייזונג איז גלייכצייטיג אויך אַן אָנווייזונג אויף דער אָרט און ווייזע ווי די דאָזיגע מצוה זאָל אָנגעווענדעט ווערן.

מרה, וואָס מיינט דער מדבר, איז געווען אַ פּלאַץ וואו קינדער האָבן ניט געדאַרפט אָנקומען צו עלטערען אַז זיי זאָלען זאָרגען פאַר זייער עקזיסטענץ. דער „מן״ האָט אַלעמען גלייך געשפּייזט; מען האָט ניט געדאַרפט זאָרגען פאַר קליידונג ווייל לויט חז״ל, זיינען די קליידער אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט׳ן וואוקס פון קערפּער; די ענני הכבוד האָבן זאָגאַר אויסגעוואַשען און אויס־געפּרעסט די קליידער (רש״י דברים ח׳־ד׳).

און גראַדע דאָרט אין מרה, איז געגעבען געוואָרען די געטליכע מצוה פון כבוד אב ואם, און דאַמיט געלערנט די וועלט אַז דער רעספּעקט און ליעבע צו עלטערען דאַרף אויך ניט זיין אונטערוואָרפען צייט און אומ־שטענדען, עס דאַרף ניט זיין קיין „אהבה התלויה בדבר״, נור אַ ריינע עהרליכע ליעבע וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען דעמאָלט ווען דו געניסט גאָר ניט פון טאַטע־מאַמע פּונקט ווי ווען דו געניסט יאָ פון זיי.

און אונזער גמרא איז נאָך געגאַנגען אַ שריט ווייטער ווען זי האָט אויס־געברייטערט דעם האָריזאָנט פון דער דאָזיגער מצוה ווייט ווייט אַריבער דעם לעבענס גרעניץ, און האָבען גע׳פּסק׳נט אַז:

„מכבדו בחייו ומכבדו במותו״ (קדושין ל״א ע״ב).

מען דאַרף מכבד זיין טאַטע־מאַמע סיי ביי זייער לעבען און סיי נאָכ׳ן טויט. דאַמיט איז נאָך מעהר אַקצענטירט געוואָרען דער ענדלאָזער כאַראַקטער פון דער דאָזיגער מצוה; דען ביים לעבען קען דאָך נאָך אַמאָל טרעפען אַז אומשטענדען בייטען זיך און אויב אפילו היינט דאַרף דאָס קינד ניט אָנקומען צו טאַטע־מאַמע, קען אָבער געשעהן אַז מאָרגען זאָל מען יאָ דאַרפען; ווען אָבער די עלטערען זיינען שוין טויט, קען דאָך דאָס שוין ניט געשעהן, און דאָך מוז אויך דעמאָלט די מצות כיבוד אב ואם פאַרטגעזעצט ווערען.

אָט דער געבאָט פון „מכבדו במותו״ קומט אַמבעסטען און אַמשטאַרק־סטען צום אויסדרוק דורך דעם שעהנעם אידיש טראַדיציאָנעלען „יזכור״ וועלכער איז אַן עהרליכע דעמאָנסטראַציע פאַר דער דאָזיקער מצוה פון כבוד אב ואם.

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

עס איז טאַקע נור אַ מנהג אָבער מיט אַט דעם מנהג איז מען אגב מקיים די מצות עשה פון „כבד" לויט די פאַרשריפטען פון אונזער תורה „שבעל פה". איז עס ניט אַ מנהג וואָס „ברעכט אַ דין", נור אַ מנהג וואָס „בויעט אַ דין" און דאַרויף איז זעהר אַנגעמאָסטען דער אויסדרוק: „מנהג ישראל תורה היא", אַ מנהג וואָס גיט אַ פירוש צו אַ מצוה פון דער תורה.

***

און אין דער זעלבער צייט וואָס דער „יזכור" איז אַ פירוש צו דער מצוה פון כבוד אב ואם פון דעם הלכה שטאַנדפונקט, ציהען מיר דערפון אויך די מאָראַלישע קאָנסעקווענצען אין באַצוג צו אַ צווייטע מצות כבוד, פון אַ העכערע ניווא נעמליך, די מצוה פון „כבד את ה'", צו וועלכע קיין פירוש איז שוין ניט נויטיג, ווייל אין באַצוג צום רבונו של עולם איז דאָך קיין מציאות ניטאָ אַז מען זאָל צו איהם ניט דאַרפען אָנקומען, איז עס דאָך שוין אַ כל שכן פון כבוד אב ואם וואו די מצוה איז פאַרזאָגט געוואָרען אפילו ווען מען דאַרף צו זיי ניט אָנקומען, קל וחומר כבוד ה' וואָס מען דאַרף צו איהם כביכול שטענדיג אָנקומען.

ווי שעהן קלינגט דעריבער דער פסוק אין קדושים: איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו אני ה' (ויקרא י"ט־ג'). דאָס וואָרט „איש" באַצייכענט אַ דערוואַקסענעם מענש וועלכער איז שוין זעלבסטשטענדיג און ניט אָפּהענגיג אין זיינע עלטערען, און אויך אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען דער „אמו ואביו תיראו", איז דאָך פון דעם דאָזיגען אמו ואביו תיראו אַ קל וחומר אַז, „ואת שבתותי תשמורו, אני ה'" ווייל צום רבש"ע דאַרף מען דאָך אַלעמאָל אָנקומען אפילו ווען מען איז שוין אַ איש...

דאָס דאָזיגע וואַרפט אַ העלע ליכט אויף די דרשת חז"ל:

> מאי דכתיב יודוך ה' כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, מאמר פיך לא נאמר אלא אמרי פיך, בשעה שאמר הקב"ה אנכי ולא יהיה לך אמרו או"ה, לכבוד עצמו הוא דורש, כיון שאמר כבד את אביך ואת אמך חזרו והודו למאמרות הראשונות (קדושין ל"א)

לויט דיזע דרשת חז"ל איז דער „אנכי ולא יהיה לך", דער כבוד ה', אַ רעזולטאַט פון דעם כבד את אביך ואת אמך, שטימט עס מיט אונזער

ליזכור

געדאַנק, אַז כבוד אב ואם איז דער לייט־מאָטיוו פאַר'ן כבוד ה' ווייל דאָס לעצטע איז אַ קל וחומר פון דאָס ערשטע.

דער דאָזיגער געדאַנק קומט אויך צום אויסדרוק אין די דריי באַזונדערע צייטען פאַר וועלכע דער יזכור איז באַשטימט געוואָרען, די שלש רגלים (פסח, שבועות און סוכות). דאָס איז אין די זעלבע צייטען ווען די תורה האָט פאַראָרדענט די מצוה פון עליה לרגל: „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך (דברים ט"ז־ט"ז).

פסח, שבועות און סוכות רעפּרעזענטירען סימבאָליש די דריי פאַרשידענע תקופות אין מענשענס לעבען, די פריהלינגס פעריאָדע (פסח); די מיטעל־יעהריגקייט (שבועות) און די עלטער (סוכות — אסיף...) און דער „יראה את פני ה'" שליסט איין אָט די אַלע פעריאָדען און דאָמיט צו אונטערשטרייכען אַז דער כבוד ה' איז אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס וואָס איז ניט אָפּהענגיג אין צייט.

**
*

און אויב דער יזכור איז, ווי געזאָגט, ניט נור אַ מצוה כפשוטה וואָס דריקט אויס דעם כבוד אב ואם, נור אויך כמדרשה וואָס דריקט אויס דעם כבוד ה', דאַרף דאָס דאָזיגע קענטיג זיין אין דעם אופן און אין דער אַרט און ווייזע ווי דער יזכור ווערט דורכגעפיהרט אין פּראַקטישען לעבען. עס דאַרף זיין אַ יזכור וואָס זאָל אויסדריקען ביידע טיילען אינאיינעם, דעם טהייל פון „כבד את אביך" און דעם טהייל פון „כבד את אלקי אביך", ווען אָבער דער יזכור ברענגט בלויז דעם ערשטען טהייל צום אויסדרוק און ניט דעם צווייטען, דאַן פאַרלירט עס די אמת'ע באַדייטונג און עס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַן אינהאַלטסלאָזען צערמאָניאַלען טעקס, אין אַ מין מצות אנשים מלומדה...

צום דאָזיגען געדאַנק דערפיהרט אונז אַ וואונדערבאַרער מאַמר חז"ל אין מסכת חגיגה (ב' ע"א) אין פאַרבינדונג מיט די מצוה פון עליה לרגל:

> „יוחנן בן דהבאי אומר משום ר' יהודה, סומא באחת מעיניו פטור מן הראיה, שנאמר יראה יראה, כדרך שבא לראות כך בא ליראות, מה לראות בשתי עיניו, אף ליראות בשתי עיניו".

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

רש״י גיט דעם פּירוש דערויף: דאָס וואָרט ״יראה״ ענטהאַלט אַ ״קרי״ און אַ ״כתיב״; דער ״כתיב״ איז יראה, מיט אַ חיריק אונטערן יו״ד וואָס מיינט, אַז דער איד דאַרף קומען זעהן די שכינה; דער ״קרי״ אָבער איז יראה, מיט אַ צירי אונטער׳ן יו״ד און אַ קמץ אונטערן רי״ש, וואָס מיינט געזעהן צו ווערען פון די שכינה, און דאַרויף קומט די דרשה: ״כדרך שבא לראות כך בא ליראות — הקיש הכתוב ראייתך לראייתו, מה לראותך בשתי עיניו אף ליראות מן האדם בשתי עיניו של אדם״, אַזוי ווי כביכול השי״ת זעהט דעם מענשען מיט צוויי אויגען, אַזוי דאַרף דער מענש זעהן די שכינה אויך מיט זיינע (מענשליכע) צוויי אויגען.

איז די דאָזיגע דרשה אין פולען איינקלאַנג מיט אונזער געדאַנקען גאַנג אַז דער יזכור פון די שלש רגלים וועלכער איז דער סימבאָלישער אויסדרוק פון דעם עליה לרגל, דאַרף אויסדריקעןביידע טהיילען פון ״כבוד״, דעם כבוד הורים און דעם כבוד ה׳. אָט דאָס מיינט ״ליראות מן האדם בשתי עיניו של אדם״, די ״ראית פני השכינה״ דאַרף זיין ״בשתי עיניו של אדם״, דער מענש דאַרף אַריינדרינגען אין די געטליכקייט מיט זיין פולע זעהונגס קראַפט, מיט ביידע אויגען; מיט איין אויג דאַרף ער זעהן די מצוה פון כבוד אב ואם, און מיט דער צווייטער אויג, די מצוה פון כבוד ה׳; אויב אָבער ער זעהט אין זיין יזכור בלויז דעם ערשטען טהייל, הייסט עס אַז ער זעהט בלויז מיט איין אויג, איז ער אַ בעל מום, אַ האַלב בלינדער אויף וועלכעס דער דערמאָנטער יוחנן בן דהבאי האָט גע׳פסק׳נט אַז ער איז פטור מן הראיה, און אין דעם פאַל לאָזט זיך צוגעבען דעם באַקאַנטען תלמודישען אויסדרוק: ״פטור אבל אסור״, מען טאָר ניט זעהן בלויז מיט איין אויג, עס מוז זיין אַ פולע ראיה...

און אויב מען קומט צו יזכור און אַזוי שנעל ווי דער יזכור איז צו ענדע לויפט מען אַרויס פון שוהל און מען איילט צו די אַלטעגליכע וואָכעדיגע אינטערעסען, דעמאָנסטרירט מען דערמיט די בלינדקייט אויף איין אויג פון איין זייט און די טויבקייט אויף איין אויער פון דער אַנדער זייט, מען דערזעהט ניט גענוג און מען דערהערט ניט גענוג, און אין דער זעלבער דערמאָנטער גמרא וואו עס רעדט זיך וועגען אַ ״סומא באחת מעיניו״, רעדט זיך אויך וועגען אַ ״חרש באחת מאזניו״ וועלכער איז, לויט ר׳ תנחום, אויך פטור מן הראיה

ליזכור

ווייל דער פסוק זאָגט: „תקרא את התורה הזאת באזניהם״, מיט בײדע אויערן...

יזכור איז טאַקע אַ זעהר שעהנער מנהג ביי אידען, אָבער נור דאַן ווען ער ווערט אָנגעווענדעט אין ריכטיגען וועג און שפּיגעלט אָפּ דעם ריכטיגען טראַדיציאָנעלען גייסט — כדרך שבא לראות, כך בא ליראות!

לחג הפסח

ופרעה הקריב — היה לו לכתוב ופרעה קרב, מהו הקריב? אלא שהקריב את ישראל לתשובה שעשו. אמר ר׳ ברכיה, יפה היתה הקרבת פרעה לישראל ממאה צומות ותפלות; למה? שכיון שרדפו אחריהם וראו אותם נתייראו מאד ותלו עיניהם למרום ועשו תשובה והתפללו, שנאמר: ויצעקו בני ישראל אל ה׳. באותה שעה היו עומדים ולא היו יודעים מה לעשות, והיה הים סוגר והשונא רודף, והחיות מן המדבר, שנאמר סגר עליהם המדבר.

(מדרש רבה בשלח כ״א־ה׳).

פון דעם אויסדרוק ופרעה הקריב וואָס איז אַ לשון הפעיל, געמאַכט יענעם צו דערנעהנטערען, ווערענד ריכטיגער וואָלט געווען ופרעה קרב, ווייל דאָס באַציהט זיך דאָך אויף פּרעה׳ן אַליין מיט זיינע חיילות וועלכע זיינען געקומען נאָהנט צו דער מחנה ישראל און זייער געיעג אויף זיי? דרש׳נט דערפון דער מדרש אז פרעה׳ס פיזישע דערנעהנטערונג האָט גלייכצייטיג אויך פאַראורזאַכט אַ גייסטיגע דערנעהנטערונג מצד די אידען צו ג־ט; ווייל דערזעהענדיג אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי געפינען זיך אַז פון אַלע זייטען דראָהט מיט מורא׳דיגע סכנות, פון איין זייט דער ים וואָס פאַרשליסט פאַר זיי דעם וועג, פון צווייטען זייט דער מעכטיגער שונא וואָס האָלט אין זיין געיעג און קומט אַלץ נעהנטער צו זיי, און פון דריטן זייט די חיות רעות פון מדבר. דערזעהענדיג אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלען צושטאַנד, האָבען זיי אָנגע־הויבען זיך דערנעהענטערען צו ג־ט מיט תשובה און תפלה וועלכע האָט, לויט׳ן אויסדרוק פון מדרש איבערשטיגען הונדערט תעניתים און תפלות. דערפון דער אויסדרוק הקריב וואָס באַציהט זיך טאַקע אויף די אידען גופא וועלכע זיינען אַ דאַנק פרעה׳ס דערנעהנטערען זיך, אַליין דערנעהנטערט געוואָרען צו השם יתברך, אין איינקלאַנג מיט דעם „בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה — ושבת עד ה׳ אלקיך״.

לחג הפסח

האַט פאַלגליך יענער אומגליק אויך געבראַכט גליק, פון פיזישען צוזאַמענ־ברוך איז געקומען אַ גייסטיגע דערהויבונג און פון יענע חושכ׳דיגע נאַכט האָט אַרויסגעשטראַלט אַ העל־ליכטיגע זון.

און אויך אין אַט דעם זין איז דער „כימי צאתך מארץ מצרים״ אַ בנין אב אויף אַנדערע תקופות און אַנדערע דורות. אונזער לאַנגע טויזענטער יעהריגע געשיכטע איז איבערפילט מיט אַזעלכע היסטאָרישע פאַקטען וואָס באַשטעטיגען דעם דאָזיגען נשמה צושטאַנד פון אידישען פאָלק. צרות לייטערען אונז אויס, פאַרפאָלגונגען און רדיפות דערהויבען אונז גייסטיג און מיר ווערען קריסטאַליזירט; דער אַלטער כלל פון „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״ וועלכער שטאַמט טאַקע פון גלות מצרים; וואָס ערגער מען מאַכט אונז אַלס מענשען, אַלס בעסער מאַכט מען אונז אַלס אידען..

ויהי הענן והחשך
ויאר את הלילה (שמות י״ד־כ)

אין אַט דעם קורצען פסוק קומט צו אויסדרוק דער אידישער פאָלקס כאַראַקטער. דער דאָזיגער פסוק וואָס באַציהט זיך אויף יענעם טראַגישען מצב פון דעם „וירדפו מצרים אחריהם״, קוקט אויס אַביסעל אומפאַרשטענדליך, עפּעס שטימט ניט דער אָנהויב מיט׳ן סוף: „עס איז געוועזן דער וואָלקען און די פינסטערניש און ער האָט באַלויכטן די נאַכט״.ביידע זאַכען ווערען דאָ אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם און עס קוקט אויס ווי דער וואָלקען און די פינסטערניש גופא האָבען געמאַכט ליכטיג די נאַכט, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך אפילו אין טערמינען פון נסים אויך ניט דערקלעהרען; דען אויב עס איז געוואָרען ליכטיג, איז דאָך שוין די פענסטערניש פאַרשוואונדען, טאָ ווי שיקט זיך אַז די פינסטערניש גופא האָט געבראַכט די ליכטיגקייט?

רש״י האָט דעריבער געמוזט פאַנאַנדערטיילען דעם פסוק אויף צווייען און דעם „ויהי הענן והחשך״ אָװעקגעגעבען די מצרים און דעם „ויאר את הלילה״, צו די אידען. די זעלבע אויסטייטשונג ווערט אויך געגעבען אין ילקוט: „מגיד הכתוב שהיו ישראל באורה ומצרים באפלה״ — (די אידען זיינען געווען אין דער ליכט אין די מצרים אין דער פינסטער).

עס קען אָבער אויך זיין אַז ביידע זאַכען זאָלען זיך באַציהען אויף די אידען און אַז דער פסוק איז דאָ אויסענגעוועזן אַרויסצוברענגען דעם זעלבען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

געדאַנק פון דעם אויבענציטירטען מדרש פון „ופרעה הקריב”, לויט וועלכען עס קומט אויס אַז די פיזישע פינסטערקייט האָט געבראַכט גייסטיגע ליכטיג־קייט און פון דעם „ויהי הענן והחשך” גופא איז טאַקע געקומען דער „ויאר את הלילה”, דאָס ערשטע אין פיזישען זין, און דאָס צווייטע אין גייסטיגען זין.

נאָך מעהר דערפון: די תורה גופא מאַכט טאַקע דעם פירוש דערצו אין דעם נאָכפאָלגענדען זאַץ: ולא קרב זה אל זה כל הלילה (איין מחנה האָט זיך ניט דערנעהנטערט צו דער אַנדערער די גאַנצע נאַכט).

אין אַט דעם „ולא קרב זה אל זה” איז דאָ דער פירוש צום „ויאר את הלילה”; עס איז געווען אַ גייסטיגע ליכט וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון דעם פיזישען ענן וחשך. די פיזישע פינסטערע צרות האָבען געשאַפען אַ מחיצה וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט דעם איד פון דעם גוי; די לילה האָט געבראַכט דעם ויאר...

און דאָס דאָזיגע ווערט, ווי געזאָגט, היסטאָריש באַשטעטיגט; דער „ולא קרב זה אל זה” איז אַלעמאָל געווען אַ רעזולטאַט פון „ויהי הענן והחשך”, די יסורי הגלות האָבען אימער געדיענט אַלס שוץ וואַנט פאַר אַסימילאַציע. אין יענע לענדער וואו די אידישע לאַגע איז ניט געווען קיין גלענצענדע, אידען זיינען אויסגעטיילט געוואָרען פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג דורך אויסנאַהם געזעצען אויף די פאַרשידענע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע געביטען, דאָרטען זיינען אידען אויך אויסגעטיילט געווען פון די גוים אין זייער ספּעציפיש אידישען לעבען. אידישקייט האָט געבליהט, עס האָבען זיך געמעהרט ישיבות און תלמודי תורה, טראַדיציע און רעליגיע זיינען געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך און דער „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ” איז ניט בלויז געווען אַ פּסוק פון בוך נור אויך אַ פּסוק פון לעבען, ניט בלויז אַ וואונש נור אויך אַ רעאַליטעט.

דאַגעגען אין יענע מקומות וואו די אידישע לאַגע אין מאַטעריאַלען זין איז געווען בעסער, אידען זיינען ניט אויסגעטיילט געוואָרען פון די ניט־אידישע נאַציאָנאַליטעטען מיט אויסנאַהמס געזעצען, דאָרטען זיינען זיי אויך ניט געווען אויסגעטיילט אָדער אָפּגעטיילט פון די גוים אין וואָס אנבאַלאַנגט זייער ספּעציפיש אידישען לעבען. אַסימילאַציע האָט אָנגעהויבען אריינ־

לחג הפסח

דריגגען אין אידישען לאַגער און האָט אַנגעהויבען ווערען כראָניש און עפּי־דעמיש; עס איז געוואָרען: „וקרב זה אל זה"...

כי נפול תפול לפניו (אסתר ו׳־יג)

דרש ר׳ יהודה ב"ר אלעאי: שתי נפילות הללו למה? אמרו לו (להמן) אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים, כשהן יורדין, יורדין עד לעפר וכשהן עולין, עולין עד לכוכבים (מגילה ט"ז).

נאָכדעם ווי המן האָט געליטען זיין ערשטע מפּלה, האָבען איהם זיינע פריינד געזאָגט: „כאשר החלות לנפול נפול תפול לפניו"; קוים האָסטו נור אַנגעהויבען פאַלען פאַר דעם אידישען מרדכי׳ן, ווערסטו שוין האָבען איין מפּלה נאָך די אַנדערע.

ר׳ יהודה ב"ר אלעאי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אויסדרוק „נפול תפול" וואָס באַצייכענט צוויי נפילות, און האָט דארויף גע׳דרש׳נט אַז המנ׳ס פריינד האָבען איהם געגעבען אַ כאַראַקטער שטריך, אָדער בעסער געזאָגט אַ שיקזאל שטריך פון דער אידישער אומה וואָס ענטוועדער זי געהט אַרונטער ביז׳ן סאַמען אָפּגרונט אָדער זי הויבט זיך אויף ביז די שטערען.

אויבערפלעכליך זעהט זיך אָבער דאָ ניט ווי די דאָזיגע דרשה ווערט אַריינגעטייטשט אין דעם טאָפּעלעם אויסדרוק פון „נפול תפול" אויף וועלכעס די גאַנצע דרשה איז געבויט. דער נפול תפול באַציהט זיך דאָך אויף המנ׳ען אַליין, דאַרפען דאָך פאַלגליך די צוויי נפילות אַרויפגעשטעלט ווערען אויף זיין חשבון, לויט די גמרא׳ס דרשה אָבער קומט דאָך אויס אַז איין נפילה געהט גאַר אויפ׳ן חשבון פון די אידען אין צייט וואָס „כשהן יורדין, יורדין עד לעפר"?

לויט דאָס פריהער געזאָגטע אָבער, לאָזט זיך אפשר דאָס דאָזיגע ער־קלערען מיט דעם זעלבען געדאַנקען גאַנג פון דעם „ויהי הענן והחשך ויאר את הלילה" לויט וועלכעס עס קומט אויס אַז דוקא פון חשך קומט אַרויס דער ויאר. עס קומט דעריבער אויך אויס אַז דער „כשהן עולין, עולין עד לכוכבים" איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם „כשהן יורדין יורדין עד לעפר", וואָס מעהר די מאַטעריעלע ירידה, די ירידה לעפר, אַלץ מעהר די גייסטיגע עליה, די עליה לכוכבים.

די אייגענשאַפט פון די שטערען איז דאָך טאַקע אויך אַזוי; די שטערען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אין הימעל זיינען דאָך אַלעמאָל דאָ, אָבער דעמאָלט ווען עס איז טאָג, ווען עס איז ליכטיג, דעמאָלט זיינען זיי פינסטער און דוקא ווען עס אין נאַכט, פינסטער, דעמאָלט דוקא לייכטען זיי, און וואָס גרעסער די פינסטערניש אויף די ערד אַלץ גרעסער זייער ליכטיגקייט פון הימעל...

אויף אַזאַ אופן זיינען שוין טאַקע בײדע נפילות אויף המנ׳ס חשבון, דען אויך דער כשהן יורדין לעפר איז פאַר המנ׳ען אַ נפילה, ווייל דורך דער אידישער עפר ירידה, ווערט זייער גייסט דערהויבען, זיי טהוען תשובה און ממילא ווערען זיי געהאָלפען און זייערע שונאים קריגען די מפלה.

און אַזוי איז דאָך טאַקע געווען בימי המן ווען דער „כנוס את כל היהודים וצומו עלי״ האָט געבראַכט דעם „להעביר את רעת המן האגגי״.

אַזוי איז עס אימער געווען, ווען: „כי אשב בחשך״, דעמאָלט, „ה׳ אור לי״ (מיכה ז׳), דאַגעגען ווען: „אתא בקר״ דעמאָלט איז: „וגם לילה״...

***

יאָ, אַזוי איז עס געווען און אַזוי איז עס איצט אויך. די פראַגע אָבער איז, צי אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין? צי דאַרף מען טאַקע שלום מאַכען מיט׳ן געדאַנק אַז אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין, נור אַז כדי אידישקייט זאָל זיין געזיכערט מוזען אידען זיין אויף צרות און אונטערוואַרפען זיין אַלערליי יסורים און רדיפות?

אויב דאָס וואָלט געווען אַ מוז זאַך, גלויבט זיך קוים אויב דאָס שלום מאַכען מיט אַזאַ געדאַנק וואָלט זיין אַן אמת׳ער שלום און ניט קיין שלום קטיעא... פאַר יחידי סגולה אפשר וואָלט עס מעגליך געקענט זיין צופרידענ־שטעלענד, אָבער בשום אופן ניט פאַר דאָס פאָלק בכלל. דער אַלטער כלל פון: „הרבה עשו כר׳ שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם״. בלויז יחידים קענען זיך פיהרען ווי אַ ר׳ שמעון בן יוחאי, זיך אָפּזונדערען פון די תענוגי עולם הזה, ליגען באַהאַלטען אין אונטערערדישע מערות, אָפּקומען מיט באָקסער און וואַסער און געניסען בלויז פון גייסטיגע דביקות און מלאכ׳ישע אינס־פּיראַציע, ווען אָבער הרבה עשו כרשב״י, ווען אַ סאַך זאָלען וועלען פיהרען אַזאַ לעבענס שטייגער, איז — „ולא עלתה בידם״, קען זיך עס ניט איינגעבען.

ניין, אויב אַזוי איז עס געווען און אַזוי איז עס אויך איצט, מיינט עס בפירוש ניט אַז אַזוי דאַרף עס אויך זיין.

לחג הפסח

אין געגענטהייל, דער „ועבדת את אויביך" וואָס באַצייכענט דעם גלות מיט אַלע זיינע ביטערע יסורים, ווערט גאָר אין דער תורה אָנגעגעבען אַלס שטראָף, און די דאָזיגע שטראָף קומט דערפאַר: „תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל" (דברים כ"ח־מ"ז). הייסט עס דאָך אַז דער רבונו של עולם וויל דוקא יאָ דעם „בשמחה ובטוב לבב מרוב כל", ער וויל דוקא יאָ אַז מיר זאָלען קיין יסורים ניט האָבען נור פרייד, און „צופרידענהייט פון אַלדאָס גוטס", נור צוזאַמען דערמיט זאָל אויך זיין „ועבדת את ה' אלקיך", דיענען דעם אויבערשטען און אָפּהיטען זיין תורה מיט זיינע מצוות. עס איז פאַלגליך ניט אַזאַ „נאַטור געזעץ" אַז אידישקייט מוז געהן האַנט און האַנט מיט צרות און יסורי גלות; עס איז ניט מעהר ווי אַ מין טראַגישע געוואוינהייט וואָס איז שוין באַלד פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „צווייטער נאַטור"...

מען דאַרף זיך דעריבער פון דער דאָזיגער „געוואוינהייט" אָפּגעוואוינען און נאָכקומען דעם פאַרלאַנג און ווּאונש פון דער תורה און דוקא מתוך שמחה און „טוב לבב מרוב כל" מקיים זיין דעם „ועבדת את ה' אלקיך".

לאָמיר ברעכען אָט די אַלטע היסטאָריש טראַגישע „פּרעצעדענטען". אַמעריקע גיט אונז די בעסטע געלעגענהייט דערצו. דאָ אין דאָס געבענטשטע לאַנד פון פרייהייט, גליק און גלייכהייט, וועט דער ועבדת את ה', ווען רעאַליזירט, עפּענען אַ נייעם בלאַט אין אונזער גלות לעבען, אַ בלאַט פון „ולא קרב זה אל זה" אין וואָס אנבאַלאַנגט טראַדיציאָנעלע אידישקייט, אפילו דאָן ווען עס איז ניטאָ קיין ענן וחשך...

און אָט דער „ולא קרב זה אל זה" וואָס וועט אויסוואָרצלען אַסימילאַציע, וועט שוין ממילא דיענען אַלס דירעקטע סיבה צו די התקרבות הגאולה, ווייל אַסימילאַציע איז דאָך דער גרעסטער שונא פון אַ אידישע גאולה און ווען דער דאָזיגער שונא וועט באַזיגט ווערען וועט שוין דער גאולה געדאַנק ממילא געווינען אַ גרויסע און מעכטיגע פּאָזיציע.

גלות אַמעריקע קען ווערען אַן עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריע וואו צו פּראַקטיצירען אידישקייט אָהן צרות און אָהן יסורים און דאָדורך אויס־פּלאַסטערען דעם וועג פאַר אַ פרעהליכע, גליקליכע און געבענטשטע אידישע ארץ ישראל.

די לעצטע גלות סעודה אין מצרים

וככה תאכלו אותו, מתניכם חגורים, נעליכם ברגליכם ומקלכם בידכם, ואכלתם אותו בחפזון.
(שמות י״ב־י״א).

בבית אחד יאכל.
(שמות י״ב־מ״ו).

ענדליך איז געקומען די לעצטע שעה פונ׳ם ערשטען גלות; די לעצטע נאַכט פון גלות מצרים; מען געזעגענט זיך מיט׳ן גלות און מען פראַוועט אַן „אָפּשיעדס באַנקעט״, אַ רייכע סעודה מיט שעפּסען פלייש און מיט אַ „מעניו״ אין וועלכע עס געהט אַריין מצה, מרור און מיט די צוגעגעבענע באַווירצונגען פון חרוסת אד״ג; אַלץ אויף אַ עכט מאָדערנעם אופן און מיט אַלע איינריכטונגען פון אַ מאָדערנעם באַנקעט.

וואָס עס ווערט אָבער אַביסעל אויפפאַלענד איז דאָס וואָס ניט בלויז האָט די תורה פאַרגעשריבען וואָס צו עסען, נור אויך ווי צו עסען, ווי עס לויטעט דער אויבען ציטירטער פסוק פון „וככה תאכלו אותו״; אַט אַזוי זאָלט איהר עסען אייער לעצטער מצרים סעודה: די לענדען פאַרגאַרטעלט, די שיך אויף די פיס און דער שטעקען אין האַנט; און איהר זאָלט עסען איילענדיג. אין איין הויז זאָל עס געגעסען ווערען.

צווישען די אַנדערע פאַראָרדענונגען איז אויך פאַראַן דער אָנזאָג פון „ועצם לא ישברו בו״, די שעפּסעלע מוז געבראָטען ווערען אַ גאַנצע, ניט איינברעכען אין איהר אפילו קיין ביינדעל; און: „לא תותירו ממנו עד בקר״, אַלץ דאַרף אויפגעגעסען ווערען אין דער דאָזיגער נאַכט, עס טאָר גאָרניט איבערבלייבען ביז מאָרגען פריה.

אין אָט די אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו עסען באַשטעהט די מערקווירדיגקייט, דאָס איז דורכאויס אָריגינעל; אַ געוועהנליכע „מעניו״ זאָגט נור וואָס צו עסען, אָבער ניט ווי אַזוי צו עסען...

די לעצטע גלות סעודה אין מצרים

ווי מיר ווייסען איז דאָך גלות מצרים בלויז געווען דער ערשטער גלות אָבער לײדער, ניט דער לעצטער; און שוין ביי דער ערשטער געטליכער שליחות צו משה׳ן אין פאַרבינדונג מיט דער גאולה, האָט משה דערהערט די אָנדייטונג אויף די ווייטערדיגע גלות׳ן אין די ווערטער פון „אהיה אשר אהיה״ וואָס לויט חז״ל האָט עס געמיינט: איך וועל זיין מיט אײַך אין דעם גלות אַזוי ווי איך וועל זיין מיט אײַך אין אַנדערע גלות׳ן. אויף אַן אַנדער אָרט ווידער ווערט געזאָגט: „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״, וואָס מיינט אַז אויך די שפּעטערדיגע גאולות וועלען זיין עהנליך צו די גאולת מצרים.

דאָס אַלעס זאָגט אונז דייטליך אַז סיי גלות מצרים און סיי גאולת מצרים האָבען געדאַרפט דיענען אַלס ביישפּיל און וועגווייזונג פאַר אַלע נאָכגעפאָלגטע גלות׳ן אַזוי גוט ווי פאַר זייערע גאולות.

דאַרפען מיר פאַלגליך אין דער דאָזיגער אַזוי גערופענער סעודה „מעניו״ וואָס האָט אויך דיקטירט דעם ווי אַזוי צו עסען, געפינען אַ פּראָגראַם אויך פאַר די גאולות פון אַלע אונזערע שפּעטערדיגע גלות׳ן און אין אָט די תורה פאַראָרדענונגען קומט די דאָזיגע פּראָגראַם צום אויסדרוק.

דער „בבית אחד יאכל״ וואָס האָט, אין פאַל פון קרבן פסח, אַריינגענומען ניט בלויז איין משפחה נור מעהרערע משפחות ווי עס לויטעט די רעגיס־טראַציע פאַראָרדנונג פון „תכוסו על השה״ און עס גערט נאָך אַריבער פון נאָהנטע משפחה קרובים צו פרעמדע שכנים: „ולקח הוא ושכנו הקרוב אל ביתו״, האָט אָבער שטרענג אָנגעזאָגט אַז סיי די אייגענע משפחה מיטגלידער און סיי די פרעמדע שכנים זיינען אונטערוואָרפען די פאַראָרדנונג פון „בבית אחד יאכל״; אין הפסח נאכל בשני מקומות, מען טאָר די סעודה ניט פאַנאַנדער־טיילען אין צוויי ערטער, אַלע מוזען זיין צוזאַמען און עסען צוזאַמען דעם קרבן פסח אין איין הויז.

דער גאולה קרבן מוז זיין דער סימבאָלישער אויסדרוק פון אידישער אחדות, מען טאָר ניט זיין צושיידט איינער פון אַנדערען, אַלע מוזען זיך האַלטען צוזאַמען ווייל נור אין דער דאָזיגער אחדות ליגט דער שליסעל צו גאולה, צי דאָס איז גאולת מצרים, צי גאולת בבל, אדום אָדער אירגענד וועלכע אַנדער גאולה.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

מיט אינערליכע אחדות וועלען מיר קענען ביישטעהן דעם אויסערליכען שונא ווי שטאַרק ער זאָל ניט זיין, אָהן אחדות אָבער וועלען מיר ניט קענען ביישטעהן דעם שונא ווי שוואך ער זאָל ניט זיין.

דער אַלטער משל מיט דעם פאַק שטעקלאך (חבילה של קנים), וואָס כאָטש יעדער איינציגער שטעקעל ווען ער איז אַליין קען איהם דער שוואַכסטער מענש בייקומען און איבערברעכען, קוים זיינען זיי אָבער אַלע צוזאַמען קען זיי אפילו דער שטאַרקסטער מענש ניט בייקומען און צוברעכען.

אַט דערפאַר איז געקומען דער פאַרזאָג אַז „בבית אחד יאכל" און „ולקח הוא ושכנו", אַלע דאַרפען פאַראייניקט זיין אין איין הויז; דער „אחד" איז זייער באַשיצונג, וואָס מעהר פאַראייניגט זיי וועלען זיין, אַלץ שטאַרקער וועלען זיי זיין.

די פאַראייניגונג מיינט אָבער ניט בלויז אַ פיזישע נור אויך און הויפט־זעכליך אַ גייסטיגע. זיי מוזען זיין אידעאיש פאַראייניגט, זיי מוזען קעמפפען פאַר איין אידעאַל, פאַר איין הייליגטום און ניט יעדערער זאָל זיך אַרומטראַגען מיט אַ באַזונדער אידעאַל און מיט אַ באַזונדער „אני מאמין".

און ווען עס רעדט זיך אין פאַרבונדונג מיט גלות און גאולה, איז זעלבסט פאַרשטענדליך אַז דער דאָזיגער אידעאַל דאַרף זיין — ארץ ישראל; די אידישע היים דאַרף זיין דער אידעאַל וואָס דאַרף קאָנצענטרירען אַרום זיך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; די אידען פון די באַרבאַרישע לענדער אין איראָפּא און אַזיע אַזוי גוט ווי די אידען פון די גליקליכע לענדער אין אַמעריקע און נאָרט אַפריקע, דאַרף ביי זיי ארץ ישראל זיין בלויז די איינציגע היים פאַר וועלכע זיי דאַרפען שטרעבען און קעמפפען.

בבית אחד יאכל!

איין איינציגע היים דאַרף זי זיין, די דאָזיגע פאַר וועלכע מען דאַרף ברענגען דעם גאולה קרבן, און: „לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה", אין דרויסען, אויסער ארץ ישראל, טאָר מען דעם גאולה אידעאַל ניט אַרויס־טראָגען; ניטאָ פאַר אידען קיין אַנדער היים אויסער דער „בית אחד", אויסער ארץ ישראל.

זאָל זיך חלילה דאָס פאָלק שפּאַלטען, דאַן וועט יעדער טייל ווערען אַ שפּילצייג אין די הענט פון אונזערע שונאים און זיין גורל איז אַ פאַרזיגעלטער.

די לעצטע גלות סעודה אין מצרים

דען נאָכאַלעמען זיינען מיר דאָך דער „שה אחד בין שבעים זאבים", איין שוואַכע שעפּסעלע צווישען זיבעציג וועלף. און אויב דער נס קען געשעהן אַז מיר זיינען נאָך ניט פאַרצוקט געוואָרען איז עס בלויז דערפאַר וואָס מיר זיינען „שה אחד", אַ איינציגע שעפּסעלע, אַ פאַראייניגטע און ניט קיין צו־שפּליטערטע.

דער שה פון קרבן פסח מיט זייגע פאַראָרדנונגען וואָס ציעלען צום פונקט פון אחדות, איז דער ענטפער אויף דעם „שה אחד בין שבעים זאבים"...

און דערפאַר קומט דער פאַרזאָג פון: „ועצם לא ישברו בו", דער שה מוז בלייבען אַ גאַנצער, קיין איין ביינדעלע טאָר אין איהם ניט איינגעבראָכען ווערען, כדי זיך ניט אונטערוואַרפען די סכנה וואָס דראָהט אויף אונז פון די „שבעים זאבים", און כדי צו קענען דערגרייכען דעם ענד ציעל פון אונזער גאולה, די גאולה וואָס דאַרף אונז פיהרען צו אונזער בית אחד, צו ארץ ישראל.

***

און ווי געזאָגט, איז אין די דאָזיגע פאַראָרדנונג פון די לעצטע סעודה אין גלות מצרים אויך געווען אַן אויסגעלייגטע גאולה פּראָגראַמע־פאַר אַלע ווייטערדיגע גלות'ן, וואו דער הויפּט יסוד דאַרף זיין, דער אינערליכער אחדות.

וככה תאכלו אותו!

אַט אַזוי זאָל אייער גאולה קרבן געגעסען ווערען אויך אין דער צוקונפט (תאכלו — בעתיד). גלות מצרים איז ניט דער לעצטער גלות; עס איז אַ גלות מאַרשרוט וואָס ציהט זיך אַזש פונ'ם ערשטען „לך לך" וואָס איז געזאָגט געוואָרען צום ערשטען איד און וועט זיך אַזוי ציהען פאַר לאַנגע לאַנגע דורות...

עס וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטען דעם „מתניכם חגורים, נעליכם ברגליכם ומקלכם בידכם"; לאַנג לאַנג וועט איהר האַלטען דעם וואַנדערשטעקען אין די האַנט, און די פיס אין שטענדיגע באַוועגונג און לאַנג לאַנג וועט איהר דאַרפען אָנגורטען אייערע לענדען פאַר מלחמה און פאַרטיידיגונג.

איהר מוזט דעריבער האָבען פאַר אייערע אויגען אַן אָנגעצייכענטע פּראָגראַמע לויט וועלכע איהר זאָלט וויסען אייערע סטראַטעגישע צוגען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

און שוץ מיטלען; און די דאָזיגע אָנגעצייכענטע פּראָגראַמע פון וועלכע דער הויפּט פּונקט איז דער „בבית אחד יאכל" מיט אַלע זיינע אויבענדערמאָנטע קאָמענטארען און אויסטייטשונגען, איז אייער איינציגע פּראָגראַמע אויף פאַר אייערע ווייטערדיגע גלות'ן.

אחדות האומה אין פולען זין פון וואָרט; ווען עס קומט צו גאולה טאָרען ניט זיין קיין קלאַסען פאַנאַנדערטיילונגען, ווייל דער גלות מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון איין קלאַס און דער אַנדערער; אַלע ליידען פון זעלבען גלות, די גוים מאַכען ניט קיין אונטערשייד פון איד צו איד; קליין אָדער גרויס, אָרעם אָדער רייך, קוים טראָגט ער דעם נאָמען איד, מוז ער טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון גלות.

עס איז אויך ניטאָ קיין אונטערשייד פון גוי צו גוי, פּרימיטיווע גוים אָדער ציוויליזירטע גוים, וואָס אנבאַלאַנגט דעם אידען זיינען זיי אַלע גלייך, אַלע האָבען דעם אידען פיינט און אַלע רודפ'ען און פאַרפאָלגען איהם.

און מעהר ווי ווען עס איז פריהער האָבען מיר זיך אין דעם איבערצייגט אין אונזערע טעג.

אידען פון די מערב אייראָפּעאישע לענדער האָבען יאָהרענלאַנג געלעבט מיט פאַלשע אילוזיעס אַז אין זייערע פרייע ציוויליזירטע גלות לענדער וועלען זיי זיך אויסלעבען אין גדולה און פרייד און קיין שלעכטס וועט זיי קיינמאָל ניט געשעהן.

זיינען זיי דעריבער טאַקע געווען היבש ווייט פון דער „בבית אחד" אידיאָלאָגיע, ארץ ישראל איז ביי זיי בלויז געווען אַן ארכיווישער ענין פאַר'ן סדור און מחזור, אין פּראַקטישען לעבען האָט עס מיט זיי קיין שייכות ניט געהאַט.

נו, איז געקומען די טרויעריגע היטלער תקופה און האָט איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון די דאָזיגע אילוזיעס, האָט איבערצייגט אַז ביים גוי איז ניטאָ קיין אונטערשיד פון איין איד צום אַנדערען, און אַז אפילו דער אַסימילירטער איד וועלכער האָט זיך שוין פאַר'גוי'אישט און פאַר'גערמאַניזירט ביז איבער'ן קאָפּ, איז פאַר'ן אמת'ן גוי נאָך אַלץ געבליבען אַן אמת'ער איד...

ולא תותירו ממנו עד בקר!

די לעצטע גלות סעודה אין מצרים

אויב מאַנכע האָבען געמיינט אַז דער היטלעריזם איז בלויז אַ צייטווייליגער איבערגאַנג פון אַ פאַרביילויפיגע פינסטערע נאַכט און מען דאַרף דורכטראָגען די דאָזיגע פינסטערניש און וואַרטען אויף די ליכט פון מאָרגען, ווען די וועלט וועט בייקומען די צערשטערענדיגע פינסטערשע כחות און די ליכטיגע זון פון ציוויליזאַציע און דעמאָקראַטיע וועט ווידער אָנהויבען שיינען, און דעמאָלט וועט דעם אידען אויך ליכטיג ווערען, איז געקומען די תורה און געוואָרענט: „ולא תותירו ממנו עד בוקר", לייגט ניט אַוועק דעם גאולה קרבן מיט דער באַהויפטונג אַז איהר וועט וואַרטען „עד בקר" און איהר וועט שוין אפשר די גאַנצע גאולה ניט נויטיג האָבען; דאָס איז ווידער אַ פאַלשע אילוזיע און אַ פאַטאַלער טעות.

און די נאָך היטלער תקופה האָט אונז אויך אין דעם טעות איבערצייגט. שוין אייניגע יאָהר ווי היטלער איז באַזיגט און דער כלומר׳שטער בוקר איז שוין געקומען, אָבער פאַר אידען איז נאָך אַלץ קיין בוקר ניטאָ; אידען פינסטערען נאָך אַלץ אין די קאָנצענטראַציע לאַגערען, אָדער אין די די־פי (דיספלייסד) קעמפּס.

אַלע האָבען זיך שוין איבערצייגט אַז פאַר אידען פון דער גאַנצער וועלט איז קיין אַנדער האָפענונג ניטאָ אויסער ארץ ישראל; קיין אַנדער הויז ניטאָ אויסער דער בית אחד; און כדי צוריק צו קריגען אָט דעם בית אחד, מוזען מיר צוריק ווערען אַן „עם אחד", דאַן וועט מיט דעם הילף פון דעם „אתה אחד" דעם „עמך ישראל גוי אחד" צוריקקומען אין זיין „בית אחד", ער וועט ווערען אַ גוי אחד — בארץ אין זיין אייגענע הייליגע לאַנד, במהרה בימינו אמן.

לשביעי של פסח

אמונה ובטחון

אָז ישיר משה ובני ישראל וגו׳.
(שמות ט״ו־א׳).

אין אָז אלא לשון בטחון שנ׳ אָז תלך לבטח דרכך — משלי ג׳־כ״ז.
(שמו״ר כ״ג־ח׳).

ברוך הגבר אשר יבטח בד׳ והי׳ ה׳ מבטחו.
(ירמיה י״ז־ד׳).

די מדה פון בטחון איז איינע פון די הויפט יסודות פון אידישקייט. אויף אמונה און בטחון איז געבויט דער גאַנצער עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. בלויז מיט דעם דאָזיגען כח איז דער איד אימשטאַנד געווען דורכצומאַכען אַלע יסורי הגלות אין אַ משך פון כמעט גאַנצע צוויי טויזענט יאָהר אָהן יאוש און אָהן רעזיגנאַציע.

אָבער בטחון גופא דאַרף ערשט גוט שטודירט ווערען. עס איז אַ טעקסט וואָס נויטיגט זיך אין אַ פירוש, און ווי עס איז דער פאַל מיט פירושים, זיינען ניט אַלע פון זיי אמת׳ע פירושים; עס זיינען אויך פאַראַן פאַלשע און פאַרפיהרענדע פירושים.

מען דערצעהלט וועגען אַ פרומען איד וואָס האָט פרעטענדירט צו זיין אַ גרויסער בעל בטחון און האָט זיך שטענדיג געגריבעלט אין די פאַרשידענע מוסר ספרים וועלכע באַהאַנדלען די דאָזיגע מדה. קומט אַמאָל אַריין צו איהם זיינער אַ חבר און באַמערקט אויף זיין ספרים־טיש דעם ספר „חובת הלבבות״, עפענט ער אויף דעם ספר און גראדע האָט זיך אויפגעמישט דער פרק וואָס איז באַצייכענט מיטן נאָמען „שער הבטחון״. באַמערקט אָבער דער פריינד ווי פונקט אויף יענעם בלאַט איז פאַרשטעקט געווען אַ צעהן רובלדיגע

אסיגנאציע. וואונדערט זיך דער איד און פרעגט ביי זיין פריינד דעם בעל בטחון ער זאל איהם ערקלערען די שייכות פון די צעהן רובעל מיט'ן שער הבטחון, דערויף ענטפערט ער איהם: פארשטעהסטו מיך, איך בין טאקע א גרויסער בעל בטחון אין ענינים פון פרנסה, נור „ליתר בטחון" האב איך טאקע צוגעגרייט די צעהן רובעל כדי איך זאל ניט דארפען דרעהען דעם קאפ וואו צו באקומען עטליכע רובעל אויף שבת...

נאטירליך מיינען מיר דערמיט ניט צו זאגען אז א איד מיט בטחון דארף שוין אליין גאר ניט טאהן און זיך באנוגענען מיט בטחון אז מסתם וועט איהם דער אויבערשטער העלפען. דאס געוויס ניט, דען דארט וואו עס שטעהט „בטח בה'", דארט שטעהט אויך „ועשה טוב", הייסט דאך דער פסוק אליין, אז צום בטח זאל אויך זיין א ועשה... נאך מעהר דערפון, לויט אן אינטערפרעטאציע פון אונזערע חז"ל, דארף גאר זיין „סרס המקרא ודרשהו", די ארדנונג פון פסוק דארף איבערגעשטעלט ווערען און עס דארף גאר זיין „עשה טוב ובטח בה'", פריהער דאס טאן אליין און נאכהער דער בטחון אין ג־ט.

דער זעלבער איינדרוק שאפט זיך אויך פון א צווייטען מאמר חז"ל אויף דעם פסוק „וברכתיך בכל אשר תעשה" וואס ווערט פון זיי אויסגעטייטשט אין דעם זעלבען זין אז דער „וברכתיך" קען בלויז קומען אין דעם „בכל אשר תעשה", פריהער דארף מען אליין טאן ווי ווייט מען קען און דאס איבעריגע לאזען צום רבונו של עולם אריינצושיקען זיין ברכה.

דער פאקט אבער איז אז סיי אין דעם ערשטען פסוק און סיי אין דעם צווייטען ווערט דער געטליכער מאמענט דערמאנט צום ערשטען, דער „בטח בד'" פאר דעם „ועשה טוב" און דער „וברכתיך פאר דעם „בכל אשר תעשה", איז דערפון משמעות צו לערנען אז אפילו ווען מען שטעלט איבער דעם פסוק, דעם „עשה טוב" פאר דעם „בטח בד'", איז נאך אלץ פאראן פלאץ פאר דעם אריגינעלען טעקסט און עס איז ניטא קיין ווידערשפרעכונג צווישען דעם טעקסט און פירוש, צווישען די אריגינעלע אויסטייטשונג און די דרשה; און אויב די דרשה מיינט צו לערנען אז מען דארף ניט בלייבען פאסיוו און ווארטען אויף די געטליכע הילף, נור גלייך צוטרעטען צו מעשים, לערנט אבער דער אריגינעלער טעקסט אז אין די מעשים גופא, דארף דער געטליכער

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

בטחון פאַרנעהמען דעם ערשטען פלאַץ, דאָס הייסט אַז דיינע מענשליכע מעשים טאָרען ניט פאַנאַנדערגעטיילט ווערען פון געטליכען בטחון; עס טאָר ניט אויפגעשטעלט ווערען קיין מחיצה און קיין גרעניץ ליניע צווישען אַט דיביידע, ווי צו זאָגען: ביז דאַנען איז „מעשי ידי להתפאר" און פון דאַנען פאַנגט זיך אָן דער געטליכער כח. ניין, אפילו ביי דיין אייגענעם „ועשה" וואָס טעכניש קומט ער טאַקע צוערשט, טעהאָרעטיש אָבער קומט אַלץ דער „בטח בד׳" פריהער. אַזוי אויך מיט דעם „וברכתיך" וואָס דאַרף אין טעהאָרעטישען זין קומען פריהער פון דעם „בכל אשר תעשה", דו מוזט זיין דורכגעדרונגען מיט אַט דעם געדאַנק אַז עס קען ניט זיין קיין עשה אָהן דעם בטח און קיין אשר תעשה אָהן דעם וברכתיך.

ווען אָבער אַז אַ מענש געפינט זיך חלילה אין אַ עת צרה און ווענדעט אָן אַלע זיינע מענשליכע מעשים כדי זיך צו ראַטעווען פון איהר און בעת ער טהוט עס קומט איהם גאָר די געטליכקייט אפילו אויפ׳ן זינען ניט, נור ווען ער געפינט אויס אַז זיינע אייגענע מעשים האָבען צו גאָרנישט דערפיהרט, ערשט דעמאָלט הויבט ער אָן צו אָפּערירען מיט בטחון, אַזעלכער קען באין אופן ניט פאַררעכענט ווערען פאַר אַ בעל בטחון.

בטחון מוז דאָמינירען און באַהערשען דעם גאַנצען שטח, פאַר די מעשים, אין די מעשים, און נאָך די מעשים.

אַזאַ סאָרט בטחון האָט מען געזעהן ביי די אידען אין מצרים אין ווען מעשים עס האָבען זיך אָפּגעשפיגעלט זייער אמונה און בטחון. זיי האָבען געשאָכטען דעם קרבן פסח און באַשפריצט מיט זיין בלוט זייערע הויז טירען טראָצדעם וואָס די סכנה פון „הן נזבח תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו" איז געווען אַזוי גרויס; דער בטחון אין ג־ט האָט אָבער גובר געווען די דאָזיגע סכנה.

דאָס זעלבע האָבען זיי דעמאָנסטרירט מיט׳ן פאַרלאָזען די לאַנד פון „כגן ה׳ כארץ מצרים" און געגאַנגען אין מדבר וואו לעבענס געפאַהר האָט געדראָהט אויף זיי ממש יעדער שעה און יעדער רגע. איז טאַקע דער דאָזיגער בטחון פראַקלאַמירט געוואָרען אין דעם נביא׳ס אויסרוף: „זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה (ירמיה ב׳־ב).

לשביעי של פסח

ווי ערהאָבען קלינגען דערפאַר די ווערטער ביי די שירת הים:
ויושע ה׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים

— — — — — — — — — — — — — —

וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה׳ במצרים.

דער קלימאַקס פון די ישועה, איז טאַקע געקומען ערשט איצט, „ביום ההוא״, ביים קריעת ים סוף, אָבער: „וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה׳ — במצרים״, אַט די „יד הגדולה״ פון די ענדגילטיגע ישועה, האָבען נאָך די אידען געזעהן במצרים: נאָך דעמאָלט, זייענדיג אין מצרים, בעת זיי זיינען נאָך געווען איינגעטונקען אין אַ ים פון צרות און יסורים, שוין דעמאָלט האָבען זיי געזעהן דעם ים פון פרייד און ישועה; דער בטחון אין ג־ט האָט זיי באַהערשט נאָך פון סאַמע אָנהויב, נאָך איידער די ישועה איז געקומען.

***

צווישען די וואונדערבאַרע גוזמאות פון רבה בר בר חנה וועלכע ענט־האַלטען אַהן צווייפעל אין זיך סימבאָלישע אָנדייטונגען וואָס וואָרצלען אין מאָראַלישע און עטהישע יסודות, געפינט זיך אויך די פאָלגענדע באַצוי־בערנדע מעשה׳לע:

אמר רבה בר בר חנה: אמר לי ההוא טייעא תא ואחוי לך היכי דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי; שקליתא לסלתאי ואנחתיה בכוותא דרקיעא, אדמצלינא, בעיתיה ולא אשכחיתא. אמינא ליה: איכא גנבי הכא, אמר לי האי גלגלתא דרקיעא הוא דהדר, נטר עד למחר הכא ומשכחת לה (בבא בתרא ע״ד)

רבה בר בר חנא דערצעהלט ווי דער טייעא (סוחר ישמעאל — רש״י) האָט איהם איינגעלאַדען אין אַ פּלאַץ וואו ער וועט איהם צייגען ווי הימעל און ערד קושען זיך. כ׳האָב געגומען (האָבענדיג שוין דערגרייכט יענעם פלאַץ) מיין ברויט קאָרב און עס אָוועקגעלעגט אין אַ פענסטערל פון הימעל וועהרענד איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען, איך האָב עס נאָכהער געזוכט און ניט געפונען; זאָג איך צו איהם (צום טייעא): זיינען דען דאָ פאַראַן גנבים? האָט ער מיר געענטפערט: דאָס איז דער גלגל הרקיע, דער הימעל־ראָד וואָס האָט זיך אָוועקגעדרעהט, וואַרט דאָ צו ביז מאָרגען (ווען דער

ראַד וועט ווידער זיך אויסדרעהען צו דיזען פונקט) און דו וועסט עס געפינען.

אַ בליק אין לעבען וואַרפט אַ ליכט אויף די סימבאַלישע באַדייטונג פון דיזער מיסטעריעזע מעשה׳לע.

הימעל און ערד באַגעגענען זיך היבש מאָל אין אונזער לעבען. עס טרעפט ניט זעלטען, אַז דאַס הימלישע און דאַס ערדישע קומען אין צוזאַ־מענשטויס. קומט אין באַריהרונג מיט אייערע באַקאַנטע פון צווישען די פרומע געשעפטסלייט און איהר וועט הערען ווי זיי באַקלאָגען זיך אַז צו־ליעב דעם וואָס זיי היטען אָפּ צו געהן אין שוהל אַריין דאַוונען בצבור, פאַרלירען זיי ביזנעס; צדקה, גמילות חסד און אַנדערע אידעאַליסטישע טעטיגקייטען, באַרויבען זיי פון זייער מאַטעריעלען פאַרמעגען, נעהמען ביי זיי אַוועק געלט און צייט; דאַס אָפּהיטען שבת און יום־טוב שעדיגט אין אַ גאַר גרויסער מאָס זייערע עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע אינטערעסען; עס קוקט אויס ווי דער הימעל גנב׳עט ביי זיי אַוועק זייער ברויט קאַרב; דאָס אידעאַלע פאַרשלינגט דאָס מאַטעריעלע און דאָס לעצטע פאַלט אַ קרבן אויפ׳ן מזבח פון דאָס ערשטע.

דער וואָס איז אָבער אַן אמת׳ער בעל בטחון, דער דענקט אַנדערש. ער איז ניט חושד אַז אין הימעל זיינען פאַראַן גנבים... און ווען עס דוכט זיך איהם אַפילו אויס אַז דער הימעל איז שולדיג אין דאָס פאַרשווינדען פון זיין ברויט־קאַרב, נעהמט ער עס אָן פאַר בלויז אַ צייטווייליגען פאַר־לוסט און איז זיכער, אַז דער דאָזיגער פאַרלוסט וועט ביי אַ שפּעטערדיגער געלעגענהייט ערזעצט ווערען. דער הימלישער ראַד דרעהט זיך נאָכאַנאַנד, ער שטעהט ניט אויף איין אָרט; הייגט, זעהט עס אויס, האָסטו אָביסעל געליטען אויפ׳ן חשבון פון הימעל, אויפ׳ן חשבון פון דיין דאַוונען, פון דיין שבת און פון דיינע מצות און מעשים טובים, מאָרגען אָבער וועט זיך דער זעלבער ראַד אַ דרעה טאָן אויף צוריק און דיין „גנבה” וועט זיך אָפּ־זוכען, דיין פאַרלוסט וועט זיך אומקעהרען און מאַנכעס מאָל נאָך מיט היבשע פּראָצענטען...

אויב בעת׳ן דאַוונען ווערט דיין ברויט קאַרב פאַרשלונגען אין הימעל, איז עס אַן אַנדייטונג אַז ביים דאַוונען דאַרף מען זיך אויסטאָן פון די ערדישע

לשביעי של פסח

אינטערעסען, דאָס ערדישע דאַרף דעמאָלט פאַרשלונגען ווערען אין דאָס הימלישע...

דער הימעל אָבער וועט דיין ברויט נישט אוועק'גנב'ענען; אין געגענ־טהייל, דער הימעל וועט דיר גאָר ווייזען אַז אַנשטאָט נעהמען פון די ערד וועט ער איהר גאָר געבען...

און דאָס דאָזיגע האָט דאָך טאַקע שוין פּאַסירט אויך. אידען זיינען געגאַנגען אין דער מדבר, די מדבר ערד, די „ארץ לא זרועה", האָט זיי קיין ברויט ניט געקענט געבען, איז געשעהן דער נס און דער הימעל האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די ערד און אַנשטאָט „המוציא לחם מן הארץ" איז גאָר געווען „ממטיר לכם לחם מן השמים"; אָבער געשעהן איז עס טאַקע ביי אידען וואָס האָבען געהאַט דעם גרויסען בטחון, און האָבען נאָך אין דעם במצרים, אין דער עת צרה, שוין דערזעהן דעם „ויושע" פון דעם שפּעטערדיגען „ביום ההוא"...

***

אז ישיר משה —

שר לא נאמר אלא ישיר

און עס וואָלט זיך אפשר געלאָזט פרעגען: אויב דער בטחון איז טאַקע אַזוי גרויס געווען אַז נאָך אין מצרים האָבען זיי שוין דערזעהן די ישועה פון ים סוף, טאָ פאַר וואָס טאַקע האָבען זיי דעמאָלט שוין ניט געזונגען די שירה, פאַר וואָס ערשט ישיר, שפּעטער, און ניט שר, פריהער?

דערויף איז אָבער דאָ אַ פּשוט'ער תירוץ. אין מצרים איז דאָך די ישועה געווען בלויז אין האַרצען און אין מחשבה, איז די שירה דעריבער אויך געווען איינגעשלאָסען אין האַרצען, און ערשט ביים ים, ווען די ישועה האָט שוין געקראָגען אַן עפענטליכען אויסדרוק, איז שוין די שירה אויך געווען אַן אויסגעשפּראָכענע...

ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך

אשירה לד' כי גמל עלי.

בעת דער געטליכער חסד ליגט נאָך בלויז אין בטחון דעמאָלט איז בלויז יגל לבי, איז די שמחה נאָר אין האַרצען. דער אשירה לד', עפענטליך, קומט ערשט דעמאָלט, ווען „כי גמל עלי," ווען די ישועה איז שוין פאַרטיג אין גאַנצען.

לאחרון של פסח

(יזכור)

ויקח משה את עצמות יוסף עמו.
(שמות י״ג־י״ט).

להודיע חכמתו וחסידותו של משה שכל ישראל עוסקין בבזה, ומשה עוסק במצות עצמות יוסף.
(מכילתא בשלח פ׳ א׳).

צוויי תקופות האָבען די אידען דורכגעלעבט אין מצרים, צוויי געגענזעצטע תקופות, איינע אַ קאָנטראַסט צו די צווייטע. די ערשטע, אין דער צייט ווען יוסף האָט געלעבט. דאָס איז געווען די גאָלדענע עפּאָכע. אַ דאַנק יוסף׳ס לייסטונגען פאַר דער מדינה דורך וועלכע ער האָט איהר אַרויסגעשלעפּט פון אַ שרעקליכען קריזיס, וואָס האָט געדראָהט מיט אַ הונגער קאַטאַסטראָפע, און וואָס האָט דערפיהרט צו יוסף׳ס דערהויבונג, זיינען אידען געשטאַנען ברום המעלה, האָבען זיך געלעבט גליקליך און גענאָסען מטוב ארץ מצרים.

יוסף שטאַרבט אָפּ און עס רוקט זיך אָן אַ נייע תקופה וואָס איז ממש דער הפך פון דער ערשטער. דיקע שוואַרצע כמאַרעס שפּרייטען זיך אויס אויף דעם הימעל פון אידישען גושן; פאַרפאָלגונגען און רדיפות אָהן אַ שיעור און עס דערגרייכט צום „וימררו את חייהם״....

די תורה גיט אַ קורצע איינלייטונג דערצו וואָס דאַרף דיענען אַלס באַלייכטונג ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער דאָזיגער ענדערונג:

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף!

אַ נייער מלך איז אויפגעשטאַנען, וועלכער האָט יוסף׳ן ניט געקענט. חז״ל ברענגען צוויי מיינונגען וועגען דעם. לויט איין מיינונג איז טאַקע „חדש ממש,״ בוכשטעבליך אַ נייער קעניג; לויט אַ צווייטער מיינונג, איז

לאחרון של פסח

דער קעניג געווען באמת דער זעלבער, נאָר „שנתחדשו גזירותיו." ער האָט געביטען זיין שטעלונג צום אידישען פאָלק און אָנגעהויבען אַרויסגעבען נייע גזירות, ניט נעהמענדיג אין אַכט יוסף'ס לייסטונגען פאַר מצרים. דער „אשר לא ידע" מיינט פאָלגליך, אַז ער האָט זיך געמאַכט כלא ידע'דיג...

אַזוי צי אַזוי, איז עס סיי ווי ניט קיין צו־גרויסער שבח פאַר אַ מדינה. ביי אַן איינציגען מענש קען אַמאָל גילטען אַ פאַרטיידיגונג דורך אַ „שוואַכען זכרון," אַ גאַנצע לאַנד אָבער קען זיך מיט אַזאַ פאַרטיידיגונג נישט רעכטפערטיגען. די תורה מיינט דעריבער מיט'ן „אשר לא ידע את יוסף" געוויס ניט קיין פאַרטיידיגונג נאָר אַ פאַרוואורף; עס איז אַ באַשולדיגונגס־אַקט אַנטקעגען מצרים פאַר איהר אומדאַנקבאַרקייט צו דעם מאַן, וועלכער האָט געבראַכט פאַר איהר רעטונג אין אַ צייט ווען זי איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון אונטערגאַנג.

אָבער אויב פרעה האָט פאַרגעסען אָדער זיך געמאַכט פאַרגעסען יוסף'ן, האָט אָבער די געשיכטע ניט פאַרגעסען; און עס איז ענדליך געקומען די צייט פאַר מאָהנען חשבון...

און די השגחה האָט געמאָהנט מיט דער פולער האַנט. אמת, די השגחה האָט זיך איהרע וועגען, און ניט קוקענדיג דעריף וואָס דער מצרים'דיגער „קאָנצענטריישאָן קעמפ" איז געווען פאַר אידען אַ מין היטלעריסטישער „בוכענוואַלד", „אָשוויענטשים" אָדער „מאַידאַנעק" קעמפ, וואו עס זיינען אומגעקומען אונצעהליגע טויזענטער נפשות, איז די שטראָף פונדעסטוועגען אָנפאַנגס געווען באַדייטענד מילד אין איינקלאַנג מיט דער געטליכער טראַדיציע פון „אין פוגעין בנפשות תחלה." די השגחה האָט זיך דעריבער באַנוגענט מיט מכות מיט וועלכע זי האָט עקספּערימענטירט אַ לענגערע צייט, ביז צום סאַמע לעצט, ווען עס האָט שוין געמוזט אָנגעווענדעט ווערען די „פגיעה בנפשות", אין געשטאַלט פון מכת בכורות.

אָבער פון אָנהויב ביז צו די ענדע איז די אולטימאַטיווע פאָדערונג צו פרעה'ן געווען די צו אונז באַקאַנטע און פּאָפּולערע לאָזונג פון „אָנקאָנדישאַנאַל סורענדער," אונטערצוגעבען זיך אָהנע תנאים און באַדינגונגען; און ווען פרעה האָט יאָ פּרובירט שטעלען באַדינגונגען ווי: „לכו נא הגברים," גרויסע וועט ער יאָ באַפרייען אָבער קינדער ניט, און שפּעטער האָט ער שוין

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אויף קינדער אויך מסכים געווען, אָבער ניט אויף די שאָף און רינדער, האָט משה ניט אָפּגענויגט קיין האָר פון זיין „אַנקאַנדישאַנאַל סורענדער" און האָט דורכאויס געפּאָדערט: „בנעורינו ובזקנינו נלך" און „בצאננו ובבקרינו," ביז ענדליך האָט פרעה געמוזט אַלץ נאָכגעבען און האָט געזאָגט: „קומו צאו מתוך עמי — כדברכם," ווי איהר ווילט...

פרעה האָט שוין פּאָלגליך געקראָגען זיין „חלק" סיי פאַר'ן „לא ידעתי את ה'" און סיי פאַר'ן „לא ידע את יוסף".... אויף דאָס לעצטע איז די „מדה כנגד מדה" געקומען צום אויסדרוק און די „ביזת מצרים" און „ביזת הים."

יוסף איז דאָך געווען דער וואָס האָט מצרים רייך געמאַכט: „וילקט יוסף את כל הכסף — — ויבא יוסף את הכסף ביתה פרעה" (בראשית מז—יד); און אויב פרעה אַנערקענט נישט יוסף'ן און אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן פאַר איהם, דאַרף דאָך יוסף אָדער זיינע קינדער איהם אויך ניט אַנערקענען, און דערפאַר איז דער „וינצלו את מצרים" און דער „וישאלו כלי כסף וכלי זהב" געווען די אמת אידעאַלע און לאָגישע שטראָף...

***

דאָס אַלץ איז אָבער בלויז ריכטיג געווען אין וואָס אַנבאַלאַנגט דער פראַגע צווישען פרעה און די אידען. אַזוי שנעל אָבער ווי דער פרעה קאַפּיטעל האָט זיך שוין אָפּגעשלאָסען, איז אויף דער פלאַכע אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגען די באַציהונגען צווישען די אידען און יוסף'ן.

ביי די אידען גופא האָבען זיך עפּעס אויך אָנגעהויבען ווייזען סימנים פון דעם „אשר לא ידעו את יוסף"...

דאָס דאָזיגע איז געקומען צום אויסדרוק ביי די „עצמות יוסף" און „ביזת הים."

יוסף זאָגט אָן פאַר זיין טויט און באַשווערט דערויף, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פון „פקד יפקוד" און די אידען וועלען באַפרייט ווערען פון מצרים, זאָל מען מיטנעהמען זיינע ביינער קיין ארץ ישראל. ווען אָבער דער דאָזיגער מאָמענט איז געקומען, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אין אָט דעם פּרט איז ביי די אידען אויך געווען „אשר לא ידעו את יוסף"...

די אויבענציטירטע מכילתא ברענגט עס אַרויס בולט אין איהר קאַ־

לאחרון של פסח

מענטאַר צום פסוק: „ויקח משה את עצמות יוסף עמו.“ בלויז משה אַליין איז געווען דער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט די עצמות יוסף ווערענד אַלע אַנדערע אידען זיינען גאַר געווען באַשעפטיגט און שטאַרק פאַרנומען מיט די גאָלד און זילבער פון די „ביזת הים.“ אין יוספ'ן האָבען זיי אין גאַנצען פאַרגעסען — אשר לא ידעו את יוסף...

אָנשטאָט אָבער די מכילתא זאָל שטעלען דעם טראָפּ אויף דער שוואַכער און שאַטענדיגער זייט מצד די אידען און אָנשלאָגען אַ טאָן פון פאַראַמוגג פאַר אַזאַ אומדאַנקבאַרע באַציהונג, שטעלט זי גאַר דעם טראָפּ אויף דער שטאַרקער און ליכטיגער זייט מצד משה'ן מיט אַ טאָן פון לויב געזאַנג אויפ'ן חשבון פון משה'ס „חסידות“ און „חכמה.“ דוכט זיך אַז עס האָט דאָ גיכער געפּאַסט די קריטיק אויף דער אידישער זייט איידער די קאָמפּלימענטען אויף משה'ס חשבון...

ווען מיר אַנאַליזירען אָבער די צוויי טערמינען פון דער מכילתא „חכמתו וחסידותו“ און פאַרשטעהען בעסער דעם זין פון זיי, דאַן ווערט די זאַך פיעל קלעהרער און עס צייגט זיך אַרויס אַז די זייט פון קריטיק איז דאָ ניט ווענינער בולט ווי די זייט פון לויב.

אייגענטליך איז דאָ דער אויסדרוק פון „חכמה“ ניט אין גאַנצען פאַרשטענדליך. מילא „חסידות“ פּאַסט זיך טאַקע דאָ אַריין, ווייל אויב משה האָט פאַרלאָזען די ביזת הים כאָטש דאָס איז דאָך אויך געווען אַ מצוה און האָט זיך גענומען צו די מצוה פון עצמות יוסף, האָט ער טאַקע דערמיט אַרויסגעוויזען חסידות זייענדיג געניגט צו אַ מצוה וואָס איז „כולו לה'“ אָהן אייגענע פערזענליכע אינטערעסען, און מוותר זיין אויף אַזאַ מצוה ווי ביזת הים, וועלכע איז אויך „חציה לכם“ דורך דעם „מתן שכרה בצדה“; וואו ליגט אָבער דאָ די „חכמה“ און ווי אַזוי האָט משה דערמיט אַרויסגעצייגט קלוגשאַפט?

אין ליכט פון לעבען לאָזט זיך עס אַפילו יאָ ערקלעהרען. משה האָט געהאַנדעלט דערמיט קלוג, ניט געבענדיג קיין געלעגענהייט די פּאַלקסמאַסען, וועלכע האַלטען אין איין זוכען פּגימות אויף זייערע גייסטיגע מנהיגים, אַז זיי זאָלען דאָ האָבען אַן אויסזעצונג געגען משה'ן, אַז ער זוכט אַ גרינגען טאָלער און אַז ער ווערט שוין באַלד רייכער פון זיינע בעלי בתים...

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אפשר דעמאָלט, פונקט ווי היינט, איז די בעלי בתים׳שע פסיכאָלאָגיע געווען אַזאַ לויט וועלכער דער רב מוז דוקא זיין אַ דריי־גאָרענדיגער קבצן, אַז עס זאָל שטענדיג זיין „אַ רחמנות אויף איהם״ און מען זאָל דאַרפען אַרומגעהן שנאָרען פאַר איהם מיט דער „רויטער פאַטשיילע״... און כדי אויסצומיידען די דאָזיגע קריטיק, איז ער געווען דער „חכם הרואה את הנולד״ און האָט זיך גאָר לכתחילה ניט צוגעריהרט צו די אוצרות...

אין אמת׳ען אָבער לאָזט זיך זאָגען אַז די חכמה איז דאָ ניט אָנגעווענדעט געוואָרען כדי זיך צו באַשיצען, נאָר דוקא כדי אַנדערע אָנצוגרייפען.

משה איז אַריינגעקומען מיט די עצמות יוסף אין דעם סאַמע רומעל פון די מאַסען בעת זיי האָבען זיך עוסק געווען אין די ביזת הים אום דערמיט זיי צו צייגען זייער אייגענע אומדאַנקבאַרקייט צו יוסף׳ן, ווי צו זאָגען: אָט דעם גרויסען פאַרמעגען האָט איהר דאָך צו פאַרדאַנקען איהם, יוסף׳ן, טאָ ווי שיקט זיך, אַז אין די ירושה פון דעם גרויסען מת האָט איהר זיך אָנגעכאַפּט מיט דער גרעסטער התלהבות, אָבער איהם, דעם מת אַליין, האָט איהר גענצליך פאַרגעסען! איהר דאַרפט דאָך וויסען און געדענקען, אַז דיעזער ריעזיגער פאַרמעגען איז דאָך צוגענומען געוואָרען פון די מצריים צוליב דעם „אשר לא ידע את יוסף״ און ג־ט האָט דערמיט געוויזען אַז דאָרט וואו מען פאַרגעסט דעם וואָס לאָזט איבער די ירושה, איז מען דאָן צו דער ירושה גופא שוין מעהר ניט באַרעכטיגט, טאָ ווי אַזוי באַגעהט איהר איצט דעם אייגענעם און דעם זעלבען פאַרברעכען און פראַקטיצירט אויך דעם „אשר לא ידע את יוסף״ בעת צו זיין ירושה זיינט איהר אַלע דאָ?...

**
*

און אַקוראַט ווי די „חכמתו של משה״ איז געווען געציעלט צו די קריטיק אויף די מאַסען, אַזוי איז אויך געווען מיט די „חסידותו של משה.״ משה האָט דאָ אגב אַריינגעבראַכט אַ מאָראַלישען מאָמענט, דעם מאָמענט פון פרומקייט. ער האָט געזוכט צו איבערצייגען דעם פאָלק אויף דער נישטיגקייט פון די הבלי עולם הזה און די פוסטע יאָגענישען נאָך געלט און פאַרמעגען. אָט איז דער ביישפּיעל: יוסף!

יוסף האָט רייך געמאַכט גאַנץ מצרים; האָט פאַרמאָגט גועניאַלע פינאַנס פעהיגקייטען און אָנגעזאַמעלט גאַנצע אוצרות, אָבער זעהט ווי פון דעם

לאחרון של פסח

אַלעמען האָט ער מיט זיך גאָר ניט מיטגענומען אויסער זיינע טרוקענע ביינער, טאָ צו וואָס די נאָכיאָגעניש נאָך געלט?

משה האָט פאָלגליך דאָ אין זינען געהאָט די מאָראַלישע לעהרע פון אונזערע חז״ל, אַז: „הרואה אדם שיצרו מתגבר עליו יזכור לו את יום המיתה״; דורך דעם יום המיתה האָט ער געזוכט צו פאַרטרייבען אָדער אָמ־וויניגסטענס אָפּקיהלען אַ ביסעל דעם גרויסען יצר הרע פון געלט.

משמעות אַז יזכור איז דאָך דער בעסטער און אויספּרובירטער מיטעל ווי אַזוי זיך אויפצוהויבען העכער פון די ערדישע און מאַטעריעלע אינ־טערעסען.

לאָמיר דעריבער אויך אויסנוצען דעם איצטיגען יזכור מאָמענט פאַר דעם זעלבען צוועק. זאָל די נשמה זיין דער דאָמינירענדער פאַקטאָר אין אונזער לעבען, און בעת מיר דערמאָנען די נשמות פון אונזערע פאַרשטאָר־בענע, זאָל עס אויך רעפלעקטירען אויף אונזערע אייגענע לעבעדיגע נשמות, און טאַקע אויסנוצען אונזער געלט פאַר עלית נשמה צוועקען, דערמיט וואָס מיר וועלען מנדר זיין חשוב׳ע און באַדייטענדע סומען פאַר אונזערע תורה אינסטיטוציעס, וואו עס שמידען זיך אויס די נשמות פון אונזערע קינדער, די צוקונפטיגע פאָקעל טרעגער פון אונזער אידישער אומה.

דער ארונו של יוסף איז דער יזכור סימבאָל פון דעם היינטיגען יום־טוב און טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ „טשאַלענדזש״ אויפן חשבון פון אונ־זער מאַטעריעלער וואָכעדיגקייט.

לאָמיר דעם דאָזיגען טשאַלענדזש אָננעהמען!...

לחג השבועות

(רות)

נוהגין לומר רות בשבועות, לפי שדוד המלך ע״ה מת בעצרת, והקב״ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום, ובודאי בעצרת נולד, ומגילת רות נכתבה ליחוס דוד, „וישי הוליד את דוד".

(שערי תשובה סי׳ תצ״ד).

מיר האָבען דאָ ציטירט איינעם פון די מעהרערע טעמים וואָס זיינען גע־זאָגט געוואָרען אויף דעם אידישען מנהג צו לייענען מגילת רות אין דעם טאָג פון שבועות. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע טעמים, און נאַטירליך קען זיין אַז אַלע זיינען אמת׳ע און אלו ואלו דברי אלקים חיים.

מיר ווילען זיך דעריבער ערלויבען צוצוגעבען נאָך אַ טעם, אפשר אביסעל אַ מעהר מאָדערנערער, ער איז אָבער באַזירט אויפ׳ן לעבען און טראָגט דערפאַר אַרויס אַ לעבענס מאָראַל וועלכעס פאָרדינט אונזער גע־העריגע אויפמערקזאַמקייט.

לאָמיר צוערשט אַביסעל צוגלידערען דעם טעקסט אַליין פון מגילת רות אין איהרע ערשטע צוויי פסוקים.

די מגילה פאַנגט זיך אָן ווי פאָלגט:

ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדי מואב הוא ואשתו ושני בניו.

(און עס איז געווען אין די טעג וואָס די שופטים האָבען געהערשט, איז געווען אַ הונגער אין לאַנד; און אַ מאַן איז געגאַנגען פון בית לחם יהודה. זיך אויפצוהאַלטען אין פעלד פון מואב, ער מיט זיין ווייב און זיינע צוויי זיהן.)

לחג השבועות

רעדט זיך אין דעם דאָזיגען פסוק וועגען אַן אַנאָנימע פאַמיליע, נישט דערמאָנענדיג קיין איינציגען נאָמען פון די העלדען פון דער דאָזיגער געשיכטע.

ערשט אין צווייטען פסוק ווערען אַרויסגעגעבען די נעמען:

ושם האיש אלימלך ושם אשתו נעמי, ושם שני בניו מחלון וכליון אפרתים מבית לחם יהודה ויבואו שדה מואב ויהיו שם.

(און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך, און דער נאָמען פון זיין ווייב, נעמי, און דער נאָמען פון זיינע צוויי זיהן, מחלון און כליון, אפרת׳ער פון בית לחם יהודה; און זיי זיינען געקומען אין פעלד פון מואב, און זיינען דאָרטען געווען.)

און אין דריטען פסוק:

וימת אלימלך איש נעמי, ותשאר היא ושני בניה. (איז געשטאָרבען אלימלך, נעמי׳ס מאַן, און זי איז איבערגעבליבען מיט איהרע צוויי זיהן.)

רש״י קאָמענטירט וועגען דעם מיט אַ כאַראַקטער שטריך וועגען אלי־מלך׳ן, דער הויפט פון דער פאַמיליע, און זאָגט: „אלימלך עשיר גדול היה ופרנס הדור ויצא מארץ ישראל לחוץ לארץ מפני צרת עין שהיתה עינו צרה בעניים הבאים לדוחקו, לכך נענש.״ (אלימלך איז געווען אַ גרויסער עושר און דער פרנס פון זיין דור. ער איז אַוועק פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ צוליעב זיין ענג־הערציגקייט און ער האָט ניט געוואָלט באַלעס־טיגט ווערען פון די אָרטיגע אָרעמעלייט, און דעריבער איז ער באַשטראָפט געוואָרען.)

אויף אַן ענהליכען אופן ווערט דאָס דאָזיגע געזאָגט אין ילקוט: „אלימלך מגדולי הדור ופרנס הדור היה, וכיון שבאו שני רעבון, אמר עכשו יהיו כל ישראל מסובין בקופתן על פתחי, מה עשה, עמד וברח מפניהם, הדא גרמא ליה.״ (אלימלך איז געווען פון די גרעסטע פון זיין דור און איז געווען דער פרנס, און אַז עס זיינען אָנגעקומען הונגער יאָהרען, האָט ער געזאָגט: איצ־טער וועלען אַלע אידען באַלאַגערען מיין הויז מיט זייערע טאָרבעס, איז ער דערפאַר אַנטלאָפען פון זיי, דאָס האָט פאַראורזאַכט זיינען אומגליקען. (ילקוט סי׳ תקצ״ח).

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ווי מיר זיינען באַקאַנט מיט דעם שפּראַכליכען סטיל פון די כתבי הקודש, וואו עס הערשט אַ גרויסע שפּאָרזאַמקייט אין ווערטער, און אויף יעדען אויבערפלעכליכען איבעריגען וואָרט און זאָגאָר בוכשטאַב, ווערען גע־דרש'ענט גאַנצע גאַנצע דרשות, קוקט עס אויס אַביסעל קשה'דיג אָט די גאַנצע אריכות אין די ערשטע צוויי פּסוקים. עס וואָלט, דוכט זיך, גאָר ניט געמי־נערט געוואָרען פון דעם אינהאַלט ווען אַנשטאָט פריהער איבערצוגעבען די העלדען אַנאָנים און ערשט נאַכהער אַרויסגעבען די נעמען פון יעדערען פון זיי, אַז גלייך אין אָנהויב זאָלען די נעמען פאַרעפענטליכט ווערען און דערמיט שפּאָרען איבעריגע ווערטער?

אין דער אויבענציטירטער כאַראַקטער שילדערונג פון רש"י און ילקוט, ליגט, גלויבען מיר, דער ענטפער צו דער דאָזיגער פראַגע. עס קומט שוין גאָר אויס אַז ניט נאָר איז דאָ ניט פאַראַן קיין אריכות פון איבעריגע ווער־טער, נאָר גראָדע אומגעקעהרט: עס איז דאָ אויפ'ן קורצסטען אופן איבער־געגעבען געוואָרען דער טעקסט מיט'ן פּירוש צוזאַמען, און עס צייגט אויף דעם שפּראַכליכען סטיל רייכקייט פון אונזערע כתבי הקודש וואָס דאַרף אַרויסרופען די גרעסטע באַוואונדערונג.

עס איז ניט קיין זעלטענע ערשיינונג, ווען מענשען פאַרלאָזען אַ לאַנד צוליעב עקאָנאָמישע אורזאַכען, צוליעב אַ קריזיס און אַ דעפּרעסיע און עמיגרירען צייטווייליג צו אַנדערע לענדער וואו די עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ בעסערע, עד יעבור זעם, און וועלען קענען צוריקקומען אין זייער איי־גענעם לאַנד. אַזעלכע זאַכען זיינען אָפטע ערשיינונגען אין לעבען, און דאָס דאַרף נאָך ניט פאַררעכענט ווערען פאַר אַזאַ גרויסער זינד, אַפילו ווען דאָס איז אַן עמיגראַציע פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ. האָבען דאָך אַזוי אויך געטאָן די אָבות העולם, אברהם, יעקב און די הייליגע שבטי י־ה.

מיט אלימלך'ן איז אָבער אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע. אַזוי רייך ווי ער איז געווען, האָט ער נאָך געקענט בייקומען אַ קריזיס, ווי שווער ער זאָל ניט זיין. פון עקאָנאָמישע דעפּרעסיעס ליידען על פּי רוב בלויז די אָרע־מעלייט, און אפשר אויך די מיטעל־שטעהענדיגע, אָבער ניט די רייכע און אודאי ניט די גאָר־רייכע און ודאי דודאי ניט אויף אַזאַ שווערען אופן אַז

לחג השבועות

מען זאָל זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזען די היימלאַנד און אויסוואַנדערען אין דער פרעמד.

מאַראַליש איז עס געוויס ניט ריכטיג געווען פון אַזאַ מאַן ווי אלימלך, וועלכער איז געווען דער פרנס און ראש הקהל, צו פאַרלאָזען זיין קהלה אין אַ צייט פון נויט און זוכען בלויז זיין אייגענע רעטונג. אמת׳ע מנהיגים בלייבען אויף זייערע פּאָסטענס אַפילו ווען עס דראָהט מיט סכנה אויף זייער לעבען, פּונקט ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן דאַרף זיין דער לעצטער צו פאַר־לאָזען זיין זינקענדע שיף.

איז אָבער אלימלך דער עושר געווען אַ גרויסער צר עין, אַן עגאָאיסט, וועלכער האָט געוואָלט האָבען ביידע זאַכען מיטאַמאָל, אי די דעה און אי די מטבע. דאָס ערשטע האָט ער גענומען און דאָס צווייטע האָט ער ניט געגעבען; איז דעריִבער אַזוי גיך ווי ער האָט דערשמעקט די „סכנה" אַז זיינע אָרעמע לאַנדסלייט וועלען מיט זייערע טאָרבעס באַלאַגערען זיין הויז, האָט ער גלייך געמאַכט אַ ויברח, והילד איננו.

זייענדיג אָבער אַזאַ פּראָמינענטע פּערזענליכקייט, אַ מנהיג און אַ פרנס, האָט ער זיך נאַטירליך געפונען אין אַ פאַרלעגענהייט. דען אַנשטענדיגע גבירים, ווען זיי פאָהרען אָפּ פון דער היים צוליעב אייגענע באַקוועמליכ־קייט, ווי צום ביישפּיל אויף אַ דאַטשע פאַר אַ זומער אָדער ווינטער וואַ־קאַציע, זיינען זיי זיך נוהג אַז איידער מען פאַרלאָזט די היים, קומט מען שבת אין שוהל און מען איז עולה לתורה; מען שנדר׳ט באַדייטענדע סומען פאַר די פאַרשידענע אָרטיגע אינסטיטוציעס און מען לאָזט אויך איבער צדקה פאַר די עניים מהוגנים און פאַר סתם אָרעמעלייט, יתומים און אלמנות און ערשט דאַן געזעגענט מען זיך מיט׳ן עולם, מיטנעהמענדיג ברכות און ווינשעוואַניעס אַלס צידה לדרך פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג און עס איז ווי אין פּסוק שטעהט: כי בשמחה תצאו.

אלימלך׳ן האָט אָבער דאָס דאָזיגע ניט געשמעקט און אום אויסצו־מיידען די אומצופרידענהייט פון קהל און די בייזע בליקען פון זיינע אנשי עדתו, האָט ער דערפאַר באַשלאָסען צו זיין אַ „בלי הגיד לו כי בורח הוא"; ער וועט מאַכען אַ שוויִיג און זיך אַרויס׳גנב׳ענען פון שטאָדט אַנאַנים, איב־

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

קאַגניטאָ, אַקוראַט ווי סתם איינער אַ מענש, אַן אומבאַדייטענדער, פאַרלאָזט די שטאָדט וואָס מאַכט אויף קיינעם קיין רושם ניט.

און דערפאַר איז:

וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדה מואב הוא ואשתו ושני בניו.

סתם אַ איש, סתם אַ אשה און סתם שני בניו; ניט קיין אלימלך, ניט קיין נעמי און ניט קיין מחלון וכליון...

און פאַרגעסען דאַרף מען ניט אַז אויך מחלון וכליון ווערען באַצייכענט אַלס גדולי הדור (בבא בתרא צ״א) אָבער אויך זיי זיינען משמעות געווען אַזעלכע צרי עין ווי דער טאַטע, אויך זיי האָבען נאָכגעפאָלגט דעם טאַטענסביישפּיעל סיי מיט׳ן עצם פאַרלאָזען די שטאָדט און סיי מיט דער אַנאַנימישער טאַקטיק.

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש דאָס וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען צו עמיגרירען נאָך שדה מואב. עס איז געווען, ווי מען זאָגט, צוגעפּאַסט „דער קרבן צו דעם מזבח.״ די מואב׳ער לאַנדסלייט האָבען שוין אַן אַלטען ביבלישען רעקאָרד אַלס צרי עין און עגאָאיסטען: „אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים.״ זיי האָבען אַפילו זייערע אייגענע שוועסטערקינדער, אברהם׳ס אייניקלאַך, ניט געוואָלט אנטקעגען קומען מיט ברויט און וואַסער, ווען יענע האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר און זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט אין אַ ביסעל גאַסטפריינדליכקייט. האָט די אלימלך משפחה אין שדה מואב געפונען דעם ריכטיגען אַדרעס, וואוהין אריינצופאָהרען. דאָרט, אין מואב, האָבען זיי קיין מורא ניט געהאַט פאַר קיין אָרעמע טאַרבעס, אין מואב, האָבען זיי געוואוסט, עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי צו „געהן איבער די הייזער,״ ווייל די מואב׳דיגע בעלי בתים לאָזען קיין אָרעמען אויפ׳ן שוועל ניט אַרויף.

קומענדיג אַהין, דאַרף מען שוין מעהר ניט זיין אינקאָגניטאָ, מען דאַרף זיך שוין פאַר קיינעם ניט אויסבאַהאַלטען, און דעריבער, אין צווייטען פסוק, וואו עס ווערט שוין דערצעהלט פון אלימלך׳ס אָנקומען קיין מואב, דאָרט רעדט זיך שוין מעהר ניט פון סתם אַ מענש, סתם אַ ווייב און סתם צוויי קינדער; דאָ גיבען זיי זיך שוין אַרויס מיט די אמת׳ע נעמען:

לחג השבועות

ושם האיש אלימלך, ושם אשתו נעמי ושם שני בניו מחלון וכליון אפרתים מבית לחם יהודה...

און דאָס אַלץ איז דערפאַר וואָס — „ויבאו שדה מואב", ווייל זיי האָבען שוין דערגרייכט די טעריטאָריע וואו עס איז מעהר ניט נויטיג זיך אויס־צובאַהאַלטען...

קומענדיג אין שדה מואב, האָט די אלימלך פאַמיליע ערשט ריכטיג איבערציייגט ווי וויט זי האָט געטראָפען מיט איהר נייער היים, אַז וועהרענד אַנפאַנגס ווען זיי האָבען פאַרלאָזען בית לחם יהודה איז זייער געדאַנק געווען בלויז אויף „לגור בשדה מואב", זיך אויפהאַלטען דאָרטען אַלס גרים, אַלס צייטווייליגע אימיגראַנטען אָדער טוריסטען ביז דער קריזיס אין זייער היימ־לאַנד וועט זיין פאַראיבער, אָבער אַזוי שנעל ווי „ויבאו שדה מואב", זיי זיינען נור אָנגעקומען אַהין און זיך צוגעקוקט צום לעבנסשטייגער פון די מואבים, איז עס זיי אַזוי שטאַרק געפעלען אז — „ויהיו שם", זיי האָבען גלייך באַשלאָסען דאָרטען שוין צופאַרבלייבען...

און פאַרבליבען איז שוין דאָרט אלימלך אויף אייביג ביז: —

וימת אלימלך איש נעמי!

און געשטאָרבען איז בלויז אלימלך דער מאַן פון נעמי, בלויז פאַר זיין ווייב איז אלימלך איצט געשטאָרבען, פאַר אַנדערע, פאַר אָרעמעלייט, פאַר די שוהל און פאַר די פאַרשידענע צדקה אינסטיטוציעס, איז ער שוין פון לאַנג געשטאָרבען, פאַר די לעצטע איז ער אפשר גאָר קיינמאָל ניט געבאָרען געוואָרען און האָט ממילא ניט געדאַרפט שטאַרבען... און —

וימותו גם שניהם מחלון ותשאר האשה משני בניה ומאישה.

אויך די זיהן מחלון וכליון, שטאַרבען בלויז צו זייער מאַמען און צו זייערע ווייבער אָבער ניט צו אַנדערע...

און דאַן —

ותקם היא וכלותיה ותשב משדה מואב

כי שמעה כי פקד ה' את עמו לתת להם לחם.

ערשט איצט האָט זיך די אומגליקליכע נעמי איבערציייגט אַז איהר אומגליק איז דער אויסגוס פון געטליכען צאָרען וואָס צאָהלט מדה כנגד מדה. אלימלך מיט די קינדער האָבען זיך אָפּגעפרעמדט פון זייערע מיטמענשען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

און האָבען פון זיי ניט געוואָלט וויסען, האָבען זיך די לעצטע פון זיי אויך אָפּגעפּרעמדט; זיי זיינען געשטאָרבען עלענד און פאַרלאָזען, קיינער, אויסער די אָרעמע נעמי, האָבען זיך ניט געקימערט וועגען זייער טויט, האָבען זיי ניט באַוויינט און באַקלאָגט, ווי היימלאָזע און שטאָטלאָזע זיינען זיי אַוועק פון דער וועלט און זייער טויט האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט; וועהרענד אלימלך'ס לאַנדסלייט אין בית לחם יהודה, זיינען אָהן איהם אויפּ־געריכט געוואָרען, דער אויבערשטער האָט זיי ניט פאַרלאָזען.

***

אָט דערפאַר אפשר לייענט מען רות אין דעם שבועות יום טוב. דאָס איז אַן אָנצוהערעניש פאַר אונזערע אידישע גבירים וועלכע פאַרלאָזען גלייך נאָך שבועות זייערע היימען און מען פאָהרט אַוועק פאַר דעם זומער אין די בערג און ביי די ים ברעגען כדי צו געניסען פון אַ באַקוועמליכע זומער וואַקאַציע. זאָלען דעריבער די דאָזיגע גבירים זיך גוט אַריינגעהמען אין זכרון די מגילת רות מיט די אלימלך געשיכטע און זאָל עס דינען פאַר זיי אָלס מוסר השכל ניט צו טהאָן ווי אלימלך האָט געטהאָן, איינ־פּאַקען די טשעמאָדאַנעס און מאַכען אַ ויברח, ניט קימערענדיג זיך וועגען די אָרטיגע אָרעמעלייט וועלכע מוזען נעבאָך בלייבען אין שטאָדט און זיך פּרעגלען אין די היצען, אָדער די פאַרשידענע בתי חסד און צדקה אַנשטאַלטען וועלכע בלייבען אָהן הילף און שטיצע, מיט פולע בודזשעטען און ליידיגע קאַסעס. . .

זאָלען די באַטרעפענדע גבירים פריהער באַזאָרגען אָט די אַלע היי־מישע נויטבאַדערפטיגע און מיטנעהמען מיט זיך אַ קאָלעקטיווע האַרציגע ברכה פון זייערע וואָהנערטער, אַ ברכת הפרידה און דער דאָזיגער צאתכם לשלום וועט זיי פאַראויס פאַרזיכערען מיט נאָכפאָלגענדען בואכם לשלום!

לחג השבועות

ויאמר ה׳ אל משה רד העד בעם פן יהרסו אל ה׳ לראות ונפל ממנו רב. ויאמר אליו ה׳ לך רד ועלית אתה ואהרן עמך והכהנים והעם אל יהרסו לעלות אל ה׳ פן יפרץ בם.

(שמות י״ט—כ״א, כ״ד)

פן יהרסו אל ה׳ לראות!

ביי מתן תורה איז געווען אַ זעלטענע „התגלות אלקות״, אַ געטליכע אַנטפּלעקונג. די טבע **מיט אַלע איהרע רעגולאַציעס האָט דעמאָלט ביים מעמד הר סיני אָפּגעטראָטען דעם וועג פאַר דאָס וואָס איז למעלה מן הטבע, איבערנאַטירליכעס. נייע חושים זיינען דעמאָלט באַשאַפען געוואָרען. דער כח הראיה למשל, די זעהונגס קראַפט, איז דאַן אַריבער די נאַטור גרענעצען און האָט געזעהן זאַכען וואָס ניט פריהער און ניט שפּעטער האָט די אויג געקענט גרייכען דערצו.**

זאָגט דאָך דער פּסוק אַליין: „וכל העם רואים את הקולות״ דאָס פאָלק האָט געזעהן **די קולות כאַטש** קולות זעהט מען דאָך ניט נור מ׳הערט, **אָבער ביים באַרג סיני איז געווען „רואים את הנשמע״, דאָס וואָס אין געוועהנליכע צייטען** הערט **מען, האָט מען דעמאָלט גאָר** געזעהן.

און דאָך איז געקומען אַ געטליכע וואָרנונג: „פּן יהרסו אל ה׳ לראות״, **אַז דאָס פאָלק זאָל זיך דוקא נישט דורכברעכען אויף צו זעהן?...**

אויבערפלעכליך קוקט **עס אויס אַביסעל** קשה׳דיג, **דען אויב עס איז דעמאָלט געווען אַזאַ מין שדוד המערכות אַז דוקא דאָס זעהן האָט פאַרנומען דעם אויבענאַן און דאָמינירט מיט אַזאַ איבערנאַטירליכע קראַפט, טאָ פאַר וואָס איז דאָס פאָלק געוואָרענט געוואָרען דערויף, מיט אַזאַ שטרענגע אזהרה פון פן יפרץ בם?**

עס קוקט דעריבער אויס ווי מען וואָלט געזאָגט צו די אידען: זעהן, וועט איהר טאַקע יאָ, און נאָך פיעל מעהר וויפיל **איהר קענט באַגרייפען, נאָר וועלען זעהן, דאָס טאָרט איהר ניט, אויף דעם איז דאָ אַ שטרענגער פאַרבאָט.**

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אָבער ווי אַזוי ערקלעהרט זיך דאָס?

ווען אָבער מיר טראַכטען זיך אַביסעל אַריין אין די דאָזיגע צוויי טערמינען פון זעהן און הערען, וועט עס, גלויבען מיר, כלל אונז ניט אָנ־קומען שווער תופס צו זיין דעם גאַנצען ענין.

„ראיה" און „שמיעה" זיינען צוויי זאַכען פון וועלכע יעדערע פון זיי האָט אַ מעלה מיט אַ חסרון. זעהן האָט אַ מעלה וואָס עס איז מעהר איבער־צייגענד ווי הערען. דאָס וואָס מען זעהט אַליין מיט די אויגען קען מען דאָך ניט אָפּלייקענען און מען דאַרף דאָך דערצו ניט באַנוצען קיין גלויבען, ווערהענד הערען איז שוין ניט אַזוי איבערצייגענד, מאַלע וואָס מען הערט, איך האָב דאָך אַ ברירה ניט צו גלויבען און עס ניט אָננעהמען פאַר זי־כער; צום הערען מוז מען דאָך שוין אויך באַנוצען אמונה בעת צום זעהן דאַרף מען שוין קיין אַנדער זאַך ניט אָנווענדען.

פון אָט דעם שטאַנדפונקט שטעהט דאָס זעהן העכער ווי דאָס הערען, די זעהונגס פּאָזיציע איז אַ שטאַרקערע.

פון צווייטען זייט אָבער איז גראַדע דאָס וואָס קומט ביי אונז אויס אַ מעלה, גאָר אַ חסרון; איבערהויפּט ווען עס האַנדעלט זיך אין גייסטיגע ענינים, אין שמירת התורה והמצוות.

די תורה איז געטליך און אַלס אַזעלכע איז זי „ארוכה מארץ מדת" און דער מענשליכער באַגרענעצטער שכל איז ניט פעהיג אַלעס אין איהר צו באַגרייפען. אויב אַלזאָ דער מענש וואָלט בלויז נאָכגעגאַנגען זיין שכל און וואָלט בלויז געוואָלט נאָכקומען יענע מצות וואָס ער קען זעהן מיט זיינע „עיני השכל", וואָלט ער דאַן געווייס געבליבען היגטערשטעליג אין דעם קיום התורה והמצוות. ניט נור יענער טייל מצוות וואָס ווערט קלאַסיפיצירט אין חוקים וואָלט געליטען דערפון, דערפאַר וואָס „השטן בא להשיב עליהם" נור אַפילו די אַנדערע טיילען פון דער תורה וועלכע זיינען יאָ אַפּעלירענד, אויך זיי וואָלטען ניט אַלעמאָל געבליבען שטעהן אויף אַ פעסטען באָדען, געוויסע צייטען און געוויסע אומשטענדען וואָלטען זיי צוטרייסעלט און אומגעביטען.

ווען אָבער מען אָפּערירט מיט אמונה, מען גלויבט אין די מצוות אַפילו

לחג השבועות

מען פאַרשטעהט זיי ניט און מען דערזעהט זיי ניט מיט די עיני השכל דאַן איז דער באָדען אַ פעסטער און אַ געזיכערטער.

אמונה איז פאָלגליך אַ מין „אינשורענס פּאָליסי" און אַן אייביגע גאַראַנטי אויף די שמירת התורה און קיום המצוות, און זי, די אמונה, האָט דעריבער אַזוי שטאַרק אָפּערירט ביי קבלת התורה און איז געוועזן דער הויפּט יסוד פאַר דעם כריתות ברית צווישען אלקי ישראל און עם ישראל.

אויף דעם פסוק: „כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל" (שמות ל"ד־כ"ז) זאָגען אונזערע חז"ל אַז דאָס באַציהט זיך אויף תורה שבעל פה (גיטין ס׳) און תורה שבעל פה, האָט דאָך שוין דורכאויס צו טאָן מיט אמונה, ווייל אָהן די אמונות חכמים וואָלט מען דאָך יעדער דרשת חז"ל חלילה געקענט אָפּלייקענען אויפן גרונט וואָס די דאָזיגע דרשות און דינים זעהט מען ניט בפירוש אין פסוק...

די קראים צום ביישפּיל וועלכע האָבען ניט אָנגענומען די תורה שבעל פה, האָבען דאָך טאַקע באַגרינדעט זייער שיטה אויף דעם „פשוטו של מקרא" ווייל דאָס, האָבען זיי געַטענה׳ט זעהען זיי בפירוש אין פסוק.

מען זאָגט אַז אין די קאַראַאימישע טעמפּלען הענגט אויף דער סטעליע אַ בינטעל ציצית און ווען מען קומט צום פסוק „וראיתם אותו" ווענדען אַלע זייערע בליקען צו דער סטעליע און דאַמיט איז מען יוצא די מצוה פון ציצית. נעהמט זיך עס נאַטירליך דערפון וואָס דער „וראיתם אותו" ווערט ביי זיי אויסגעטייטשט בוכשטעבליך. איז דער דאָזיגער „וראיתם אותו" גלייכצייטיג אויך אַ סימבאָלישע אָנדייטונג אויף דער דאָזיגער פאַלשער שיטה וואָס שטיצט זיך בלויז אויפן וראיתם, בלויז אויף דעם וואָס מען זעהט אַליין מיט די אויגען און מען דאַרף דערצו ניט באַנוצען קיין אמונה...

דער כריתות ברית אויף תורה שבעל פה לאָזט זיך אויך אַריינטייטשען אין דעם מאמר חז"ל: „אמר ריב"ל כשעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה קושר קשרים לאותיות" (שבת פ"ט). משה האָט ביי זיין אַרויפגעהן אין הימעל געפונען דעם רבונו של עולם ווי ער בינדט צוזאַמען די אותיות פון דער תורה. בינדען אותיות איינער מיט די אַנדערע, דאָס איז דאָך אייגענטליך די גאַנצע אַרבייט פון תורה שבעל פה וועלכע איז דורכאויס

געבויט אויף צרופי אותיות פון קרי און כתיב; הקשים און גזירה שוה, חסר ויתיר וכדומה. הקב״ה האָט פאָלגליך געוויזען משה רבינו אָן אַהן תורה שבעל פה, איז די גאַנצע קבלת התורה ווערטלאָז; און תורה שבעל פה, מיינט, ווי געזאָגט, דורכאויס אמונה וואָס איז אין ליכט פון דאָס פריהער־געזאָגטע א שם נרדף מיט שמיעה, און דערפאַר האָט די תורה אַזוי שטאַרק געוואָרנט מיט דעם: „פן יהרסו אל ה׳ לראות״, דער „לראות״ געהט האַנט און האַנט מיט׳ן פן יהרסו אויב די תורה וועט בלויז זיין באַזירט אויפן לראות, אויפן זעהן, דאַן וועט דערפון אַרויסקומען די גרעסטע הריסה, צערשטערונג און חורבן. אום אָפּהיטען די גאַנצקייט פון דער תורה, מוז מען אָנקומען צו אמונה, מען דאַרף ניט דוקא אַלצדינג וועלען זעהן מיט די אויגען, געננוג דאָס הערען אויך: די אמונה דאַרף אַזוי טיעף אַריינ־דרינגען אין די אידישע הערצער אַז דאָס הערען זאָל פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דאָס זעהן, און כאָטש מען זעהט נישט מיט די אויגען זעט מען דאָך אין דעם ניט צווייפלען און עס וועט זיין אַזוי חשוב ווי מען וואָלט עס געזעהן.

עס קען אפשר זיין אַז דאָס דאָזיגע איז טאַקע אָנגעוויזען געוואָרען אין דעם „וכל העם רואים את הקולות״ מיט די אויסטייטשונג פון „רואים את הנשמע״, אַז די אמונה איז געווען אַזוי שטאַרק אַז דער נשמע איז ביים פאָלק אויך געווען אין דער בחינה פון רואים, פונקט ווי זיי וואָלטען עס אַליין געזעהן. עס איז שוין ממילא קיין סתירה ניט צו די וואָרנונג פון „פן יהרסו לראות״; ביידע זיינען ריכטיג, דער „יהרסו לראות״ באַציהט זיך אויפן וועלען ממש זעהן, און דאָס איז טאַקע אַ שם נרדף מיטן „יהרסו״ אויף וועלכע עס האָט געמוזט געגעבען ווערען אַ שטרענגע וואָרנונג, וועהרענד דער „וכל העם רואים את הקולות״ מיט די אויסטייטשונג פון „רואים את הנשמע״ זאָגט דוקא דעם הפך, נעמליך אַז דער נשמע איז אויך געווען אין דער בחינה פון רואים. עס קומט דעריבער אויס אַז ניט נור איז דער „רואים את הקולות קיין סתירה ניט צום „יהרסו לראות״ נור אדרבה אין דעם איז גאַר דוקא דאָ אַ באַשטעטיגונג אַז דאָס פאָלק האָט אויסגעפאָלגט און זיך ניט געריסען דוקא צו זעהן, נור דער נשמע איז ביי זיי געשטאַנען אין דער זעלבער מדרגה פון רואים... איז דאָך דאָס דאָזיגע

לחג השבועות

טאַקע אויך אין פולען איינקלאַנג מיט דער דעמאָנסטראַטיווע לאָזונג פון „נעשה ונשמע" וועלכעס האָט דערהויבען דאָס פאָלק צו דער העכסטער מדרגה. לויט חז"ל איז דער דאָזיגער קרעדיט געגעבען געוואָרען אויפן חשבון וואָס „הקדימו נעשה לנשמע", וואָס זיי האָבען געזאָגט דעם נעשה פריהער פאַר דעם נשמע. עס זעהט אָבער אויס פון דעם זעלבען מאמר חז"ל אַז ניט נור דער „הקדימו" האָט דאָ געשפּילט די הויפּט ראָלע נור דער נשמע גופא איז אויך געווען פון גרויס באַדייטונג און חשיבות, דען זיי, די חז"ל אַליין, באַטאָנען דאָך אַז די מלאכי השרת האָבען זיי דעמאָלט באַ־קרוינט מיט צוויי קרוינען „אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע", האָט דאָך, הייסט עס, דער נשמע אַן און פאַר זיך אויך זוכה געווען צו אַ קרוין. פרע־גען טאַקע אַ סך פון די מפרשים: אויב דער גאַנצער קרעדיט איז געווען צוליעב'ן „הקדימו", האָט דאָך די קרוין בלויז געדאַרפט זיין אויפ'ן חשבון פון „נעשה" אָבער ניט אויפ'ן חשבון פון „נשמע", טאָ פאַר וואָס צוויי קרוינען?

לויט אונזער געדאַנקען גאַנג אָבער לאָזט זיך זאָגען אַז דער „נשמע" האָט פאַרדינט אַ באַזונדער קרוין דערפאַר וואָס אין אים איז אויסגעדריקט געוואָרען דער יסוד פון אמונה, דאָמיט וואָס דער נשמע האָט ווי געזאָגט, פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם רואים — רואים את הנשמע!...

***

און עס איז די פליכט פון די „כהנים", די גייסטיגע מנהיגים איינ־צופלאַנצען אַט דעם יסוד פון אמונה אין די הערצער פון פאָלק אין וועמעס שפּיצע זיי שטעהען. אל יתהלל החכם בחכמתו" (ירמיה ט־כב). דער חכם זאָל זיך ניט לויבען מיט זיין חכמה, מיט אַ חכמה וואָס ער האַלט איהר בלויז פאַר זיך אַליין, „כי אם בזאת התהלל המתהלל, השכל וידוע אותי", בלויז דעמאָלט פאַרדינט ער געלויבט צו ווערען, אויב — „השכל", אַז ער מאַכט אַנדערע אויך קלוג... און — „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך" (אבות פ"ב), זאָלסט דיין תורה ניט האַלטען בלויז פאַר זיך...

שלעכט איז אָבער אויב די דאָזיגע „כהנים", זיינען אַליין געשלאָגען אויף דער אמונה, ווי עס איז ליידער דער פאַל מיט די כהני השקר פון היינטיגער צייט אין געשטאַלט פון די רעפאָרמירטע ראַבאַיס וועלכע האָבען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

געשניטען פון אונזער תורה רעכטס און לינקס; האָבען רעפאָרמירט אונ־זערע טראַדיציאָנעלע תפילות, אַרויסגעוואָרפען ציון וירושלים; האָבען געביטען דעם טעקסט פון לשון הקדש אויף פרעמדע ניט־אידישע שפּראַכען און האָבען אַריינגעבראַכט גוי׳אישע מנהגים אין דער אידישער שוהל, אָפּגעשאַפט דעם עזרת נשים און אַריינגעשטעלט אַן אָרגעל צו באַגלייטען דעם חזן מיט׳ן כאָהר פון בחורים ובתולות.

אַט די פאַלשע משיחים זיינען עס פון די „מהרסים לראות״ אויך זיי באַהויפּטען אַז מיט אַט די אַלע מאָדערנע און טרפהנע מנהגים וועלען זיי דערנענטערען דעם יונגען דור צו אידישקייט. דער יונגער דור, טענה׳ן זיי, איז ניט גענויגט צו גלויבען בלינדערהייד, זיי ווילען זעהן, פאַרשטעהן מיט׳ן שכל, און מען דאַרף דעריבער רעפאָרמירען די תורה און עלימי־נירען די זאַכען וואָס אַפּעלירען ניט צו זיי, וועלען מיר אַזוי אַרום קענען בויען אַ דור פון אידישקייט...

האָט די תורה שוין געוואָרנט אַז דאָרט וואו עס איז דאָ לראות, דאָרט איז אויך יהרסו, ניט בויען וועלען זיי דערמיט, נור ברעכען און שטערען.

צווישען די שאלות וואָס מען פרעגט ווען מען קומט אויף „יענער וועלט״ איז אויך דאָ אַ שאלה פון „קבעת עתים לתורה״ און זייער ריכ־טיג ווייזען דערויף אַן מאַנכע דרשנים אַז עס דאַרף זיין „קבעת עתים לתורה״ און ניט „קבעת תורה לעתים״, די צייט דאַרף זיך צופּאַסען צו די תורה און ניט די תורה זאָל זיך צופּאַסען צו דער צייט...

ניט אומזיסט האָט די תורה געוואָרנט: „והכהנים והעם אל יהרסו״, דעם פאָלק מיט די כהנים צוזאַמען. די תורה האָט פאָראויס געזעהן אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען צווישען די זאָגענאַנטע „כהנים״ גופא וועלען זיין אַזעלכע מהרסים וועלכע וועלען אויסוואָרצלען די אמונה און בויען זייער תורה אידעאָלאָגיע אויפן יסוד פון „לראות״ און זוכען צו צופּאַסען די תורה צו זייער כלומר׳שטען פאַרשטאַנד און „עיני השכל״. דאָס זיינען אַזעלכע „כהנים״ ביי וועמען עס איז „תורתם אומנתם״, די תורה איז ביי זיי אַ „ביזנעס״, די „רבנות״ אַ פּראָפעסיע און אויב אַ ביזנעס, דאַרף מען זעהן צופרידענשטעלען די „קאַסטימער״ און זיי פאַרקויפען אַזאַ סחורה וואָס עס זאָל זיי געפעלען...

לחג השבועות

האָט טאָקע די תורה דערויף געגעבען **אַ** באַזונדער **וואָרנונג פון** „לא תעשון את אלהי כסף ואלהי זהב״, תורה און געטליכקייט איז נים קיין געלט ביזנעס...

און עס קלינגט נאָך יענע סיני עכאָ אין אונזערע אויערען: **אל יהרסו לראות!** די תורה איז ניט קיין תורה פון זעהן **גור פון** הערען. **נעשה** ונשמע, איז די אמת׳ע תורה לאַזונג.

שבת

א.

פעם אחת שאל (טורנוסרופוס הרשע) את ר"ע: מה יום מיומים? (במה נשתנה יום השבת מימות החול), השיבו ר"ע: מה גבר בגוברין? (במה זכית לגדולה יותר משאר אנשים); אמר ליה: אני, מלך מלכים רצה לכבדני, א"ל ר"ע, ומלך מלכים רצה שיכבדו ישראל את השבת; א"ל טורנוסרופוס: מנאן את מודע לי? (מהיכן אתה מודיעני במופת שרצה הקב"ה לכבד את השבת); א"ל ר"ע: הרי אוכלי המן מעידין עליו, שכל ימות השבת היה יורד, ובשבת לא היה יורד, שנאמר (שמות ט"ז) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה'.

(ב"ר י"א־ו' — תנחומא תשא ל"ג).

טורנוסרופוס הרשע וועלכער איז געווען אַ הויך אָנגעשטעלטער פון דער רוימישער רעגירונג אין יהודה, און האָט זיך אַרויסגעצייגט מיט זיין ברוטאַליטעט אין דער צייט פון חורבן ביי די מלחמת בר כוכבא, דער דאָזיגער רשע פלעגט אָנפיהרען שטענדיגע וכוחים מיט דעם גרויסען תנא ר' עקיבא.

אין דעם אויבענציטירטען וכוח אין באַצוג צום אידישען שבת, איז טורנוסרופוס אַרגומענט געווען אַז היות ווי דער שבת איז נור געגעבען געוואָרען מיט'ן צוועק כדי מען זאָל זיך קענען אויסרוהען איין טאָג אין וואָך, טאָ וואָרום דאַרף ביי אידען דער דאָזיגער טאָג דוקא זיין דער זיבעטער טאָג און נישט דער זעלבער ווי ביי דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט; פאַר וואָס דאַרפען אידען „מאַכען שבת פאַר זיך"? איז עס דאָך אַ באַווייז אַז אידען האַלטען אַז גראַדע אָט דער טאָג האָט עפּעס בעצם אין זיך אַ באַזונדער גרויסקייט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע טעג, פרעגט ער דעריבער: „מה יום מיומים"? אין וואָס באַשטעהט די גרויסקייט פון אָט דעם שבת טאָג אַנטקעגען די אַנדערע טעג?

שבת

דערויף האָט איהם ר״ע דערווידערט: „מה גבר בגוברין״? ער האָט די פערזענליכקייט פון טורנוסרופוס אויסגענוצט אַלס משל צום שבת, ווי צו זאָגען: דו, אַלס מענשענקינד, קוקסטו דאָך אויס צו זיין גלייך מיט אַנדערע, און דאָך ביסטו, און ניט ווער עס איז אַנדער מענש, באַשטימט געוואָרען פון דער געטליכקייט צו דיין גדולה, מסתמא דערפאַר וואָס דו ביסט טאַקע אַנדערש פון אַנדערע, באַזעלט מיט אַ העכערען גייסט און באַגאַבט מיט גרעסערע מעלות און קוואַליפיקאַציעס, איז דאָס זעלבע אויך מיט שבת, טאַקע אַ טאָג ווי אַלע טעג, אָבער דאָך אַנדערש, גרעסער און הייליגער.

און ווען טורנוסרופוס האָט געפרעגט ר׳ עקיבאַן: „מנאַן את מודע לי״, און האָט געוואָלט, הייסט עס, באַוויז דערויף, האָט זיך עס נאַטירליך ניט באַצויגען אויף דעם אַז שבת איז ווירקליך דער רוה טאָג וואָס גאָט אַליין האָט אים אויסגעקליבען, דען דערויף איז דאָך ניט נויטיג געווען די באַ־ווייזע פון מן, ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק אין דער עשרת הדברות: וינח ביום השביעי, על כן צוך ה׳ אלקיך לעשות את יום השבת? און אויב טורנוסרופוס הרשע גלויבט ניט אין דעם געשריבענעם תורה פסוק, וועט ער דאָך אין די פסוקים פון מן אויך ניט גלויבן?

ניט דאָס אָבער איז געווען טורנוסרופוס פראַגע; ער האָט גאַנץ באַשטימט געוואוסט אַז שבת איז ווירקליך דער טאָג וואָס איז פון אלקי ישראל באַשטימט געוואָרען פאַר׳ן רוה טאָג. ער האָט אָבער געוואָלט וויסען, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, מה יום מיומים? מיט וואָס איז פאַרט שבת מעהר חשוב און מעהר קוואַליפיצירט פון די אַנדערע טעג?

דערויף האָט אים ר״ע געגעבען דעם ענטפער פון מן דורך וועלכעס ער האָט אים טאַקע געוואָלט באַווייזען מיט וואָס שבת שטעהט העכער פאַר אַלע אַנדערע טעג.

דריי הויפּט זאַכען קומען צום אויסדרוק אין דער פרשה פון מן און די אַלע דריי ציעלען צו איין זאַך, און דער דאָזיגער ציעל איז דער הויפּט פונקט אויף וועלכען דער וכוח צווישען ר״ע און טורנוסרופוס האָט זיך באַרופען און קאָנצענטרירט. די דריי זאַכען זיינען:

א) ולקטו דבר יום ביומו.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ב) והיה ביום הששי — והיה משנה על אשר ילקטו יום יום.

ג) וביום השביעי שבת לא יהיה בו.

דער ערשטער געבאָט איז געווען, צו קלייבען דעם מַן יעדען טאָג פאַר זיין געברויך, און ניט אָנגרייטען פון איין טאָג אויפ׳ן צווייטען.

דער צווייטער געבאָט, אַז אין דעם זעקסטען טאָג זאָל מען יאָ צו־גרייטען פאַר דעם קומענדיגען שבת טאָג, און די געקליבענע מן פאַרציע פון פרייטאָג וועט זיין אַ טאָפּעלע, לחם משנה, פאַר פרייטאָג און פאַר שבת.

דער דריטער געבאָט, אַז שבת טאָר מען ניט אַרויסגעהן קלייבען.

דערצו גיט נאָך די תורה איבער פאַקטען: די וואָס האָבען ניט אויס־געפאָלגט דעם ערשטען געבאָט און האָבען איבערגעלאָזען פון איין טאָג אויפ׳ן אַנדערען, איז דאָס איבערגעבליבענע פאַרווערימט געוואָרען; דאַגעגען, דאָס וואָס איז איבערגעבליבען פון פרייטאָג אויף שבת, איז ניט קאַליע געוואָרען, „ורמה לא היתה בו״, און עס איז ניט ווערעמדיג געוואָרען.

אַזוי אויך אין באַצוג צום דריטען געבאָט, אַז מען זאָל שבת ניט אַרויסגעהן קלייבען, דערצעהלט די תורה אַז עס זיינען געווען געוויסע מענשען פון פאָלק וואָס זיינען יאָ אַרויס קלייבען אום שבת, זיינען זיי אַנטוישט געוואָרען: „ויצאו מן העם ללקוט ולא מצאו״. זיי זיינען אַרויס קלייבען דעם מן, זיי האָבען אָבער גאָר ניט געפונען.

אין אָט די דריי דערמאָנטע זאַכען שפּיגעלט זיך אָפּ די קדושה פון שבת און באַווייזט אויך מיט וואָס דער שבת איז הייליגער ווי אַנדערע טעג.

איך וויל דאָ ציטירען אַ קלאַסישען וואָרט פון דעם פאַרשטאָרבענעם רב הכולל פון תל־אביב, ארץ ישראל, הגאון רבי משה אביגדור עמיאל אין איינע פון זיינע וואונדערבאַרע דרשות אין זיין קלאַסישע ווערק „דרשות אל עמי״ וואו ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז דערמיט וואָס ביי אידען איז שבת דער לעצטער טאָג פון דער וואָך און ניט ווי להבדיל ביי קריסטען, דער ערשטער טאָג, איז עס אַ באַווייז אַז שבת איז ניט געגעבען געוואָרען בלויז אַלס אַ טאָג פון רוה נאָר אויך, און הויפּטזעכליך, אַלס אַ טאָג פון קדושה, ווי עס לויטעט דער אויסדרוק: „יום מנוחה וקדושה נתת לנו״.

שבת

עס איז דאָך אַ כלל אַז דער מיטעל קומט שטענדיג פֿאַר דעם צוועק, דער מיטעל דערפֿיהרט צום צוועק, נמצא, אַז אויב שבת איז דער לעצטער טאָג פון וואָך, איז שבת דער צוועק און די אַלע פריהערדיגע זעקס טעג זיינען בלויז ווי אַ מיטעל צום צוועק, די ששת ימי העבודה גרייטען צו דעם אידען צו זיין אמת׳ן תכלית, צום שבת טאָג וועלכער דאַרף דורכאויס זיין אַ טאָג פון בלויז קדושה. דאַגעגען ביי די גוים וואָס זייער שבת איז דער ערשטער טאָג פון וואָך, איז דאָך שוין זייער שבת ניט קיין צוועק, נאָר אַ מיטעל צום צוועק. ביי זיי הייסט עס איז דער טאָג רוה אַ מיטעל פאַר די אַרבייטס טעג, מען רוהט כדי מען זאָל נאָכהער כח האָבען צו אַר־בייטען, וועהרענד ביי אידען איז פאַרקערט: מען אַרבייט כדי מען זאָל דערנאָך קענען רוהען; ביי זיי איז די רוה אַ מיטעל צו די אַרבייט, די אַרבייט, איז דער צוועק, ביי אונז איז פאַרקעהרט, די אַרבייט איז אַ מיטעל צו די רוה, די וואָכעדיגע טעג אַ מיטעל צום שבת, שבת, ווען אַלע וואָכע־דיגקייטען פאַלען אַוועק, דער טאָג איז דער צוועק. דאָ איז די קלאָרסטע דעפיניציע וואָס טיילט אָפּ דעם אידישען שבת פון דעם גוי׳אישען, דען אויב שבת רעפרעזענטירט הייליגקייט און וואָך, וואָכעדיגקייט, קומט ביי אונז די וואָכעדיגקייט פריהער און די הייליגקייט שפעטער, וואָס באַ־ווייזט אַז קדושה איז ביי אונז די הויפּט זאַך, דער תכלית, און ביי זיי איז אומגעקערט, די „הייליגקייט" פריהער און די וואָכעדיגקייט שפעטער, וואָס באַווייזט אַז די וואָכעדיגקייט איז דער תכלית און דער צוועק...

קומט דער דאָזיגער געדאַנק אויף אַ פאַרטרעפליכען אופן צום אויס־דרוק אין די פרשה פון מן.

אויב די וואָכעדיגע טעג זיינען בלויז פאַררעכענט ווי אַ מיטעל און ניט ווי אַ צוועק, האָט דערפאַר די תורה פאַראָרדענט אַז דער מן זאָל גע־קליבען ווערען „דבר יום ביומו" און ניט אָנקלייבען פון איין טאָג אויפן צווייטען; דער זונטאָג טאָר ניט באַדינען דעם מאָנטאָג, ווייל דער מאָנטאָג איז דאָך אויך אַ וואָכעדיגער טאָג און איז דאָך אויך ניט מעהר ווי אַ מי־טעל, האָט ער דאָך דעריבער ניט קיין פאַרצוג אויפן זונטאָג אַזוי אַז דער זונטאָג זאָל איהם דאַרפען באַדינען. דאָס זעלבע מיט׳ן דינסטאָג און מיטוואָך און מיט׳ן דאָנערשטאָג און פרייטאָג.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אַנדערש אָבער מיט'ן טאָג פון שבת וועלכער איז דער צוועק אַליין און אַלס אַזעלכער דאַרף ער באַדינט ווערען פון דעם וואָכעדיגען פרייטאָג.
די וואָכעדיגע טעג זיינען די קנעכט פון שבת, דאַרף דעריבער שבת פון זיי באַדינט ווערען, זיי זאָלען אַליין אָבער דאַרפען זיך אַליין באַדינען און ניט איינער דעם אַנדערען.

און דעם דאָזיגען געדאַנק האָט די תורה פאַרזיגעלט ניט בלויז טהעאָרעטיש, דורכ'ן טרוקענעם בוכשטאַב פון געזעץ נור אויך פראַקטיש און אויף אַ דעמאָנסטראַטיווען אופן דורך די אילוסטרירטע פאַקטען פון דעם פאַר'ווערעמדיגטען מן פון דאָס איבערגעבליבענע פון איין וואָכעדיגען טאָג אויפ'ן אַנדערען, און פון דאָס ניט פאַרווערעמדיגטע פון דאָס איבערגעבליבענע פון פרייטאָג אויף שבת.

רבי עקיבא, און זיין ענטפער צו טורנוסרופוס הרשע מיט די באַווייזע פון מן איז פאָלגליך אויסען געוועזן איהם צו געבען אַ תשובה נצחת, אויף זיין פראַגע פון „מה יום מיומים" מיט וואָס שבת איז אַנדערש פון אַנדערע טעג, אין וואָס באַשטעהט זיין גרויסקייט, זיין פאָרצוג און זיין קוואַליפיקאַציע.

יאָ, האָט איהם רבי עקיבא געוויזען, שבת איז גרעסער, שבת איז מעהר קוואַליפיצירט, ווייל שבת איז דער תכלית, דער צוועק און אַלס אַזעלכער האָט שבת ניט געקענט באַשטימט ווערען אין קיין אַנדער טאָג אויסער אין דעם זיבעטען טאָג וואָס איז דער לעצטער טאָג און רעפרעזענטירט דעם ענד ציעל, דעם תכלית און דעם צוועק.

שטימט עס טאַקע מיט די שבת טערמינען פון: ויכולו השמים והארץ; ויכל אלקים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה. ויכולו און ויכל זיינען די שמות נרדפים מיט'ן וואָרט תכלית, און דאָס מיינט אַז מיט'ן דערגרייכען דעם שבת, דערגרייכט מען דעם תכלית פון דער גאַנצער בריאה; די אַלע ששת ימי העבודה ווערען מיטאַמאָל פאַרשוואונדען און אויפגעלייזט; זיי ווערען בטל במציאות אין דעם טאָג פון שבת; זיי עקזיסטירען ניט מעהר, ווייל זייער גאַנצער עקזיסטענץ איז בלויז אַלס מיטעל צום צוועק, אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט שוין דערגרייכט דעם צוועק אַליין, האָט זיך שוין זייער פונקציע געענדיגט, און פונקט ווי זיי זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען

פון דעם חלל פון צייט, אַזוי דאַרפֿען זיי אויך פֿאַרשוואונדען ווערען פון חלל פון געדאַנק; דער מוח און מחשבה דאַרפֿען זיי דורכאויס אויסגעפילט מיט שבת; ניט בלויז טאָר מען ניט פֿאַרשוועכען דעם שבת מיט'ן פיזישען טהייל פון דעם מענשלעכען וועזען, נור אויך ניט מיט'ן גייסטיגען טהייל; ניט נור טאָר מען שבת ניט טאָן קיין אַרבייט, נור מען טאָר אויך ניט טראַכטען פון קיין אַרבייט... דער כלל פון דער גמרא אז ביי שבת „מלאכת מחשבת אסרה תורה", איז אַ סימבאָלישע אַנדייטונג אַז ביי שבת שפּיעלט די מחשבה אַליין אויך אַ באַדייטענדע ראָלע.

ביי שבת איז דאָ דער דין פון „תוספת שבת" וואָס מיינט אַז מען דאַרף דעם שבת אויפנעהמען פריהער אַזוי אַז אַ שטיק פרייטאָג דאַרף שוין זיין אויסגעפילט מיט דער שבת קדושה, און אַזוי אויך ביים אַרויסגעהן פון שבת דאַרף מען איהם אַריינטראָגען אין אַ שטיק פון דעם וואָכעדיגען זונטאָג.

פֿאַרקעהרט אָבער, אַריינצוטראָגען אַ שטיק פרייטאָג אָדער זונטאָג אין דעם שבת, דאָס הייסט, האַלטען שבת און בעת מעשה טראַכטען פון די וואָכעדיגע ענינים פון די פרייטאָג'ס מיט די זונטאָג'ס, דאָס איז, ווי געזאָגט, אין דער בחינה פון „מלאכת מחשבת", ווי מען טהוט אַ מלאכה מיט דער מחשבה, און דאָס איז מחלל די קדושה פון שבת.

דער דאָזיגער פונקט איז זעהר אַ וויכטיגער און אַן ערנסטער וואָס פֿאָדערט אַ געהעריגע באַטראַכטונג און אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג, און דאָס דאָזיגע טהוען מיר מיט פולער אויפריכטיגקייט אין דעם קומענדען קאַפּיטעל.

שבת

ב.

אמר רבה בר בר חנה: אמר לי ההוא טייעא, תא אחוי לך היכי דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי; שקלתא לסילתאי, אתנחתא בכוותא דרקיעא; אדמצלינא, בעיתיה ולא אשכחיתא; אמינא ליה, איכא גנבי הכא? אמר לי, האי גלגלא דרקיעא הוא דהדר, נטר עד למחר כי השתא הכא, ומשכחת לה.

(ב״ב דף ע״ד).

אין דער דאָזיגער מעשה וואָס איז איינע פון די וואונדערליכע מיסטע־ריעזע מעשה׳לעך פון די גוזמאות פון רבה בר בר חנה, דערצעהלט אונז דער גרויסער אמורא ווי ער איז אַמאָל געגאַנגען אין דער מדבר אין דער באַגלייטונג פון אַן אַראַבישען סוחר, און יענער האָט אָנגעבאָטען רבה בב״ח ער זאָל מיט איהם געהן צו אַ געוויסען אָרט וואו ער וועט איהם ווייזען ווי אַזוי הימעל און ערד קושען זיך (עס איז דאָרט געווען אַ הויכער פעלז וואָס קוקענדיג אויף זיין ווייטסטען האָריזאָנטישען פונקט, האָט עס אויס־געזעהן ווי הימעל און ערד קומען זיך צוזאַמען).

דערצעהלט רבה בב״ח ווייטער: „האָב איך גענומען מיין קאָרב מיט ברויט (צדה לדרך) און האָב עס אַוועקגעלעגט אין פענסטער פון הימעל; דערנאָך אַז איך האָב אָפּגעדאַווענט און געגאַנגען זוכען מיין קאָרב מיט ברויט, האָב איך עס מעהר ניט געפונען. פרעג איך מיין באַגלייטער: זיינען דען דאָ פאַראַן גנבים? און ער האָט מיר געענטפערט: דאָס איז דער הימ־לישער ראָד מיט זיינע מזלות וואָס האָט זיך דאָ (אין צווישען צייט) איבער־געדרעהט, וואָרט־צו ביז מאָרגען אין אָט דער צייט (ווען דער ראָד וועט זיך צוריק איבערדרעהען צו דיזען פונקט) וועסטו צוריק געפינען דיין אבדה.

שבת

עס איז אַן אָנגענומענע זאַך אַז די אַלע מיסטעריעזע מאמרים פון רבה בר בר חנה זיינען ניט קיין דברים כפשוטם, בוכשטעבליך, נור זיינען הויפט־זעכליך געמיינט געוואָרען סימבאָליש און טראָגען מיט זיך אַרויס מוסר השכל פון וועלכעס עס איז פיעל דאָ צו לערנען.

דעריבער איז קיין ספק ניט אַז אויך דער דאָזיגער רבה בר בר חנה פון אונזער דרשה טעקסט, האָט אויך עפּעס אין זיך אַזוינס וואָס טראָגט אַרויס אַן ערהאַבענעם געדאַנק באַגלייט מיט אַ מוסר השכל.

אונזער פריהעריגער שבת קאַפּיטעל וועמעס אַרויסגעשטעלטער מאמר חז״ל אַלס טעקסט, איז אויך דער אינהאַלט פון אַ געשפּרעך צווישען איד און גוי, און פון וועלכעס מיר האָבען אַרויסגעשעפּט אַ טיפען מאָראַל וועגען די שבת קדושה, דערפיהרט אונז צום געדאַנק אַז אויך דער דאָזיגער די־אַלאָג צווישען איד און גוי איז דערגענצונג צום שבת מאָראַל.

דאָס מערקווירדיגסטע דערפון איז אָבער דאָס וואָס וועהרענד אין פריהערדיגען קאַפּיטעל איז דער גרויסער איד, ר׳ עקיבא, געווען דער וואָס האָט אויפגעקלעהרט דעם גוי די באַדייטונג פון אידישען שבת און איהם געגעבען אַ טריאומפירענדען ענטפער אויף זיין גוי׳אישער קריטיק, איז דאָ, אין צווייטען דיאַלאָג צווישען איד און גוי, גראַדע פאַרקעהרט; די קריטיק קומט מצד דעם איד און די אויפקלעהרונג מצד דעם גוי...

טראַכטענדיג דערפון קומט אָבער אַרויף אויפ׳ן געדאַנק אַן אָנגענו־מענע אידישע מסורה אַז וואָס עס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא „ההוא טייעא״, מיינט מען גאַר מיט דעם דאָזיגען „טייעא ניט קיין אַנדערען ווי אליהו הנביא, אויב אַזוי, איז שוין גאַר עפּעס אַנדערש... אין דיעזע מיס־טעריעזע מעשה׳לאך פון רבה בר בר חנה, לאָזט זיך עס סיי ווי זאָגען, דען קוים זיינען די עצם מעשה׳לעך ניט געמיינט בוכשטעבליך נור זיינען פון אַ סימבאָלישען כאַראַקטער, איז דאָך שוין דער העלד פון דער מעשה, דער טייעא, אויך ניט בוכשטעבליך, טאָ פאַר וואָס טאַקע ניט איהם אויס־טייטשען אויף אליהו׳ן, וועלכער ווערט דאָך טאַקע, לויט אונזער טראַדיציע, פאַרקליידעט אין פאַרשידענע לבושים ביי זיין נתגלה ווערען צו די צדיקי הדור.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער עצם געדאַנק, דערפיהרט אונז, ווי גע־

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

זאָגט, צו אַ צווייטע מאָראַלישע לעקציע אין פאַרבינדונג מיט אידישקייט בכלל און מיט שבת, דער יסוד פון אידישקייט, בפרט.

דער טייעא האָט אָנגעוויזען רבה בר בר חנה׳ן דעם פונקט וואו הימעל און ערד באַגעגענען זיך. הימעל און ערד, איז דער סימבאָלישער אויסדרוק פון הימלישקייט און ערדישקייט, פון גשמיות און רוחניות, וואָכעדיגקייט און הייליגקייט.

איז די דאָזיגע באַגעגעניש פון די צוויי געגענזעצטע עלעמענטען אייגענטליך ניט קיין נייע אַנטדעקונג; פאַרקעהרט, עס איז גראָדע פון די גאָר פּאָפּולערסטע און אָנגענומענע״ אַקסיאָמען מיט וועלכע די מעהרסטע שוועכלינגע עלעמענטען אין באצוג צו אידישקייט באַנוצען זיך אַלס פאַר־טיידיגונג פאַר זייער אייגענעם געוויסען אויפן חשבון פון זייער שוואַכער אידישקייט.

וואָס קענען מיר זיך העלפען, טענה׳ן זיך די דאָזיגע אידען אויס, סיי מיט אַנדערע און סיי מיט זיך אַליין, אַז דאָס אָפּהיטען אידישקייט איז פאַרבונדען מיט אַזוי פיעל שוועריגקייטען און מיט אַזוי פיעל קרבנות! אידישקייט קומט שטענדיג אין צוזאַמענשטויס מיט די אַלטעגליכע לע־בענס אינטערעסען; כדי צו פּראַקטיצירען אַ הונדערט פּראָצענטיגע אי־דישקייט מוז מען מקריב זיין אַ גאָר גרויסען טהייל פון די נויטיגסטע און עלעמענטאַרסטע לעבענס באַדערפניסע; עס איז אַן אונאויפהערליכע באַ־געגעניש צווישן הימעל און ערד, אַ שטענדיגער צוזאַמענשטויס צווישען גוף און נשמה, צווישען חומר און רוח, און יעדער סאָרט צוזאַמענשטויס מוז דאָך כמעט אַלעמאָל ברענגען קאַטאַסטראָפאַלע קאָנסעקווענצען פון וועלכע דער שוואַכערער צד פון די צוויי צוזאַמענגעשטויסענע קומט שטענ־דיג אַרויס דער מעהר ליידענדער.

אין דעם דאָזיגען לעבענס קאַמף, טענה׳ן זיי ווייטער, איז דער ערדישער טהייל שטענדיג דער שטאַרקערער ווייל „והארץ נתן לבני אדם״, די ערד איז די מענשליכע פּאָזיציע, די פעסטונג פונ׳ם מענשען קינד, ווערענד דער הימלישער טהייל איז דאָ ניט מעהר ווי אַ גאַסטראָלירטער עלעמענט ווייל עס איז דאָך „השמים שמים לה׳״, מוז דאָך די הימלישע זייט זיין די שוואַכערע.

שבת

און עס איז כלל ניט שווער צו באַקרעפטיגען די דאָזיגע אַרגומענ־טאַציע מיט אילוסטרירענדע ביישפּילען פון לעבען. וויל מען למשל אָפּ־היטען תפלה בצבור, מיינט עס, מקריב צו זיין אַן איבעריגע שטונדע און אפשר צוויי אָדער מעהר פון דעם רוטינעם אַרבייטס טאָג; וויל מען מקיים זיין די מצוה פון צדקה און ביישטייערען מיט געלט קאָנטריבוציע פאַר וועלכע עס איז וואוילטעטיגע צוועקען, דאַרף מען דערמיט ברענגען געלט קרבנות און דאַדורך פאַרענגט ווערען אין דעם פּערזענליכען עקאָנאָמישען לעבען; וויל מען זיך אַריינוואַרפען אין כלל אַרבייט און נעהמען אַן אַק־טיוועו אַנטייל אין וויכטיגער קהלישע ענינים, געהט עס אויס צו צייט און צו צו געלט.

און ניט רעדענדיג וועגען די פראַגע פון שמירת שבת דורך וועלכעס מען שטעלט איינפאַך אין קאַן דעם גאַנצען לעבענס עקזיסטענץ; איז מען אַ פּשוט׳ער שאָפּ אַרבייטער איז זעהר גרינג צו פאַרלירען דעם „דזשאָב" צוליב שמירת שבת; דער „סטאָר־קיפּער", אויב אַ שומר שבת, קען ניט ביישטעהן די קאָנקורענציע פון די ניט שומרי שבת וועלכע מאַכען פיעל בעסערע געשעפטען פאַר איהם און דורך זיי ווערט זיין געשעפט רואינירט; און אויב ער וויל געפינען אַן ערזאַץ צום פאַרלוסט צוליב שבת און האַלטען זיין געשעפט אָפען זונטאָג, דאַן איז ער אַלעמאַל אונטערוואָרפען די פאַרפאָל־גונגען פון פּאָליציי און פון שטרענגע געריכט שטראָפען פאַר׳ן חלול זונטאָג...

אָט דאָס זיינען, טענה׳ן די אידישע שוועכלינגע, די פאַטאַלע רעזול־טאַטען פון דער באַגעגעניש צווישען הימעל און ערד. דאָרט וואו דער הימעל קומט אַריין אין דעם גרעניץ פון די ערד, שטעלט עס אין סכנה דעם ערדישען קיום.

„אדמצלינא, בעיתיה ולא אשכחיתא"!

אָוועקלייגענדיג פאַר אַ קורצע וויילע דעם „קאָרב ברויט" אין פענס־טערעל פון הימעל, כדי דערווייל קענען אָפּדאַוונען ווי אַ איד, קען אָבער דערווייל דער דאָזיגער קאָרב אָוועקגעגנב׳עט ווערען...

איז, ווי געזאָגט, דער עצם געדאַנק וועגען דער באַגעגעניש פון הימעל און ערד ניט קיין שפּאַגעל נייער. דאָס וואָס דער טייעא האָט מחדש געווען מיט זיין ערקלעהרונג צו רבה בר בר חנה, איז דעריבער ניט געווען וועגען

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

דער עצם באַגעגעניש נור וועגען דעם אופן פון דער באַגעגעניש. דער טייעא האָט געזאָגט:

„תא אחוי לך היכא דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי".

דער הויפּט חידוש ליגט אין דעם „דנשקי", אין דאָס קושען זיך פון הימעל און ערד.

עס איז ניט קיין באַגעגעניש וואָס ברענגט מיט זיך אַ צוזאַמענשטויסונג, נור פאַרקעהרט, אַ צוקושען־זיך; ניט קיין שונאים זיינען זיי, דער הימעל און די ערד, אדרבה, זיי זיינען גאָר די בעסטע פריינד; ניט זיי בוכטצען זיך נור זיי קושען זיך...

אָט דאָס איז דעם טייעאָ׳ס חדוש. עס איז ניט אומבאַדינגט אַז הימעל און ערד מוזען זיין שונאים איינער צום אַנדערען, נייך, זיי קענען בלייבען די בעסטע גוטע פריינד צווישען זיך; איינער מוז ניט זיין קיין קאָנקורענט צום צווייטען; עס איז דאָ פּלאַץ אין לעבען פאַרביידען צוזאַמען, מען קען זיין דאָס וואָס מען רופט „אי צו גאָט אי צו לייט", ניט דאָס ערדישע דאַרף פאַלן אַ קרבן אויפ׳ן חשבון פון דאָס הימלישע און ניט פאַרקעהרט.

אמת טאַקע אַז „השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם", עס איז אָבער אויך אמת אַז „בצלם אלקים ברא אותו" און דער מענש איז אַ קאָמבאנירטע באַשעפעניש פון די „עליונים ותחתונים" און אַלס אַזעלכער איז די הימלישקייט און אָרגאַנישער טהייל אין איהם פּונקט ווי די ערדישקייט; זיי זיינען ביידע אַלטגעזעסענע אין איהם מיט גלייכע רעכט און גלייכע פּריווילעגיעס; עס איז דאָ ניטאָ קיין אייגענער און קיין פרעמדער, קיין שטאַרקער און קיין שוואַכער, און ממילא איז אויך ניטאָ קיין פאַרמעסטונג אין כחות און די אַלטעגליכע באַגעגעניש צווישען זיי איז ניט פון דעם סאָרט וואָס צוזאַמענשטויסונג נור פאַרקעהרט: „נשקי אהדדי", מען קושט זיך גאָר ווי עס איז דער פאַל פון אַ באַגעגעניש צוויי בעסטע ידידים.

מען דאַרף וויסען, זאָגט דער טייעא, אַז „האי גלגלא דרקיעא הוא דהדר", אויב עס דוכט זיך אַמאָל אויס אַז דער הימעל „פאַרכאַפּט דעם קאָרב ברויט, אַז צוליב דאַוונען אָדער לערנען גליטשט זיך אַמאָל אַרויס די פרנסה פון די הענט, דאַרף מען עס ניט אָננעהמען פאַר אַ באַשטימטען און אומפאַר־מיידלעכען נאַטור געזעץ, און מען דאַרף דערפון ניט ציהען קיין שליסע

שבת

אַז אַזוי איז און אַזוי מוז עס זיין. נייך, עס איז נור אַ פאַרביילויפיגע געשעהעניש פון אַ גלגל החוזר; מאָרגען וועט זיך די ראָד ווידער איבערדרעהען און דער קאָרב ברויט וועט זיך ווידער באַווייזען.

געוויס איז דער לעבען אַ קאַמף, און דער דאָזיגער קאַמף איז דאָך דוקא אַ לויבענסווירדיגער וואָס מאַכט דעם לעבען אינטערעסאַנט און ניט פאַר קיין מעכאַנישען אויטאָמאַט וואָס וואָלט געמאַכט פאַרלירען יעדען אינטערעס אין לעבען. אַ דאַנק די מענשליכע „בחירה" איז דאָך דער מענש דערהויבען געוואָרען צום ראַנג אַלס דער „בחיר היצורים"; איז עס צוליב אָט די בחירה וואָס דעם מענשענס וועג איז ניט אַלעמאָל אויסגעבעט מיט בלומען, כדי צו פאַרהיטען אַז דער „וישמן" זאָל ניט דערפיהרען צום „ויבעט"; איז טאַקע דעריבער נויטיג אַז דער הימלישער ראָד זאָל אַמאָל ציטווייליג ווי אַוועק׳גנב׳ענען דעם קאָרב ברויט, כדי צו פיהלען אַז די מענשליכע ברויט ליגט אין הימלישע הענט און וואָס מעהר דו וועסט אויספאָלגען די הימלישע געזעצען, וועסטו אַלץ מעהר נושא חן זיין ביים הימעל און דיין קאָרב ברויט וועט זיך אין אַ געוויסען מאָרגען סוף סוף צוריקקעהרען צו דיר נאָך מיט היבשע פראָצענטען.

אַ איד דאַרף דעריבער זיין אַ בעל בטחון און גלויבען באמונה שלמה אַז ניט נור איז שבת ניט קיין שטערונג צו פרנסה נור פאַרקעהרט, עס איז ווי דער זוהר הקדוש זאָגט: „כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תלין" אין שבת ליגט דער מקור פון ברכה פאַר דער גאַנצער וואָך.

אַנגעפיהלט מיט אַזעלכע דערהאָבענע געדאַנקען וועגען שבת, ווערט דער שבת ביי איהם ווירקליך אַ טאָג פון אמת׳ע קדושה און ממילא אויך פון אמת׳ע מנוחה, ער איז שוין מעהר ניט באַזאָרגט וועגען זיין פרנסה פון די וואָכעדיגע טעג וואָס אין אַזאַ פאַל פעהלט דאָך איהם די שבת מנוחה אַפילו ווען ער איז במעשה יאַ אַ שומר שבת; אַז עס איז דאַ אמונה און בטחון איז שוין ממילא ניטאָ קיין זאָרג און אַז עס איז ניטאָ קיין זאָרג איז דאָך שוין דאָ מנוחה, און דאָרט וואו מנוחה איז דאָך אויך דאָ שמחה, און אַזוי אַרום דערגרייכט מען צום דרייפאַכיגען ציעל פון שבת, נעמליך: קדושה, מנוחה און שמחה ווייל דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן מיט יום מנוחה וקדושה לעמך נחת, דאָרט ענדיגט זיך אויך מיט אברהם יגל, יצחק ירנן.

ישראל והאומות

למה יגרע שם אבינו מתוך משפחתו כי אין לו בן, תנה לנו אחוזה בתוך אחי אבינו.

(במדבר כ״ז)

א״ר שמעון בן לקיש: יודע היה משה רבינו את הדין, אלא באו לפני שרי עשרות תחלה; אמרו להם: דין של נחלה הוא, ואין זו שלנו אלא של גדולים ממנו; באו לפני שרי חמשים, ראו שכבדו אותן שרי עשרות אמרו: אף אנו יש גדולים ממנו; וכן לשרי מאות, וכן לשרי אלפים וכן לנשיאים, השיבו להן כולן כענין הזה, שלא רצו לפתוח פה בפני מי שגדול מהן; אמר משה: אם אומר אני להם את הדין, אטול את גדולתן, אמר להם: אף אני יש גדול ממני, לפיכך ויקרב משה את משפטן לפני ה׳.

(במדבר רבה כ״א־י״ג — ילקוט שמעוני סימן תשע״ד).

דער מדרש מאָלט אָן ערהויבענע בילד פון די בנות צלפחד ווי זיי זיינען געקומען מיט אַ טענה צו משה רבינו. פאַר וואָס זייער פאָטערס נאָמען זאָל געמינערט ווערען פון זיין משפחה דאַמיט וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזען קיין זיהן און לויט׳ן תורה געזעץ קענען דאָך קיין טעכטער ניט ירשנ׳ען זיין נחלה; זיי האָבען דעריבער פאַרלאַנגט אַז זיי, די טעכטער, זאָלען ניט דיסקרימינירט ווערען אין דעם דאָזיגען פאַל און אַז זיי זאָלען פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון זיהן.

ר״ש בן לקיש קאָמענטירט דאַרויף און זאָגט, אַז איידער די בנות צלפחד זיינען מיט זייער טענה געקומען צו משה׳ן, זיינען זיי פריהער גע־גאַנגען צו קלענערע אינסטאַנצען. צוערשט צו די שרי עשרות פון וועמען זיי האָבען געקראָגען דעם ענטפער אַז היות דאָס איז אַ ירושה פּראָבלעמע, פיהלען זיי זיך ניט גענוג קאָמפּעטענט צו פּסק׳נען דעם דין, זאָלען זיי זיך דעריבער ווענדען צו אַ גרעסערען אינסטאַנץ; זיינען זיי אַוועק צו די

שרי חמשים, אָבער אויך זיי האָבען זיי געשיקט צו אַ העכערע קאַרט, צו די שרי מאות, און אַזוי האָט מען זיי געשיקט פון איין אינסטאַנץ צום אַנ־דערען, פון די שרי מאות צו די שרי אלפים, פון די לעצטע, צו די נשיאים, אָבער אומעטום האָבען זיי געקראָגען דעם זעלבען ענטפער אַז זיי זיינען ניט קאָמפּעטענט גענוג אַרויסצוגעבען דעם פסק דין אין אַט דער ירושה „קעיס״, ביז זיי האָבען דערגרייכט משה רבינו אַליין. משה אָבער, כאָטש ער האָט יאָ געוואוסט דעם דין, האָט אָבער אַליין ניט געוואָלט פסק׳ענען און דאָמיט ניט צונעהמען די גדולה פון די פריהערדיגע אינסטאַנצען, האָט ער דערפאַר געזאָגט: אויך איך בין נאָך ניט דער העכסטער אינסטאַנץ, פאַראַן אַ גרעסערער פון מיר, און דעריבער: ויקרב משה את משפטן לפני ה׳, און דער רבונו של עולם אַליין איז געווען דער שופט, און טאַקע אַרויס־געגעבען דעם פסק דין צו גונסטען די בנות צלפחד.

איז דער דאָזיגער מדרש אַן און פאַר זיך אַ פּעריל אין אונזער תלמוד׳ישע ליטעראַטור וואָס שפּרודעלט מיט מאָראַל און עטהיק; ער ענט־האַלט אָבער אויך אַ וואונדערבאַרע לעקציע אין אַ סימבאָלישען זין וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין לעבען פון אידישען פאָלק און וואָס איז פאַר אונז איצט ווי אַ דבר בעתו פון וואָס מיר האָבען פיל צו לערנען.

פריהער אָבער לאָמיר ציטירען אַ צווייטע תורה קעיס וואָס איז היבש עהנליך, אין פאָרם אמווייניגסטענס, צו די ערשטע.

די טענה פון „למה נגרע״ געפינען מיר אַ צווייטען מאָל אין דער תורה, דאָרט האָט זיך אָבער געהאַנדעלט וועגען אַ גאַנץ אַנדער אנגעלעגענהייט. עס איז געווען דער „למה נגרע״ וואָס עס האָבען גע׳טענה׳ט די טמאי מתים וועלכע האָבען צוליב טומאה ניט געטאָרט מקריב זיין דעם קרבן פסח אין צייט גלייך מיט אַלע אידען; זיינען זיי דעריבער געקומען מיט אַ טענה צו משה׳ן און געזאָגט:

„אנחנו טמאים לנפש אדם, למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה׳ במועדו; ויאמר משה אליהם: עמדו ואשמעה מה יצוה ה׳ לכם״.
(במדבר ט׳־ז׳)

פאַר וואָס, האָבען די דאָזיגע טמאי מתים גע׳טענה׳ט, זאָלען מיר באַ־

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

רויבט ווערען פון דער דאָזיגער פּריווילעגיע צו קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח?

און אויך אין דעם פאַל, האָט משה געבראַכט די „קעיס" צו ג־ט, און דער געטליכער ענטפער איז, ווי באַוואוסט, געוועןֿ אַז זיי זאָלען מקריב זיין דעם קרבן פסח מיט אַ חודש שפּעטער, אַ „פסח שני".

האָבען מיר, ווי געזאָגט, צוויי פאַלען וואו מען איז געקומען צו משה'ן מיט דער זעלבער טענה פון „למה נגרע" און איןביידע פאַלען, האָט משה זיך געמוזט ווענדען צו ג־ט אַליין פאַר אַן אַנטשיידונג.

און כאָטש עס זעהט זיך ניט אויבענאויף אַז די ביידע פאַלען זאָלען עפּעס האָבען וועלכע עס איז פאַרבינדונג צווישען זיי, דען זיי זיינען דאָך פון צוויי גאַנץ באַזונדערע כאַראַקטערע, איז אָבער דאָך דאָ עטוואָס געמיינשאַפטליכעס צווישען זיי; עס איז ניט בלויז דער שפּראַכליכער קלאַנג פון למה נגרע וואָס שאַפט די פאַרוואַנדשאַפט צווישען זיי, נור ביז אַ געוויסער מאָס אויך די עצם טענה.

אין ביידע פאַלען איז די אויסזעצונגען געגען דעם וואָס איין טהייל פון פאָלק ווערט אויסגעטהיילט פון די אַנדערע מיט אַ געוויסען פאָרם פון דיס־קרימינאַציע, ווי דער דאָזיגער טהייל וואָלט עפּעס ניט אַריינגערעכענט געוואָרען אין כלל. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט זיינען די טענות און פּראָטעסטען אין ביידע פאַלען כמעט פון איין און דעם זעלבען כאַראַקטער, אַ טענה פון דיסקרימינאַציע, אַ פּראָטעסט געגען די אָפּגעזונדערטקייט און איזאָלאַציע, צי עס איז אויפ'ן עקאָנאָמישען שטח ווי אין פאַל פון די בנות צלפחד, אָדער אויפ'ן גייסטיגען געביט ווי אין פאַל מיט'ן קרבן פסח; און אין ביידע פאַלען, הערט זיך דער פּראָטעסט מצד די געקריוודעטע: למה נגרע! פאַר וואָס זאָלען מיר זיין אַנדערש ווי אַנדערע? פאַר וואָס זאָלען מיר אויסגע־שלאָסען ווערען פון כלל?

**
*

און ווען מיר געהען איבער פון דער פשוט'ער זייט צו דער סימבאָלי־שער, דאַן ווערט די פאַרבינדונג צווישען די צוויי דערמאָנטע פאַלען פיעל שטאַרקער; פון די צוויי קעיסעס, ווערט איין קעיס און דער פּראָטעסט פון

ישראל והאומות

„למה נגרע" קריגט אַן אָפּקלאַנג אין אונזער אייגענעם אידישען אונאויפ־הערליכען פּראָטעסט צו דער גאַנצער וועלט וועלכע דיסקרימינירט אַזוי פיעל געגען אונז און באַרויבט אונז פון אונזער פאָלק־סטאַטוס, און גיט ניט דאָס אידישע פאָלק די געהעריגע אַנערקענונג צווישען די פעלקער משפחות פון דער גרויסע וועלט.

למה נגרע ?

למה נגרע — פרעגען מיר; פאַר וואָס די דאָזיגע אויסטיילונג און אויסשליסונג פון גאַנצען כלל, פאַר וואָס דער דאָזיגער פאָראורטייל געגען אידישען פאָלק; פאַר וואָס די דאָזיגע דיסקרימינאַציע געגען אונז ?

די קריוודע איז טאַקע די זעלבע ווי די פון די בנות צלפחד וואָס קומט צום אויסדרוק ווי דער טענה פון: תנה לנו אחוזה! פאַר וואָס באַרויבט מען אונז פון אונזער אחוזה; פאַר וואָס גיט מען אונז ניט אָפּ אונזער שטיקעל נחלה, אונזער נאַציאָנאַלער היים אויף דעם באָדען פון אונזער אבות לאַנד, ארץ ישראל ?

זאָל עס זיין דערפאַר וואָס „כי אין לו בן" ? וואָס אונזער טאַטע, אבינו שבשמים, האָט ניט געבראַכט קיין זוהן אויף דער וועלט; וואָס אונזער אידישער אמונה האָט ניט געוואָלט אַנערקענען „גאָט'ס זוהן" ?...

און ווי איראָניש דאָס זאָל ניט קלינגען, איז עס דאָך אָבער אַ טראַגיש־קאָמישער פאַקט אַז ערשט מיט אייניגע וואָכען צוריק ביי דער ספּעציעלער סעסיע פון די „יונייטעד ניישאָנס", אין פלאַשינג, ניואָרק, האָט איינער פון די אַראַבישע פאַרטרעטער אונז פאָרגעוואָרפען דעם דאָזיגען חטא מיט די פאַרשמעלצונג פון דעם אוראַלטען פאַרשימעלטען בלבול אַז מיר האָבען נאָך דעם דאָזיגען „גאָט'ס זוהן" אויך געקרייציגט ?...

און דער צווייטער „למה נגרע" וואָס באַציהט זיך אויף די „טמאים לנפש אדם", שליסט זיך אַן אין דעם ערשטען; דורך דעם דערמאָנטען בלבול וועגען די זאָגענאַנטע קרייצעגונג קוקט עס אויס ווי „למה נגרע" נומער צוויי דינט אַלס פירוש צו „למה נגרע" נומער איינס, און אַז דערפאַר וואָס מיר זיינען כלומר'שט געוואָרען „טמאים לנפש אדם", דורך „טויטען גאָט'ס זוהן", האָבען מיר דערפאַר אַרויסגערופען צו זיך די שנאה פון דער

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

גאַנצער וועלט, אַפּילו אויך פון די „מוסלומאַנישע אַראַבער״ וועלכע נעהמען זיך אָן די קריוודע פון דעם קריסטליכען „אותו האיש״...

קאָמיש, אָבער נאָך פיל מעהר טראַגיש!

***

און ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דעם ביבלישען למה נגרע פון די בנות צלפחד, לויט די בילדליכע שילדערונג פון דעם אויבענציטירטען מדרש, אַזוי איז עס אויך געווען דער פאַל מיט אונזער למה נגרע, ווען אויך מיר האָבען געוואַנדערט מיט אונזער גערעכטע טענה און פּראָטעסט פון איין אינסטאַנץ צום צווייטען און דורכגעמאַכט אונצעהליגע גלגולים אָנפאַנגענדיג מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע און בריטישען מאַנדאַט און פאַרזעצענדיג מיט די „ליג אָוו ניישאָנס״; מיר זיינען געגאַנגען מאיסטאַנץ לאינסטאַנץ, פון איין קאָמיטע צו דער אַנדערער און פון איין קאָמיסיע צו דער צווייטער; אַ „פיל־קאָמיסיע״, „אַ שאָר־קאָמיסיע״, אַן אַנגלאָ־אַמעריקען קאָמיסיע; אַזאַ ספּעציעלע אַסעמבלי פון די „יונייטעד ניישאָנס״ פון וועלכע עס איז ווידער געבאָרען אַ שפּאָגעל נייע קאָמיסיע...

אָבער אויך אין אונזער פאַל זעהט עס אויס אַז די דאָזיגע אידען פראַגע וועט אין קיינע פון די אויסגערעכענטע און ניט אויסגערעכענטע אינסטאַנצען ניט קריגען קיין גערעכטיגקייט; קליינע פעלקער און גרויסע, דעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער, קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען און ליבעראַלע, סאָציאַליס־טישע אָדער קאָמוניסטישע, אין באַצוג צו אונז אידען און צו אונזער טענה פון „תנה לנו אחוזה״, זיינען זיי פאַר אונז אַלע גלייך, „כולם שווים לרעה״, און מיר האָבען קליינע האָפענונגען דורך זיי געהאָלפען צו ווערען.

צי מיינט עס אָבער אַז מיר דאַרפען פאַרצווייפלען, אַז מיר דאַרפען אַריינפאַלען אין אָפּגרונט פון יאוש?

אויך דערצו האָבען מיר אָן ענטפער אין די אָריגינעלע פרשה פון די בנות צלפחד, אָן ענטפער וואָס קומט פון דער העכסטער אידישער אויטאָ־ריטעט, דער ענטפער פון משה רבינו:

עמדו ואשמעה מה יצוה ה׳!

עמדו! איז דער שלאָגוואָרט. שטעהט, האַלט זיך פעסט אין אייערע פּאָזיציעס, פאַרצווייפלט ניט, פאַלט ניט אַריין אין קיין יאוש; לעגט ניט

ישראל והאומות

קיין אַכט אויף די אַלע אינסטאַנצען פאַר וועמען איהר האָט אייער קעיס געבראַכט. ניטאָ קיין סיבה פאַר אַנטוישונגען; עס איז דאָ אַ העכערע אינסטאַנץ, די העכסטע פון אַלע...

ואשמעה מה יצוה ה׳!

דער פינאַלער פסק דין וועט אַרויסגעגעבען ווערען פון דער געטליכ־קייט אַליין, און דאָ, קענט איהר ניט האָבען קיין דורכפאַל, דאָ קענט איהר ניט אַנטוישט ווערען, און פונקט ווי אויף דעם ערשטען למה נגרע, אַזוי אויך אויפן צווייטען, אויף אונזערען, וועט קומען דער ענטפער:

נתן תתן להם אחוזת נחלה.

מיר וועלען אונזער נחלה אין געשטאַלט פון אונזער נאַציאָנאַלע היימ־לאַנד אין ארץ ישראל צוריק באַקומען; דער פסק דין פון דער העכסטער אינסטאַנץ קען ניט אָפּגעפּרעגט ווערען.

עס געדויערט נאָך אַביסעלע, מיר מאַכען נאָך דורך די געבורט וועהען, די חבלי לידה, מוזען מיר זיך אַנגורטען מיט גייסטיגע גבורה און אויס־פאַלגען דעם אָרדער פון משה רבינו, זיך צו האַלטען פעסט ביי אונזער אמונה און בטחון, און מיר וועלען זיכער פייערען דעם גרויסען נצחון פון אונזער זעלבסטשטענדיגקייט, אויף דעם באָדען פון אונזערע אַלטע און אייביג נייע היימלאַנד, ציון וירושלים בב״א.

האמת והשלום

האמת והשלום אהבו.
(זכרי׳ ח׳-י״ט)

א״ר סימון בשעה שבא הקב״ה לבראות את אדם הראשון נעשו מלאכי השרת כתים, כתים, וחבורות חבורות, מהם אומרים אל יברא, ומהם אומרים יברא; חסד אומר יברא שהוא גומל חסדים, ואמת אמר אל יברא שכולו שקרים; צדק אומר יברא שהוא עושה צדקות, שלום אומר אל יברא דכוליה קטטה; מה עשה הקב״ה, נטל האמת והשליכו לארץ, הה״ד: ותשלך אמת ארצה — (דניאל ח׳).
(ב״ר ח׳-ה׳)

די קשיא איז דאָך באַוואוסט: וויבאַלד אַז סיי דער „אמת״ סיי דער „שלום״ זיינען געווען אין דער אָפּאָזיציע און געהאַלטען אַז דער מענש זאָל ניט באַשאַפען ווערען, און עס איז נויטיג געווען איינעם פון זיי צו באַזייטיגען כדי מאַיאָריזירען דעם געגנערשען צד, טאָ פאַר וואָס איז גראָדע געפאַלען דער גורל אויפ׳ן „אמת״ באַצייטיגט צו ווערען און ניט אויפ׳ן „שלום״?

משמעות אַז די באַזייטיגונג פון „אמת״ איז ניט סתם געווען כדי „פטור״ צו ווערען פון אַ געגנער, נור דערין איז הפנים געווען אַ תשובה נצחת, ניט דעם געגנער צו באַזייטיגען, נאָר די געגנערשאַפט, צו באַזייטיגען די טענה פון דעם אמת. מען דאַרף בלויז אַריינדרינגען אַביסעל מעהר אין די עצם טענות פון די אַזוי גערופענע אָפּאָזיציאָנערען כדי עס זאָל קלאָהר ווערען אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

אויבענאויף קוקט עס אויס ווי „אמת״ און „שלום״ זיינען דאָ געווען אין צד וועלכע האָבען זיך פאַראייניגט פאַר איין צוועק, זיך צושטעלען אין דער אָפּאָזיציע און ניט דערלאָזען די באַשאַפונג פון דעם מענש.

אין אמת׳ן אָבער איז זייער פאַראייניגונג געווען אַ רעזולטאַט פון זייער

האמת והשלום

קאָנפליקט; צווישען „אמת״ און „שלום״ איז אַליין קיין שלום ניט געווען; יעדערער פון זיי האָט געזעהן אין דעם אַנדערען אַ שטערונג און אַ גע־פאַהר פאַר זיין אייגענעם עקזיסטענץ; דער „אמת״ האָט געזעהן אין דעם „שלום״ אַ קאָנקורענט צום אמת; וועהרענד דער „שלום״ האָט אין דעם „אמת״ געזעהן אַ קאָנקורענט צום „שלום״, און דערפון איז אויטאָמאַטיש געקומען דערצו אַזביידע עקסטרעמען זאָלען זוכען זייער באַשיצונג דורך זייער אָפּאָזיציע צו דער בריאה.

די פאַראייניגונג איז ניט געווען משנאת האדם, נור מאהבת עצמם.

אַ בליק אין לעבען וואַרפט אַ העלע ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין.

„אמת״ און „שלום״ איז זעהר אַ זעלטענהייט אַז זיי זאָלען קענען האַר־מאָנירען צווישען זיך; ס׳איז גאַנץ שווערליך אַז די דאָזיגע צוויי „מלכים״ זאָלען קענען פונקציאָנירען מיט „איין קרוין״; עס איז כמעט ווי „שני הפכים בנושא אחד״. דאָרט וואו מען וויל זיך פעסט אָנהאַלטען אין אמת און מען וויל פון איהם ניט אָפּטרעטען אויף אַ האָר, דאָרט איז שווער אָנצוהאַלטען דעם שלום; דער בעסטער און אינטימסטער פריינד קען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ שונא דעמאָלט ווען מען וואַרפט איהם דעם אמת אין פנים אַריין.

דאַגעגען אויב מען וויל אָנהאַלטען דעם שלום, אויסצוקומען מיט אַלעמען און שטענדיג אָנהאַלטען פריינטלעכע און פרידליכע באַציהונגען, דאַן מוז דער אמת היבש ליידען דערפון, מען מוז מוותר זיין אויף אַ היבשען טהייל פון אמת כדי צו קענען אָנהאַלטען די מענשליכע פריינטשאַפט.

ווען איינער איז אַ „קנאי״, אַ פאַנאַטישער קעמפפער פאַר׳ן אמת, וועט ער זיך זעהר שווער קענען אַריינפאַסען אין דער געזעלשאַפט; ער וועט אפילו פון זיין אייגענע בני בית זיך ניט קענען ערווערבען קיין פרידליכע צוזאַמענ־לעבונג; און כדי צו זיין אַ „מעורב עם הבריות״ און אָנקניפּען פרידליכע באַציהונגען מיט זיינע מיטמענשען, ווייטע אָדער אפילו נאָהנטע, וועט ער אומבאַדינגט מוזען זיין אמת טהיילווייז אונטערדריקען. אָנהאַלטען ביידע צוזאַמען, אי דעם אמת און אי דעם שלום, דאָס איז כמעט אַן אוממעגליכקייט.

דער „אמת״ האָט דעריבער דערזעהן אין דעם „שלום״ אַ שטאַרקען קאָנקורענט צו איהם; אויב דער מענש וועט וועלען אָנהאַלטען דעם „שלום״,

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

וועט ער, דער „אמת״ מוזען אַראָפּ פון דער סצענע, און וויסענדיג אַז שלום איז דאָך דער יסוד פאַר דעם סאָציאַלען, געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט ער דערפאַר בעסער אויסגעקליבען דעם „אל יברא״ אלס באַשיצונג פאַר די פּרינציפּען פון „אמת״...

און פונקט אַזוי האָט דער „שלום״ דערזעהן אין דעם „אמת״ אַ קאָנקורענט צו איהם. סוף סוף מוז דאָך דער אמת פונקציאָנירען, האָט זיך דער שלום געטראַכט, ווייל וואָס פאַר אַ טעם און וואָס פאַר אַ זין קען עס האָבען צו לעבען אין אַ פאַלשע וועלט. פון דער אַנדער זייט אָבער, אויב אָנגעהן מיט׳ן אמת, שטעלט מען דאָך דעם שלום אין סכנה. איז שוין דעריבער בעסער אַז דער מענש זאָל גאָר ניט באַשאַפען ווערען, און אַ טויטער שלום איז שוין פיעל בעסער פאַר אַ לעבעדיגער מחלוקת...

עס איז דעריבער נויטיג געווען צו הערען די געטליכע אַנטשיידונג אין דער דאָזיגער אַרגומענטאַציע. און די אַנטשיידונג איז געקומען:

„מה עשה הקב״ה, נטל האמת והשליכו לארץ״!

מיט דעם איז געקומען דער אנטשיידענדער פסק־דין, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָרם פון אַ מין פשרה אויפ׳ן חשבון פון דעם אמת.

עס איז אמת, אַז ביידע צדדים זיינען גערעכט. אַ וועלט אָהן שלום אָדער אָהן אמת, איז קיין וועלט ניט, ווייל ביידע זיינען פון די הויפּט זיילען אויף וועלכע דער קיום העולם שפּאַרט זיך אָן (על שלשה דברים העולם עומד, על האמת ועל הדין ועל השלום — אבות); אָבער אויב מען דאַרף זוכען עפּעס אַ פשרה, זאָל די דאָזיגע פשרה זיין אויפ׳ן חשבון פון אמת און ניט אויפ׳ן חשבון פון שלום. מיט שלום קען מען קיין פשרות ניט מאַכען, דער קיום העולם פאָדערט אַ הונדערט פּראָצענטיגער שלום, פון איהם, פון שלום, קען מען גאָר ניט אָפּדינגען. פון אמת אָבער קען מען שוין יאָ עפּעס אָפּדינגען; עס קען פאָרמולירט ווערען אַן אמת מיט געוויסע רעזערוואַציעס, אַן אמת מיט „אַמענדעמענטס״, און דער קיום העולם זאָל דערפון ניט ליידען.

„והשליכו לארץ״!

די געטליכקייט האָט אַרונטערגעוואָרפען דעם אמת אויף דר׳ערד; זאָל דער גורל פון אמת דאָרטען אנטשיידען ווערען, דאָרט אויף דער אונטער־שטער ערד וואו די מענשענקינדער געפינען זיך, זאָל דאָרט, און טאַקע דורך

האמת והשלום

זיי, דורך די מענשענקינדער גופא, באַארבייט ווערען דער אמת; זאָלען זיי, די מענשען אַליין אויסשמידען דעם אמת און פאַרמירען זיין געשטאַלטונג; זאָלען זיי איהם אַמענדירען לויט די אומשטענדען און לויט די לעבענס באַדינגונגען, אַזוי אַז ער זאָל ניט שטערען דעם געזעלשאַפטליכען שלום און זאָל צו דער אייגענער צייט זיך אַליין אויך ניט פאַרראַטען דער אמת וועט ניט ליידען אויב ער וועט אפילו אביסעלע „רעפאָרמירט" ווערען און פון זיך עטוואָס מקריב זיין למען השלום. דער שלום אָבער מוז בלייבען גאַנץ, אומבאַריהרט. עס טאָר ניט זיין קיין „שלום-קטיעא", ווייל איין פונק מחלוקת שטעלט אין קאָן דעם גאַנצען מענשליכען קיום.

אַט אַזוי איז געווען דער הימלישער פסק דין, און דער דאָזיגער פסק דין איז טאַקע אַזוי ראַטיפיצירט געוואָרען ביי די מענשענקינדער.

גענוג בלויז אַ פלאַכען בליק אויפ׳ן לעבען כדי צו זעהן ווי דער דאָזיגער פסק דין רעפלעקטירט אויף די סאָציאַלע אַקסיאָמען און די געזעלשאַפטליכע טראַדיציעס וואָס דער מענשליכער לעבען האָט אַנגענומען און אַקצעפטירט אַלס אמת׳ן כאָטש אין גרונט גענומען זיינען די דאָזיגע אמת׳ן ווייט פון צו זיין אמת׳ע אמת׳ן...

אַ פאָר ביישפיעלען:

דאָ אין אַמעריקע למשל איז איינגעפיהרט אַ מנהג צו געבען לויב געזאַנגען און אויסטיילען קאָמפּלימענטען אויף רעכטס און לינקס צו געוויסע פערזאָנען וועלכע האָבען זיך ערווארבען אַ געוויסע פּאָזיציע אין עפענט־ליכען לעבען, אָדער אפילו צו סתם מענשען „פון אַ גאַנץ יאָהר" ווען עס קומט אַ געוויסע געלעגענהייט פון פייערען עפּעס אַ שמחה. די דאָזיגע שבחים ווערען געגעבען עפענטליך, ביי באַנקעטען, ביי צערעמאָניאַלע פאַראַנשטאַל־טונגען און אפילו ביי די דרשות פון די שוהל בימות. אין מעהרסטע פאַלען זיינען די דאָזיגע שבחים היבש איבערטריבען, אָבער דער „עולם" נעהמט זיי צו גאַנץ געמיטליך און די אויסטיילער פון די שבחים ווערען כלל ניט קריטיקירט דערפאַר. עס איז דאָס וואָס מען רופט „קאָנווענציאָנאַלע ליגענס" וואָס ווערען אַנגענומען פאַר אמת׳ן... עס איז „סטאַיל", מנהג המדינה און עס האָט די גוטהייסונג און הסכמה פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. עס איז איין אינערליכער שקר פאַרדעקט מיט אַן אויסערליכען אמת...

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אָדער נעהמט למשל אַ פאַקט פון דער יוריסדיקציע. די מאָדערנע וועלט, הויפטזעכליך דאָ אין לאַנד, האָט איינגעפיהרט אַ „דזשורי טרייעל". מען זעצט אַוועק אין די געריכטס הייזער גאַנץ פשוט׳ע מענשען, צומאָל זאגאר אומוויסענדע און אפילו איינפאַכע פויערים, און זיי בילדען עס די העכסטע געריכט־הויז אַרויסצוגעבען אורטיילען, וואָס זיי מוזען גוט געהייסען ווערען פון דעם ריכטער; און מעג זייער פסק דין, פון שטאַנדפונקט פון געזעץ, אפילו זיין אין ריכטער׳ס אויגען קרום ווי אַ קאַטשערע און פאַלש ווי די פאַלשקייט אַליין, און דאָך פאַרזיגעלט עס דער זעלבער ריכטער מיט׳ן זיגעל פון אמת און דער דאָזיגער פסק דין ווערט דורכגעפיהרט אין לעבען. פאַרקעהרט: אַ פסק דין וואָס געהט אַרויס פון ריכטער אַליין אָהן אַ „דזשורי", ווערט גראָדע ביים פאָלק ניט אַזוי אָנגענומען פאַר גערעכטיגקייט ווי דער וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון די אומוויסענדע דזשורי־לייט.

אָבער נעהמען נעהמט זיך עס דערפון וואָס דער אורטייל דאַרף אַרויס־געגעבען ווערען לויט די אומשטענדען און לעבענס באַדינגונגען פון דעם באַטרעפענדען פאַל, און בוכשטאָב פון געזעץ; דער בוכשטאַביגער אמת ווערט פון די לעבענס באַדינגונגען פאַרוואַנדעלט אין אַ שקר און דער דזשורי־שקר ווערט פון די זעלבע באַדינגונגען פאַרוואַנדעלט אין אַן אמת, רופט עס אפילו אַ רעפאָרמירטער אמת...

און טאָמער וועט איהר זיך דינגען און זאָגען אַז פון גוי׳אישע געריכטס הייזער ברענגט מען קיין ראיה ניט, טאָ זייט זשע אַזוי גוט און נעהמט זיך פאַר אַביישפּיעל גראָדע אַ ריין אידישע רעליגיעזע טראַדיציע וואָס שלאָגט אויך אָן אַ טאָן פון אַ מין געריכטס פּראָצעדורע.

מיר מיינען דערמיט דעם אידיש טראַדיציאָנעלען ערב ראש השנה׳דיגען „התרת נדרים".

אָט האָט איהר די בילד:

דער רב פון שטאָט אָדער דער רב פון שוהל, אַליין אַ גאון אין תורה מיט די ארבעה שולחן ערוך׳ס אין זיין באַזיץ, לאָדעט ער איין דריי פשוט׳ע אידען, וואָס אין מאַנכע פעלע קענען זיי קוים אַ שייטעל עברי, אַ ספק צו זיי ווייסען אפילו אַז ס׳איז דאָ אַ גמרא נדרים אויף דער וועלט, און צו אָט די דאָזיגע פאַרשוינען אַדרעסירט זיך עס דער רב מיט׳ן אויסרוף: „שמעו נא

האמת והשלום

רבותי, דיינים מומחים״; אַט פון די דאָזיגע „דיינים מומחים״ פאַרלאַנגט עס דער אמת׳ער גרויסער רב אַז זיי זאָלען איהם, אַלס „בית דין״ מתיר נדר זיין... און זיי, די דאָזיגע פאַרשוינען, ווערען עס טאַקע די „געזעצליכע ריכטער״ און זיינען איהם און אויך אַנדערע מתיר נדר ווען זיי זאָגען מיט אַזאַ דרייסטען און אויטאָראַטיווען טאָן: „אין כאן לא נדר ולא שבועה״; זיי פסק׳נען עס אויגענבליקליך אַפּ אַז דאָ איז ניטאָ, ניט קיין נדר און ניט קיין שבועה, ניט קיין שמתא און ניט קיין אָרור א. א. וו. און ממילא איז — הכל מותרים לך הכל שרוים לך וכו׳ וכו׳ *).

עס איז דאָך אייגענטליך אויך אַ מין שקר, קוים אָבער איז עס געוואָרען טראַדיציאָנעל און מען גיט די דאָזיגע אידען אַ צייטווייליגע „סמיכה״, הייסען זיי שוין מיט אַן אמת דיינים מומחים; און אויב זיי זיינען אפילו ניט באַקאַנט מיט די דינים פון נדרים, איז פונדעסטוועגען זייער התרת נדרים אַ ריכטיגע אפילו על פי דין. דער נוסח פון די התרה אַליין, גיט דערויף די ערקלעהרונג: אין כאן, לא נדר ולא שבועה, דאָ, אין אונזער מענשליכען לעבען מיט אונזערע לעבענס אומשטענדען און לעבענס באַדינגונגען, קען מען לייכט געפינען אַ היתר פאַר געוויסע נדרים אָדער שבועות...

***

און אויב דער אמת דאָ אויף די ערד, לאָזט זיך געזעצליך אַביסעל רעפאָרמירען, איז ער שוין ממילא קיין שטערונג ניט צום „שלום״, איז שוין ממילא די טענה פון שלום אַז „אל יברא״ קיין טענה ניט.

ווי וויים דאָס דאָזיגע שטימט מיט׳ן דין התורה, קען מען זעהן פון די געשיכטע פון יוסף׳ס ברידער, ווען נאָך יעקב׳ס טויט האָבען זיי געשיקט אַ מעסעדזש פון יוסף׳ן ציטירענדיג דערביי זייער פאָטער יעקב וועלכער זאָל האָבען פאַר זיין טויט אַנגעזאָגט אַז יוסף זאָל זיך ניט אָפּרעכענען מיט די ברידער פאַר זייער שלעכטע באַהאַנדלונג; און כאָטש דאָס איז גאָרניט געווען אמת, מאַכט דערויף רש״י א באַמערקונג: „שנו בדבר השלום, כי

---

*) איך האָב שוין אַמאָל בייגעוואוינט ווי איינער פון די דאָזיגע „דיינים מומחים״, ווען עס איז געקומען זיין רייהע צו זאָגען דעם „שמעו נא״, איז ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „נזירות שמשון״, איז עס ביי איהם גאָר אַרויסגעקומען „גזירות שמשון״ און האָט זיך דערביי נעבאַך ביטער צעוויינט אויף די ביטערע „גזירות״ פון עפּעס אַ שלעכטען שמשון...

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

לא צוה יעקב כן" (רש"י, בראשית נ׳-י"ז), צוליב שלום האָבען זיי משנה געווען כאָטש יעקב האָט עס גאָרניט פאַרזאָגט.

אויף אַנאַנדער אָרט זאָגט די גמרא: „דבי ר׳ ישמעאל תנא, גדול השלום שאף הקב"ה שינה בו, דמעיקרא כתוב: ואדוני זקן ולבסוף כתיב: ואני זקנתי — בראשית י"ח-י"ב (יבמות ס"ה ע"ב). עס הייסט, אַז אפילו כביכול אַליין האָט אויך משנה געווען למען השלום כאָטש כביכול, דער רבונו של עולם, איז דאָך געוויס דער מקור האמת. פון ניט זאָגען דעם אמת ביז צום אמת׳ן שקר איז נאָך אַ היבשע מהלך...

מיאוס איז נור אַזאַ שקר ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דוד המלך׳ס ווערטער: „אשר פיהם דבר שוא וימינם ימין שקר", די האָנט מיט׳ן מויל שטימען ניט, די מעשים צייגען איבער ווי פאַלש איז ער מיט׳ן מויל. מיט׳ן מויל איז ער מתפלל דריי מאָל אַ טאָג „ולירושלים עירך ברחמים תשוב"; „את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח" און „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", אָבער ווען עס קומט צו מעשים ווען ער דאַרף עפּעס טאָן פאַר ציון און ירושלים ווען מען פאַרלאַנגט פון איהם זיין קאָנטריבוציע פאַר׳ן בנין הארץ, דעמאָלט טרייסעלט ער זיך אָפּ דערפון גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, אַזאַ איינער איז טאַקע אַ מיאוס׳ער פאַרדאָמטער ליגנער פון וועלכען מען דאַרף זיך אָפּטרייסלען מיט עקעל און פאַראַכטונג.

דאַגעגען אָבער ווען זיינע מעשים זיינען גוטע, נור די כונה איז ניט אַזאַ אויפריכטיגע, ווי למשל ווען איינער גיט צדקה צוליב כבוד, איז כאָטש דאָ אָפּעררירט אויך דער ליגען, ווייל ער גיט עס דאָך ניט מיט אַן אמת׳ע צדקה כונה, אַזאַ סאָרט ליגען אָבער לאָזט זיך טאָלערירען, און אונזערע חכמים האָבען עס אַליין גע׳כשר׳ט ווען זיי האָבען געזאָגט: „מתוך שלא לשמה בא לשמה".

גדול השלום!

מיט שלום לאָזט זיך קיין פשרות ניט מאַכען, מיט׳ן אמת, אָבער יאָ, און דערפאַר — השליך אמת ארצה; זאָלען די ערדישע מענשענקינדער איינשטעלען דעם אמת ווי זיי פאַרשטעהען איהם, אַזוי אַז דער שלום זאָל ניט ליידען און די בריאה זאָל קריגען איהר תקון.

לחגיגת תנאים

וארשתיך לי לעולם; וארשתיך לי בצדק ובמשפט
בחסד וברחמים; וארשתיך לי באמונה וידעת את ה׳
(הושע ב׳, כ״א־כ״ב)

דער גרויסער נביא הושע זאָגט צו די אידען אין גאָט׳ס נאָמען:

איך פאַר׳קנס דיך צו מיר אויף אייביג; איך פאַר׳קנס דיך צו מיר מיט גערעכטיגקייט און משפט, מיט גענאָד און מיט רחמים; איך פאַר׳קנס דיך צו מיר מיט גלויבען און דו זאָלסט וויסען גאָט.

זיינען די דאָזיגע ווערטער העכסט קלאַסיש. עס איז אַ מאַנעפעסטאַציע וואָס ענטהאַלט אויף אַ פלאַטפאָרמע וועלכע גיט איבער אין קורצען די אָבליגאַציעס, אָדער די „תנאים״ לויט וועלכע די פאַר׳קנסונג פון דעם עם ישראל צום אלקי ישראל ווערט געזעצליך אָנערקענט און ראַטיפיצירט.

דער ערשטער זאַץ דריקט אויס די כאַראַקטער שטריכען פון „ביידע צדדים״, פון דעם פאַר׳קנאַסער און דעם פאַר׳קנאַסטען. כביכול איז זיך משדך מיט דער כנסת ישראל; דער שידוך איז אייגענטליך ניט אַזאַ „גלייכער״. און די ניט־גלייכהייט דריקט זיך אויס אין וואָרט „לי״ (וארשתיך לי); אָט די צוויי בוכשטאַבען פון אל״ף בי״ת זיינען אַ קאָנטראַסט איינער צום אַנדערען. דער למ״ד איז דער העכסטער פון אַלע אותיות, ניטאָ קיין אַנדער אות אין אלף בית וואָס זאָל זיך אויפהויבען צו דער הויך פון למ״ד; דאַגעגען דער יו״ד, איז דער קלענסטער בוכשטאַב.

און אָט אַזוי זיינען אין כאַראַקטער פאַרשידען די צוויי באַטרעפענדע צדדים אין דעם דאָזיגען שידוך פון הקב״ה און כנסת ישראל. כביכול, דער רבונו של עולם, איז דער העכסטער, דער „רם על כל רמים״, וועהרענד דאָס אידישע פאָלק איז דער קלענסטער צווישען די פעלקער פון דער וועלט, „כי אתם המעט מכל העמים״, און דאָך איז דער שידוך צו־שטאַנד געקומען. דער רבונו של עולם איז אין דעם פרט נאָכגעקומען די אידישע לעהרע וואָס

לחגיגת תנאים

פרעדיגט, „נחות דרגא ונסיב איתתא״; דער הויכער למ״ד איז אַרונטער אַ שטאַפּעל און זיך משדך געווען מיט'ן קליינעם יו״ד.

דערפאַר אָבער זיינען אַריינגעשריבען געוואָרען די „תנאים״ לויט וועלכע דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען און וועלכע קומען צום אויסדרוק אין די ווערטער וואָס פאָלגען נאָך דעם לי.

דער הויפּט באַדינג איז — לעולם! עס איז אַ פאַר'קנאַסונג פון אַן אייביג דויערענדען כאַראַקטער; עס קען קיינמאָל ניט אָפּגעבראָכען ווערען; מען קען ניט „אָפּלאָזען דעם שידוך״...

דער צווייטער באַדינג איז — די טרייהייט מצד כנסת ישראל צו דער שכינה, אַ טרייהייט וואָס טאָר קיינמאָל ניט פאַרראַטען ווערען, אונקאָנדי־ציאָנעלע איבערגעבענהייט.

וארשתיך לי בצדק ובמשפט, בחסד וברחמים!

צדק ומשפט און חסד ורחמים, זיינען צוויי געגענזעצטע טערמינען, איינס איז דער הפך פון צווייטען. „צדק ומשפט״, דריקט אויס די פולע האַרבקייט פון מדת הדין, קיינע וותורים, קיינע פאַרציכטונגען, „יקוב הדין את ההר״... דאַגעגען „חסד ורחמים״ איז ממש דער געגענזאַץ, גענאַד און רחמנות, מילד־קייט און ווייכקייט.

דו זאָלסט צו מיר זיין פאַר'קנסט, זאָגט דער נביא צו כנסת ישראל אין גאָט'ס נאָמען, און אָנהאַלטען דיין אויפריכטיגע טרייהייט אונטער אַלע אומשטענדען און אונטער אַלע באַדינגונגען; סיי ווען דו זעהסט אַז דו ווערסט באַהאַנדעלט פון דיין פאַר'קנסער מיט צדק ומשפט, מיט מדת הדין, עס געהט דיר ניט אַזוי גלענצענד, דיין לעבענסוועג איז פאַר דיר ניט אויסגעבעט מיט בלומען, און עס קוקט אויס ווי מען „טריט דיך ניט ווי עס דאַרף צו זיין, דו ביסט אַ געקריוודעטער און אַ ניט־צופרידענער; און סיי ווען דו ווערסט באַהאַנדעלט מיט חסד און רחמים, די הצלחה ווייזט דיר אַ פּנים שוחקות עס געהט דיר גאַנץ גוט, מאַכסט פּראָגרעס אויף אַלע געביטען פון לעבען און די זון שיינט פאַר דיר אין אַלע ווינקעלאַך פון לעבען.

אין ביידע פאַלען, מוזטו אָנהאַלטען דיין טרייהייט און ניט ווידער־שפּעניגען; אויך אין שלעכטע צייטען דאַרפסטו זיין אַ „מברך על הרעה כשם שמברכין על הטובה״.

לחגיגת תנאים

וארשתיך לי באמונה, וידעת את ה׳!

אמונה! צוטרוי, איז דער הויפּט באַדינג אין די דאָזיגע „תנאים״, ניט פאַרראַטען דיין פאַר׳קנסער, און קיינמאָל ניט פאַרלירען דיין צוטרוי צו איהם.

די „אמונה״ איז דיין „נדן״ וואָס דו דאַרפסט געבען פאַר אַזאַ „יחוס שידוך״, וואָס דו קליינער יו״ד האָסט זוכה געווען פאַר׳קנס׳ט צו ווערען צי אַזאַ גרויסען און אַלמעכטיגען למ״ד...

***

און ווען מיר פּראַווען אַ שמחה פון „תנאים״, פון פאַר׳קנאַסונג צווישען אונזערע מענשענקינדער, ווען עס האַנדעלט זיך פון אַ זיווג, ניט צווישען הימעל און ערד, צווישען געטליכקייט און מענשליכקייט, נור צווישען מענש און מענש, איז קוים נויטיג צו זוכען אַנדערע טעקסטען אויף וועלכע צו באַגרינ־דען און באַקרעפטיגען דעם דאָזיגען הייליגען בונד.

דעם נביא׳ס טעקסט פון „וארשתיך לי״ איז גענוג רייך אויף צו ליפערען מאַטעריאַל אויך פאַר די „תנאים״ צווישען אונזער ערדישע קינדער.

דאָס וועלען מיר זעהר לייכט קענען אַנאַליזירען נאָכפאָלגענדיג די פאַרשריפטען פון דעם דאָזיגען טעקסט.

עס איז אָבער פאַראַן איין אויסדרוק אין טעקסט וואָס ווען עס ווערט טראַנספּערירט אין אונזער פאַל פון מענשליכע תנאים, פּאַסט זיך עס עפּעס ניט אַזוי גוט אַריין.

מיר מיינען דערמיט דעם אויסדרוק פון „לעולם״. אַן אייביגע פאַר׳־קנס׳ונג, קלינגט עפּעס ניט אַזוי גוט אין מענשליכען פאַל. פאַר׳קנס׳ונג איז דאָך בלויז דער פאַרשפּיל, דער פּראָלאָג צו דעם עיקר העיקרים, צו דער חתונה וואָס איז דער תכלית און ענד ציעל, פון וועלכעס די „תנאים״ איז בלויז דער ערשטער מיטעלשריט. טאָ ווי לאָזט זיך דארויף באַנוצען דער אויסדרוק: „וארשתיך לי לעולם״ וואָס מיינט אַן אייביגע פאַר׳קנס׳ונג? אייביגקייט פּאַסט זיך אַנגעמאָסטען צו ווערען אויף דער חתונה, וואָס איז ווירקליך אַן אויפריכטיגער און ערנסטער וואונש, אָבער, אייביגע פאַר׳קנס׳ונג וואָס פאַר אַ מין ברכה און וואונש קען דאָס זיין?...

אין אמת׳ן אָבער ווערט אין אָט דעם אויסדרוק פון לעולם איינגעלייטעט דער גאַנצער יסוד פאַר׳ן צוזאַמענלעבונג פון חתן־כלה נאָך דער חתונה. עס

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

איז אַן אַנצוהערעניש און אויך אַ לעקציע פאַרביידען ווי אַזוי זייערע געגענ־זייטיגע באַציהונגען זאָלען זיין צווישען זיך אַלס מאַן און ווייב.

אַ דורכדרינגענדער בליק אין לעבען וואַרפט אַ העלע ליכט דאַרויף.

עהרליך און גראַציעז איז די פּעריאָדע פון חתן־כלה אין דער צווישען צייט פון די תנאים ביז די חתונה. גרענעצלאָזע ליעבע, אַכטונג און פאַרהערונג הערשט צווישען די צוויי פאַרליעבטע קינדער. אין דער דאָזיגער צייט שוועבען זיי ביידע אַרום אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע וואָס זיי שפּינען אַליין אויס. די ווירקליכקייט עקזיסטירט פאַר זיי ניט; זיי לעבען אין אַ וועלט פון חלומות וואָס זייער פאַנטאַזיע וועבט פאַר זיי, זיסע און שעהנע חלומות וואָס דער מלאך פון ליעבע פלעכט פון זיי קראַנצען איבער זייערע קעפּ. פאַר איהם עקזיסטירט קיינער ניט אויסער זי און פאַר איהר דאַסגלייכען עקזיס־טירט קיינער ניט אויסער ער.

שטונדען לאַנג, טאָג איין טאָג אויס, פאַרברענגט מען צוזאַמען, די גרענעצען פון טאָג און נאַכט זיינען פאַר זיי ווי אָפּגעווישט געוואָרען; זיי בויען פאַר זיך אויס פאַנטאַסטישע וועלטען פאַר זייער גליקליכע צוקונפט; זיי טיילען דעם דאָזיגען גליק בלויז צווישען זיך אַליין און בלויז די לבנה מיט די שטערען און דער פּאַרק מיט זיינע הויכע סאסנעס און נידעריגע וואַסער טייכלאַך, זיינען די שטומע עדות אויף זייער געשוואָרענע ליעבע און אייביגע טרייהייט.

איין לאַנגע קייט פון זיסע חלומות ווערט פון זיי אויסגעפלאָכטען אין משך פון אָט דער זיסער צווישען־צייט פון די תנאים ביז דער חתונה.

און ווען עס קומט שוין דער גליקליכער טאָג פון דער חתונה, דער־גרייכט די דאָזיגע ליעבע דעם קלימאַקס וועלכער ציהט זיך אויך אַ היבשע צייט, ווייט ווייט אַריבער די „האָניג מאָנאַטען"...

און ערשט דאַן פאַנגט אָן די טרוקענע ווירקליכקייט; דער טשאַד פון די פאַר'שכור'טע ליעבע פאַנגט ביסלעכווייז אָן זיך אויסוועפען; די נעכטיגע חתן־כלה און היינטיגע מאַן און ווייב באַזיצען שוין ניט מעהר זייער פּאָעטישע טרוימעריי פון פאַר דער חתונה; די פּאָעטישע וועלט זייערע הויבט ביסלעכ־ווייז אָן פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פּשוט'ע פּראָזאאישע וועלט, אַ וועלט פון אַ קאַלטע פאַרפרוירענע און צומאָל אויך גרויזאַמע ווירקליכקייט...

לחגיגת תנאים

און דאַן קומט אין היבשע פאַלען אויך אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זייערע באַציהונגען; נישטאָ מעהר יענע געטרוימטע ליעבע; אויס מיט יענע גע־שפינטע חלומות; די גוטע ליעבע־מלאכים שטעהען מעהר ניט ביי זייער זייט, און ווען דער פלאַץ ווערט עוואַקאַאירט פון די גוטע מלאכים כאַפּען זיך אַמאָל אַריין בייזע טייוואַלים וואָס ברענגען צאנקערייען און קאָנפליקטען און מאַכען ביסלעכווייז חרוב אַט די שעהנע מיט אַזוי פיעל מיה געבויטע פאַנטאַסטישע וועלט; די הויז ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַן איינפאַכען גיהנום וואו מלאכי חבלה בושעווען רעכטס און לינקס און אין געוויסע פאַלען, ענדיגט זיך עס ליידער מיט חורבן, רואינירונג און צושיידונג.

געוויס איז עס ניט קיין כלל, און עס נעהמט אפילו אויך ניט אַריין קיין מאַיאָריזירטע צאָל פון די פאַרהייראַטע פאָרלאַך. איין זאַך אָבער איז זיכער. אַז די שטאַרקע און זיסע ליעבע פון דער פאַר׳קנסונג עפּאָכע, קען באַין אופן ניט דינען אַלס גאַראַנטי אַז אַזוי וועט עס אויך אָנגעהן אין דעם פאַרהייראַטען לעבען.

און צוליב דעם טאַקע קומט דער „וארשתיך לי לעולם" אַלס וואָרנונג און וואונש אַז די ליעבע פון דער צייט פון וארשתיך, פון דער פאַר׳קנסונג, זאָל אויך זיין לעולם, אַן אייביג דויערהאַפטיגע און אַז דער פאַרהייראַטער לעבען זאָל זיין געבויט אויף די יסודות פון דעם פאַר׳קנסטען לעבען, אַ וואונש און אַ ברכה וועלכע פאַסען זיך טאַקע אַריין ביי דער געלעגענהייט פון אַ תנאים פייערונג.

די וויטערדיגע זאַצען געהען שוין אין דער זעלבער ריכטונג און אין זעלבען גייסט ווי זיי זיינען געמיינט געוואָרען פון דעם נביא אין באַצוג צו די פאַר׳קנסונג צווישען די שכינה און כנסת ישראל.

לעולם!

די טרייהייט און איבערגעבענהייט פון איינעם צו אַנדערען דאַרף זיין אַן אייביגע און דאַרף ניט זיין אונטערוואָרפען געוויסע לעבענסבאַדינגונגען.

בצדק ובמשפט; בחסד וברחמים!

סיי ווען דער לעבען געהט זיך אוועק גוט; די האַנט פון חסד און רחמים האָט זיך אויסגעשטרעקט אין דער פאַמיליען הויז און אַלץ געהט כשורה; אַזוי מיט דער פרנסה, אַזוי מיט דער אויפציהונג פון קינדער און

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אַזוי מיט אַלע אַנדערע לעבענס באַקוועמליכקייטען; און סיי ווען עס איז חלילה „בצדק ובמשפט״, דער גורל איז ניט אַזוי חסד ורחמים׳דיג, עס איז מעהר משפט׳דיג, די זון ווייזט ניט אַזאַ פרעהליכען פנים — אין אַלע פאַלען זאָל הערשען יענע ליעבע פון דער „וארשתיך תקופה״...

וארשתיך לי באמונה!

אמונה, קאָנפידענציאַנעלע באַציהונגען און אויפריכטיגע טרייהייט פון איינער פום אַנדערען, דאַרפען זיין דער דאָמינירענדער כח אין דעם פאַמיליען לעבען.

און, ועל כולם, איז דאָ נאָך אַ פונקט, אַ עיקר שבעיקרים, און דאָס איז: —

וידעת את ה׳!

בעת עס וועט קומען צו דער חתונה און ביי דער חופה וועט דער חתן זאָגען צו דער כלה: הרי אַת מקודשת לי, זאָל ער ביים זאָגען דעם לי, געדענקען אַז דאָס איז דער געטליכער אויסדרוק בעת די חופה מיט כנסת ישראל וואו עס האָט זיך געהערט דער „והייתם לי סגולה מכל העמים״, און פאַר וועלכעס עס איז געוועזן אַ תנאי מוקדם, פאַרבאַדינג פון: „והיה אם שמע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי״...

אויך ביי דעם דאַזיגען „הרי את״ מוז דער „לי״ געהן בסמיכות מיט׳ן „מקודשת״, אַ לי וואָס זאָל זיין באַזירט אויפ׳ן מקודשת, דורכגעדרונגען מיט קדושה, אַ לעבען וואָס זאָל זיין הייליג און געבויט אויף די יסודות פון „כדת משה וישראל״; און נור דעמאָלט ווען עס וועט זיין „איש ואשה שכינה שרויה ביניהם״, ווען מען וועט אַריינעהמען די שכינה אַלס דריטען שותף אין דעם פאַמיליען לעבען, וועט עס זיין אַ זיכערע גאַראַנטי אויף אַן אמת גליקליכען און דויערהאַפטיגען צופרידענעם לעבען.

דער וארשתיך לי איז דער פראָלאָג און דער מקודשת לי איז דער עפּילאָג אוןביידע צוזאַמען בויען אויף דעם פאַרהייראַטען לעבען, אויף געזונטע און שטאַרקע יסודות.

דער לי איז די פאַרזיכערונגס פאָליסי אויף דעם לעולם, און ביידע דאַרפען שלאָגען זייערע וואָרצלען אין דעם — וידעת את ה׳!!

מזל טוב

(לחתונה)

ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם.
(במדבר ו׳־כ״ז)

ברכות און ווינשעוואַניעס צו אַ געלעגענהייט פון אַ שמחה איז זעהר אַ שעהנע און עטישע זאַך. עס איז אַן אויסדרוק פון פריינדשאַפט מצד דעם ווינשער און שאַפט דאַדורך געגענזייטיגע פריינדשאַפט פון דעם צווייטען זייט און עס שמידט זיך אַזוי אַרום די קייטען פון אחדות און שלום צווישען אידען וואָס איז אַ הויפט יסוד אין אידישען לעבען.

פון אַט דעם שטאַנדפונקט איז ניט קיין אונטערשייד ווער דער מענש און מזל טוב באַגריסער איז און עס איז אַלץ איינס צו ער באזיצט דעם כח אַז זיינע ברכות זאָלען מקוים ווערען, צי ניט. דען דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען די פאַרווירקליכונג פון דער ברכה נור פון דעם עצם געבען די ברכה וועלכעס איז אַן און פאַר זיך גענוג אויף צו שאַפען דעם גוטען ווילען און די געגענזייטיגע פריינדשאַפט צווישען ביידע צדדים.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ מין ברכה וואו עס ווערט שוין יאָ געלעגט די געוויכט אויף דעם בעל הברכה און עס מאַכט שוין יאָ אַן אונטערשייד ווער עס גיט די ברכה. דאָס איז אין פאַל וואו די ברכה קומט ניט בלויז פון יוצא וועגען, און איז ניט בלויז אַן אויסדרוק פון גוטען ווילען און פון פריינדשאַפט נור טאַקע פון פראַקטישע ווירקליכקייט; עס איז ניט דאָס בענטשען אַליין, נור די פאַרווירקליכונג פון דער ברכה.

אין אַזאַ פאַל געווענדט זיך שוין היבש אַן דעם ווער דער בענטשער איז, דען ניט אַלע האָבען אַזאַ גרויסען זכות אַז זייערע ברכות זאָלען מקוים ווערען, דאָ דאַרף מען שוין זיין בבחינת צדיק, אַ ניצוץ פון אברהם אבינו צו וועמען השי״ת האָט געזאָגט: „והיה ברכה״! און מיט רש״יס אויסטייטשונג

אַז — „מכאן ואילך הברכות מסורות בידיך״, אַ פאַרזיכערונג אַז ווען ער וועט בענטשען זאָל די ברכה מקוים ווערען.

דערפון דאָס לויפען צו אַ צדיק כדי מקבל צו זיין אַ ברכה פון איהם; נור צו איהם, צום צדיק, לויפט מען נאָך אַ ברכה און ניט צו אַבי ווען, ווייל אין אַזאַ פאַל מיינט מען תכלית, צוועק און ניט סתם לפנים וועגען.

למען האמת דאַרף אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז ניט אַלעמאָל איז מען פאַרזיכערט מיט׳ן קיום הברכה אפילו ווען די ברכה ווערט געגעבען פון אַ צדיק; עס איז אַ סך מאָל אויך פיעל אָפּהענגיג אין דעם מקבל הברכה, עס איז ניט בלויז דאָס געבען די ברכה נור אויך דאָס נעהמען די ברכה, דען פאַר יעדער זאַך וואָס מען גיט, דאַרף אויך זיין אַ האַנט וואָס נעהמט, און ווען עס פעהלט די דאָזיגע האַנט אויף צו נעהמען, העלפט דאָך ניט וואָס ס׳איז דאָ אַ געבער...

האָבען דאָך טאַקע אונזערע חכמים געזאָגט: „לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום״. כביכול, דער רבונו של עולם איז דאָך אודאי דער בעסטער מברך, ער איז דאָך דער מקור הברכות, און דאָך אַז ער דאַרף אַראָפּשיקען זיין ברכה, זוכט ער אויך פריהער דעם מקבל הברכה, ער זוכט די כלי וואוהין די ברכה אַריינצוגעבען, עס מוז זיין אַ גאַנצע כלי וואו די ברכה זאָל זיך קענען האַלטען, עס זאָל ניט אויסרינען, אַ כלי וואָס זאָל זיין מחזיק ברכה; און ווען עס האַנדעלט זיך אין אַ קאָלעקטיווע ברכה פאַרן גאַנצען כלל ישראל, דאָרט איז די דאָזיגע כלי דער שלום, ווייל דאָרט וואו עס איז דאָ שלום און אחדות, איז דאָך דאָ גאַנצקייט; עס איז ניטאָ קיין שפּאַלטען אין פאָלק, אַלע זיינען פאַראייניגט ווי איין גאַנצע זאַך און ממילא קען זיך די ברכה אויפהאַלטען ביי זיי.

דאָס צייגט אָבער על כל פנים, אַז ניט ווייניגער וויפיל מען קוקט אויף דעם וואָס גיט די ברכה, דאַרף מען אויך קוקען אויף דעם וואָס נעהמט די ברכה, אַז ער זאָל האָבען מיט וואָס צו נעהמען און אין וואָס צו נעהמען...

אַ צדיק האָט טאַקע אַ זכות וואָס מען קען זיך אויף איהם אָנשפּאַרען, אָבער „מי לנו גדול מזכות אבות״, זכות אבות איז דאָך אַודאי אַ גרויסער זכות, און דער „זכור לנו ברית אבות״ איז דאָך פון אייביג אָן דער רוקענביין אויף וועלכען אַלע אונזערע תפלות און בקשות ווערען אָנגעשפּאַרט; און

פונדעסטוועגען ווען די תורה אַליין רעדט וועגען דעם דאָזיגען זכות, זאָגט זי: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם", און דאָ לאָזט זיך פרעגען אַ צווייענדיגע קשיא: ערשטענס, פאַר וואָס געהט דער סדר פון אונטען אַרויף און ניט פון אויבען אַראָפּ, פאַר וואָס הויבט די תורה אָן מיט יעקב'ן און ניט מיט אברהם'ען? צווייטענס, פאַר וואָס איז דער אויסדרוק „ואף" סיי אויף יצחק'ן און סיי אויף אברהם'ען: „ואף" מיינט דאָך אַ לשון „אפילו", וואָס שאַפט דעם איינדרוק ווי דער זכות פון יצחק'ן און אברהם'ן וואָלט ניט געווען אַזוי גרויס ווי דער פון יעקב'ן, נור „אפילו" זייערע זכותים וועלען זיך אויך צורעכענען, דאָס לאָזט זיך דאָך אָבער ניט זאָגען ווען עס רעדט זיך פון די זכותים פון אברהם ויצחק, די ערשטע צוויי פון אונזערע אבות העולם?

איין קשיא ווערט אָבער פאַרענטפערט מיט דער צווייטער, און ביידע לאָזען זיך אויפקלעהרען מיט דעם דערמאָנטען געדאַנק אַז ווי גרויס דער אויף וועמעס זכות מען זוכט זיך צו שטיצען זאָל ניט זיין, איז עס אַן און פאַר זיך ניט גענוג, ווייל דער בעל הזכות איז בלויז דער געבער און צום געבער מוז מען אויך האָבען אַ נעהמער.

יעקב איז דער אייניקעל וואָס האָט די זכותים פון גרויסען טאַטען און פון גרויסען זיידען; ווייל אָבער די תורה אונטערשטרייכען אַז אויב יעקב וואָלט קיין אייגענעם זכות גאַרניט געהאַט און וואָלט זיך אין גאַנצען געדאַרפט פאַרלאָזען אויפ'ן טאַטען מיט'ן זיידען, וואָלט עס ניט געטויגט; פאַרקעהרט גאָר, אָנהויבען דאַרף זיך עס דוקא מיט יעקב'ן, דער מקבל הברכות, צום אלעם ערשטען דאַרף מען זעהן עס זאָל זיין „ויבא יעקב שלם", יעקב אַליין דאַרף זיין גאַנץ, אַ כלי שלם, עס זאָל זיין אַוואו די ברכה זאָל קענען אַריינ־קומען, און ערשט דעמאָלט איז, ואף את בריתי יצחק, ואף את בריתי אברהם; אויב עס איז דאָ יעקב'ס זכות אויף נעהמען די ברכה, קען מען שוין דערנאָך צוטרעטען אויך צו יצחק'ן און אויך צו אברהם'ן אלס די געבער פון דער ברכה...

ריכטיג ווייזט אָן הרב עמיאל אין זיין „דרשות אל עמי" אויף דעם אויסדרוק: „אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו": „ירושה", וואָס מיינט זכות אבות, ווערט איבערגעלאָזט אויפ'ן סאָמע לעצט,

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

פריהער דאַרף מען קעמען זאָגען מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו, אונזער אייגענער חלק און אונזער אייגענער גורל דאַרף זיין טוב ונעים, און ערשט דאַן קען מען אויך זאָגען, מה יפה ירושתנו...

היוצא לנו מזה, אַז אין דער פּאַרווירקליכונג פון אַ ברכה, שפּילען ביידע אַ באַדייטענדע ראָלע, דער בענטשער און דער געבענטשטער, דער ערשטער דאַרף זיין ראוי צו געבען די ברכה און דער צווייטער צו נעהמען די ברכה.

די דאָזיגע צוויי ראָלען זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף אַ טרעפליכען אופן אין דער אָריגינעלער ברכה פון ברכת כהנים.

די כהנים זיינען די בענטשערס און דאָס פאָלק, די געבענטשטע, און ביי ביידע ווערט דער דאָזיגער מאָמענט פון „ראוי" שטאַרק אָקצענטירט.

די אַרט און וויזע פון דער פּראָצעדורע פון ברכת כהנים צייגט עס אונז. איינדרוקספול זיינען די הכנות פון די כהנים איידער זיי געהען אַרויף לדוכן. פריהער מוזען זיי וואַשען זייערע הענט; זיי מוזען אויך אויסטאָן די שיך, אַ דערמאָנונג אין דעם: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא"; זיי דעקען איבער דעם קאָפּ מיט'ן טלית, ניט צו זעהן קיין אַנדער געגענשטאַנד וואָס קען שטערען זייערע קאָנצענטרירטע מחשבות; זיי הויבען אויף זייערע הענט אין דער הויך אַן אַנדייטונג אויפ'ן הימעל פון וואַנען די ברכות דאַרפען גוט געהייסען ווערען; מיט דעם גיבען זיי אויך אַ רמז צום פאָלק אַז אויך ער, דאָס פאָלק, דאַרף זיין אַ „מכוון את לבו לשמים".

און ערשט דאַן קומט דער קלימאַקס פון די ברכת כהנים וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם שלוס פּסוק:

ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם!

רש"י קאָמענטירט דערויף: „ואני אברכם לישראל, ואסכים עם הכהנים".

צוויי זאַכען ווערען פאָלגליך דערמאָנט אין דעם דאָזיגען פּסוק, איינס, וואָס באַציהט זיך אויף די כהנים אַליין, און איינס וואָס באַציהט זיך אויף ג-ט, „ושמו את שמי", רעדט וועגען די כהנים און „ואני אברכם" רעדט שוין פון דער געטליכער הסכמה.

און דער ערשטער טהייל פון „ושמו את שמי על בני ישראל" איז ווי

מזל טוב

אַ פאַרבאַדינג צום „ואני אברכם", כדי צו קריגען די געטליכע הסכמה אויף דער ברכה, דאַרפען די כהנים צוערשט מאַכען דאָס פאָלק ראוי לברכה; זיי דאַרפען אַריינברענגען געטליכקייט אין די הערצער פון פאָלק, דאָס פאָלק זאָל דורכגעדרונגען ווערען מיט געטליכע אמונה, אַזוי אַרום וועלען זיי ווערען ראוי לברכה און עס וועט קומען דער „ואני אברכם".

דאָס דאָזיגע דאַרפען האָבען אין זינען אויך די גייסטיגע מנהיגים יוען אויף זייער גורל פאַלט אויס צו זיין די בענטשערס צו חתן־כלה, אונטער דער חופה, און מעהרערע באַנוצען זיך טאַקע מיטן טעקסט פון ברכת כהנים, וועלכער ליפערט ווירקליך די בעסטע ברכה מאַטעריאַל ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט, אויב נור מען איז צום דאָזיגען טעקסט אויך מצרף די ריכטיגע כונה.

לויט חז"ל איז די ברכת כהנים געווענדעט סיי צום מאַן און סיי צו דער פרוי.

חז"ל זאָגען: כה תברכו את בני ישראל, נשים מנין? עס שטעהט דאָך בני ישראל, אַן אויסדרוק וואָס אַנדערשוואו שליסט עס אויס פרויען, ווי למשל ביים „אמור אל הכהנים בני אהרן" וואו די דרשה לויטעט: בני אהרן, ולא בנות אהרן, טאָ פונוואַנען ווייסען מיר אַז מיט דעם „בני ישראל" פון ברכת כהנים איז ניט אַזוי דער פאַל?

דאַרויף קומט דער ענטפער: „תלמוד לומר אמור להם", און וואַרשיינליך האָבען חז"ל דאָ געמיינט צו אַקצענטירען דאָס וואָרט „אמור", לשון אמירה וואָס איז אַ באַשטימטער טערמין וואָס ווערט באַנוצט פאַר פרויען, ווי עס איז באַוואוסט די דרשת חז"ל אויפ'ן פסוק: „כה תאמר לבית יעקב ותגד לבני ישראל" — „לבית יעקב אלו הנשים" פאַר וועמען עס ווערט גענוצט דער תאמר.

די ברכה איז פאַלגליך געריכטעט סיי צום חתן און סיי צום כלה, אָבער דאָס איז ניט בלויז אַ ברכה אַליין נור אַ ברכה מיט אַ פירוש, אַ פירוש וואָס לערנט פשט אין די ברכה און ווייזט אָן דעם וועג ווי אַזוי צו זעהן אַז די ברכה זאָל טאַקע מקוים ווערען.

מיר האָבען אויבען דערמאָנט דעם מאמר פון: „לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום", און וואו נאָך מעהר ווי אין אָט דעם פאַל

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

פון אַ ניי־געבויטעט פאַמיליע לעבען איז אַזוי נויטיג דער שלום אַלס יסוד פאַר אַ גליקליכען געבענטשען פאַמיליע לעבען?

און דערפאַר גלייך נאָכדעם ווי מען אַדרעסירט זיך מיט דעם כה תברכו את בני ישראל, געריכטעט צום חתן, און אמור להם, געריכטעט צו דער כלה, קומט דער יברכך וואָס איז אַ לשון יחיד כדי אונטערצושטרייכען אַז טאַקע אין דעם „יברכך״ גופא, ליגט אויך דער שליסעל צו זיין דורכפיהרבאַרקייט, אויב עס וועט זיין ביי חתן־כלה אַ „לשון יחיד״, זיי וועלען לעבען אין אחדות. עס וועט הערשען האַרמאָניע אין זייער פאַמיליען לעבען, דאַן וועט טאַקע זיין אַ יברכך, די ברכה וועט אויספילען אַלע ווינקעלאַך פון זייער בשותפות׳־דיגע הויז.

און די ברכה וועט זיין אַ ברכה „מיט אַלע מפרשים״; עס וועט זיין אַ „יברכך בבנים״, די חתונה וועט דערגרייכען איהר הויפט ציעל פון אויפ־בויען אַ שעהנעם גליקליכען פאַמיליע לעבען, אַ לעבען פון „יברכך בבנים״; און — „יברכך בממון״ וואָס איז אויך אַ הויפט יסוד פאַר אַ גליקליכען פאַמיליע לעבען, ווען דער עקאָנאָמישער צושטאַנד איז אַ געראַטענער, און אַט די צוויי זאַכען, די צוויי ברכות פון יברכך בבנים און יברכך בממון, זיינען ביידע אַ גוטע גאַראַנטי אויפ׳ן „וישם לך שלום״; אויף בנים האָבען חז״ל געגעבען די מליצה אַז „ווען עס איז דאָ אַ קינד אין הויז, איז עס אַ גוטע פאַרזיכערונג פאַר דער פרוי אויסצומיידען דעם מאַנס כעס אין פאַל ווען עס טרעפט עפּעס אַ שאָדען אין הויז; די פרוי האָט דעמאָלט אַ גוטען אויסרייד אָרויפ־צוּוואַרפען די שולד אויפ׳ן קינד, אַז דאָס קינד האָט דעם שאָדען געמאַכט״...

אויף בממון, האָבען חז״ל געזאָגט: „כד משלם שערי מכדאי רמא תגרא בביתא״, וואָס מיינט אַז דעמאָלט ווען די גערשטען זיינען יאָ דאָ אין קרוג, דעמאָלט ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ צופרידענשטעלענדע, דעמאָלט הערשט אויך דער שלום אין הויז.

אָבער כדי זוכה צו זיין צו די דאָזיגע ברכות, מוז מען אַלץ אָנקומען צום „ושמו את שמי על בני ישראל״ ג־ט׳ס נאָמען טאָר ניט פאַרשוואונדען ווערען פון דער פאַמיליע הויז; פון סאַמע שוועל פון הויז ביז די סאַמע אינעווייניגסטע חדרים, דאַרף אויף אַלץ ליגען דער געטליכער שטעמפּעל. ביים שוועל — די מזוזה; אין קיך און אין עס־צימער — די אָפּגעהיטע

מזל טוב

כשרות; אין שלאָף־צימער — די ריינליכקייט פון טהרת המשפחה; אין ביבליהאָטעק צימער — דער טלית און תפילין, תנ״ך, תלמוד און אַנדערע ספרי קודש, און דעמאָלט וועט זיין — ואני אברכם, די געטליכע ברכה וועט אויספילען די גאַנצע הויז.

מיט אָט די געדאַנקען דאַרף די ברכת מזל טוב געליפערט ווערען צו חתן־כלה, וועט עס דאַן זיין ניט בלויז אַ פאָרמאַלנע ברכה, אַ ברכה פון יוצא וועגען, נור אַן אמת׳ע ברכה וואָס איהר פאַרווירקליכונג איז פאָראויס געזיכערט.

מזל טוב!!

לברית מילה

ואומר לך בדמיך חיי;
ואומר לך בדמיך חיי.

די ערשטע שמחה אין פאַמיליען לעבען ווען דער בונד פון הייראַט הויבט אָן צו צייגען די ערשטע פרוכט, איז דער געבורט פון אַ קינד, ווען מיט זיין אָנקום קומט דעם ערשטער שטראַל פון פרייד אין די פאַמיליען הויז און פאַרשטאַרקט און באַפעסטיגט דעם צוזאַמענלעבען פון דער דאָזיגער פאַמיליע.

עס איז ניט אָפּצושאַצען דעם נחת פון טאַטע־מאַמע ווען זיי דערלעבען דעם דאָזיגען גליקליכען מאָמענט צו קענען אָנגערופען ווערען מיט די דאָזיגע נעמען: טאַטע — מאַמע!

ביז יענעם מאָמענט פיהלט מען זיך נאָך אַליין ווי קינדער; עס פעהלט נאָך עפּעס צו די מענשליכע שלמות; מען האָט נאָך ניט דערגרייכט קיין פאָלקאָמענהייט; מען איז נאָך אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

אַזוי שנעל אָבער ווי דאָס קלייניקע נפש׳ל האָט דערזעהן די ליכט פון דער וועלט, איז דער פּראָצעס ווי פאַרענדיגט. ניט נור געפינט מען אין געבוירענעם קינד דעם צוגעקומענעם נפש, נור די עלטערען געפינען זיך אַליין אויך אַלס ניי געבוירענע נפשות; זיי זיינען איצט ניט מעהר דאָס וואָס זיי זיינען געווען ביז איצט. און דאָס איז דאָך טאַקע אמת אויך. ביז איצט זיינען זיי בלויז געווען מאַן און ווייב, איצט אָבער זיינען זיי געוואָרען טאַטע־מאַמע, נייע נעמען וואָס ברענגען מיט זיך נייעם פרייד און אויך נייע זאָרג, נייע פאַראַנטוואָרטליכקייט און נייע פליכטען.

דאָס דאָזיגע באַציהט זיך נאַטירליך צום געבורט פון סיי וועלכע עס איז קינד, צי אַ אינגעלע, צי אַ מיידעלע. עס איז אָבער אַן אָנגענומענע זאַך אַז מיט׳ן געבורט פון אַ זוהן איז די שמחה פיעל גרעסער. איז עס ניט דערפאַר וואָס מען באַטראַכט די טאָכטער פאַר מינדערוויכטיגער און קלענער

לברית מילה

אין חשיבות פון דעם זוהן, נור דערפאַר וואָס דער זוהן איז דער שטאַרקערער און מעהר אָבליגירטער צו די פליכטען פון לעבען, און איז אַלס אַזעלכער דער אַזוי גערופענער „טראַהן־נאַכפאָלגער״ פון דער דאָזיגער פאַמיליע און רופט דערפאַר אַרויס אַביסעל מעהר דרך ארץ...

דאָס איז איינע פון די נאַטור געזעצען צו האָבען מעהר אפשיי פאַר דעם שטאַרקערען; דער העלד רופט אַרויס מעהר יראת הכבוד און דער דאָזיגער געזעץ פונקט ווי אַלע אַנדערע נאַטור געזעצען לאָזט זיך ניט באַקעמפפען; די נאַטור איז שטאַרקער און מעכטיגער פאַר אַלע אַנדערע געקינסטלעטע וואָפען...

האָט די וועלט אפילו געמעגט דערגרייכען דעם העכסטען שטאפעל פון ציוויליזאַציע און די דאָזיגע ציוויליזאַציע האָט טאַקע געמעגט אַרויפשטעלען די פרוי אויף דער סאַמע הויך און איהר אָפּגעבען די גאַנצע מזרח וואַנט מיט דער באַקאַנטער מאָדערנער לאָזונג פון „ליידיס פוירסט״; איז דאָס אָבער אַלץ בלויז אין באַצוג צום כבוד פון דער פרוי, צו דאַמען עהרע, אָדער אפילו אין וואָס אנבאַלאַנגט גלייכע בירגערליכע און ציווילע רעכטן; ווען עס קומט אָבער צו עהרן פורכט, דאָ איז שוין עפּעס אַנדערש. כבוד און יראת־הכבוד, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען; און אויב די נאַטור האָט פאַרט געמאַכט דעם מאַן שטאַרקער פאַר דער פרוי, מוז דער מאַן אומבאַדינגט ערווערבען פאַר־זיך אַ מעהר אַנגעזעהענע פּאָזיציע אין לעבען ווי די פרוי.

די נאַטור האָט חלילה קיינעם ניט געקריוודעט, די פרוי האָט זי צוגעטיילט צו זיין דער „מין היפה״, דערפאַר איז זי אָבער דער „מין החלש״, דער שוואַכער געשלעכט; דעם מאַן ווידער האָט די נאַטור באַרויבט פון געהערען צום מין היפה, האָט זי איהם דערפאַר צוגעטיילט צו זיין דער „מין החזק״, און דערפאַר האָט יעדערער פון זיי אי אַ פאַרצוג און אי אַ ריקצוג; כבוד, איז דער פאַרצוג פאַר׳ן מין היפה, יראת הכבוד, איז דער פאַרצוג פאַר דעם מין החזק.

דער אונטערשיער פון דעם מין החלש און דעם מין החזק קריגט טאַקע אויך אַ סימבאָלישען אויסדרוק גלייך ביי זייער אַריינטרעטען אין טאַטע־מאַמעס הויז. דער „וועלקאָם האום״ וואָס ווערט זיי געגעבען אונטערשיידעט זיך היבש מיט זייער ארט און ווייזע און כאַראַקטער; דער קבלת פנים צום

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

שטאַרקען איז אין גאַנצען אַנדערש ווי דער קבלת פנים צום שוואַכען. דער לעצטער באַקומט זיין „איינטריט קאַרט" פיעל לייכטער ווי דער ערשטער; מען שטעלט איהם ניט קיינע באַדינגונגען און קיינע פאָדערונגען, וועהרענד דער ערשטער, דער זוהן, ווערט שוין ניט אַזוי לייכט אַקצעפטירט אין דער אידישער הויז. עס ווערט איהם געשטעלט אַזאַ פאָדערונג אין וועלכע מען לאָזט אים גלייך פיהלען אַז ער איז אַ העלד און אַלס אַזעלכער דאַרף ער גלייך באַווייזען זיין מענערשע העלדישקייט...

די דאָזיגע העלדישקייט קומט צום אויסדרוק אין דעם ברית־מילה פראָצעס.

אַזוי שנעל ווי דאָס קליינע נפש׳ל דערגרייכט זיין אַכטען טאָג פון זיין געבורט, פאָדערט מען שוין פון איהם אַ טהייל פון זיין בלוט...

ואומר לך בדמיך חיי!

אויבענאויף קוקט עס אויס אַביסעל אומפאַרשטענדליך; עפּעס שטימט עס ניט מיט׳ן כאַראַקטער פון די עלטערען. די אַרט און ווייזע פון זייער צערטליכקייט און באַנעהמונג צו זייער ניי געבוירענעם זוהנ׳על, איז דורכ־אויס אין סתירה און קאָנטראַסט צום צערעמאָניאַלען טעקס פון ברית־מילה.

עס איז קיין ספק ניט אַז ווען מען זאָל קומען צו טאַטע־מאַמע מיט אַן אנבאָט פון מיליאָנען אַז זיי זאָלען פאַרקויפען זייער קינד, וועלען זיי דעם אנבאָט גלייך אָפּוואַרפען מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אפילו ווען זיי זאָלען זיין די אָרעמסטע מענשען אין דער וועלט.

דאָס גלייכען וועט דער מינדעסטער קרעכץ פון קינד, זיי שרעקליך באַאומרוהיגען און זיי פיעל צער פאַרשאַפען.

און ווען עס קומט די שטונדע פון „ברית", די האָספּיטאַל־נוירס ברענגט אַראָפּ דאָס קינד און באַשעפטיגט זיך דערמיט מיט די נויטיגע הכנות צום ברית, זאָל דעמאָלט עפּעס פּאַסירען און דורך אַ אומפאָרזיכטיגקייט זאָל זי מיט דער „זיכער שפּילקע" אַ שטאָך געבען דאָס קינד און עס זאָל זיך באַווייזען זאַגאַר איין איינציגער טראָפּען פון בלוט, ווי צושראָקען וואָלטען טאַטע־מאַמע געוואָרען און ווי שרעקליך אויפגעבראַכט זיי וואָלטען געוואָרען אויף דער נוירס פאַר איהר אומפאָזיכטיגקייט.

לברית מילה

דאָס אַליץ ציַיגט דאָך ווי ווייט טאַטע־מאַמע ציטערען איבער זייער קינד אַז עס זאָל עס חלילה קיין בייז ניט געשעהן און אַז אַן איינציגער בלוט־טראָפּען קען זיי פון געדולד אַרויסברענגען.

און דאָך אַזוי שנעל ווי דער מוהל באַווייזט זיך מיט זיין שאַרפען מוהל־מעסער, אָנגעטאָן אין זיינע אָפּעראַציאָנס קליידער און גרייט צו דער אַרבייט... גיבען די זעלבע טאַטע־מאַמע גלייך איבער דאָס קינד אין זיין רשות אָהן פּראָטעסט און אָהן אָפּוועהרונג, און יענער שניידט, רייסט און צופּט; דאָס קינד פאַרגעהט זיך אין געוויין; דער טאַטע שטעהט דערביי און מיט אונ־ענדליכע פריידע און מאַכט מיט התלהבות די ברכה: „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו” וואָס ווערט באַגלייט מיט הילכיגע מזל טוב׳ס פון אַלע אַנוועזענדע און דערגענצט מיט היבשע „לחיים׳ס” און מיט אַ גרויס־ארטיגע סעודה.

טאָ מיט וואָס לאָזט זיך דער דאָזיגער קאָנטראַסט ערקלעהרען? ווי אַזוי האַרמאָנירט די צושראַקענקייט פון טאַטע־מאַמע צוליב איין טראָפּען בלוט וואָס ווערט צוגענומען ביים קינד פאַר אָדער נאָך דעם ברית און די היבשע בלוט פאַרציע ביים ברית, פּראָטעסט און נערוועזיטעט אין ערשטע פאַל, און שמחה און צופרידענהייט אין צווייטען פאַל?

ואומר לך בדמיך חיי!

אָט אין דעם קורצען פסוק וואָס איז אַריינגעפלאָכטען אין די תפלה וואָס באַגלייט די ברכות פון נאָכ׳ן ברית, ליגט דער ענטפער צו דער פראַגע.

און דער דאָזיגער ענטפער איז אַדרעסירט טאַקע צום העלד אַליין, צום גבור היום; ער איז אַדרעסירט צום קינד דערפאַר וואָס אינסטינקטיוו פיהלט מען אַז מעהר ווי צו אַלע אַנדערע איז מען שולדיג איהם דעם ענטפער, פאַר איהם דאַרף מען זיך אַנטשולדיגען, און די אַנטשולדיגונג דריקט זיך אויס אין די צוויי ווערטער:

בדמיך חיי!

ברענג ניט אַרויס, טייער קינד, קיין אָנקלאַגע אויף דיין טאַטע־מאַמע; באַטראַכט ניט דעם מילה פראָצעס פאַר אַ ברוטאַלען אַקט. ניין, דו ביסט ביי דיינע עלטערען דאָס טייערסטע אין דער וועלט, ביסט זייער בן יקיר, זייער

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ילד שעשועים; דיין קרעכץ איז זייער קרעכץ, דיין וועהטאָג, זייער וועהטאָג, זייער ליעבע צו דיר איז אַן אומבאַגרענעצטע און אַן אומפאַרגלייכבאַרע.

אָבער דוקא דערפאַר וואָס זיי האָבען דיך אַזוי ליעב, דוקא דערפאַר וואָס דו ביסט ביי זיי דאָס טייערסטע אין דער וועלט, דוקא דערפאַר, ווילען זיי דיך ניט באַרויבען פון דער גרויסער פריווילעגיע דיך צו מאַכען פאַר אַ הונדערט פראָצענטיגען איד; די מתנה, די גרויסע מתנה, וואָס רופט זיך אידישקייט ווילען זיי דיר געבען בעין יפה און עס פאַרזיגלען מיט דעם אות ברית קודש.

בדמיך חיי!

צו זיין אַ איד, מיינט צו זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אידישקייט; אידישקייט קומט נישט אַן אַזוי גרינג; אידען זיינען אַ מאַרטירער פאָלק און דער פרייז פון אידישקייט איז דער העכסטער, ווייל אידישקייט אַליין איז דאָס העכסטע און דאָס גרעסטע און קיין פרייז איז ניט צו־גרויס צו צאָהלען דערפאַר.

דאָס ביסעלע בלוט וואָס מען נעהמט פון דיר איצט אַוועק, איז די שעהנסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דיין אָנגעהעריגקייט צו אָט דעם גרויסען פאָלק צו וועמען דו קומסט איצט אַריין אַלס מיטגליד. עס איז דער סימבאָל פון מסירות נפש אָהן וועלכעס מען קען קיין אמת׳ער איד ניט זיין.

קיים את הילד הזה לאביו ולאמו!

דער קיום פון קינד, זיין עקזיסטענץ אַלס איד, זאָל זיין לאביו ולאמו, לויט׳ן באַגעהר און וואונש פון טאַטע־מאַמע, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער אידישער טראַדיציע פון אייביגע דורות.

ויקרא שמו בישראל!

צו ערווערבען זיך אַ נאָמען סתם מיינט נאָך ניט אַז מען קען מיט דעם דאָזיגען נאָמען שטאָלצירען, דען אויך באַריהמטע גנבים, גענגסטער, האָלד־האָפּניקעס, שקרנים, קמצנים אד״ג, ערווערבען זיך גרויסע נעמען, אויך זיי ווערען וועלט באַריהמט און פאַרנעהמען פון צייט צו צייט דעם אויבענאַן אויף די פראָנט־פּיידזשעס פון די צייטונגען...

אָבער ניט צו אַזאַ סאָרט באַריהמטקייט שטרעבען טאַטע־מאַמע. דעם נאָמען צו וועלכען זיי שטרעבען איז, שמו בישראל, אַ נאָמען אויף וועלכען

לברית מילה

ישראל קען שטאָלץ זיין; אַ נאָמען פון באַרוף אַלס גרויסער תלמיד חכם; גרויסער ירא שמים, באַריהמטער בעל צדקה און פילאַנטראָפּ; אַ נאָמען וואָס דריקט אויס כאַראַקטער, מענשליכקייט, געוויסען און עהרנהאַפטיגקייט, אַ נאָמען וואָס זאָל זיין לשם ולתפארת בישראל, דאָס איז די שטרעבונג און דאָס איז דער ציעל, און דאָס אַלץ ווערט פאַרזיגעלט מיט דעם אות ברית קודש, און דערפון די גרויסע שמחה פון טאַטע־מאַמע וועלכע ווערט באַגריסט מיט אַ האַרציגען מזל־טוב.

ואומר לך בדמיך חיי!!

לפדיון הבן

קדש לי כל בכור
(שמות)

עס איז קיין ספק ניט אַז די גרעסטע שמחה ביי טאַטע־מאַמע איז די וואָס קרוינט זיי מיט דעם דאָזיגען נאָמען — טאַטע־מאַמע, און מיט אַט דעם נאָמען ווערען זיי טיטולירט ביי זייער ערשט־געבאָרענעם קינד.

און גאָר גרויס איז זייער שמחה ווען דאָס ערשט־געבוירען קינד איז אַ זוהנ׳עלע. עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דיסקוטירען דעם דאָזיגען געגענשטאַנד און אָנגעבען די אמת׳ע אורזאַך פאַר וואָס גראַדע איז די שמחה גרעסער ביים געבורט פון אַ זוהן. מיר האָבען אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דיעזער ווערק זיך אָפּגעשטעלט מעהר באריכות דערויף. זיכער אָבער אַז דאָס איז ניט דערפאַר וואָס דער זוהן שטעהט ביי אונז העכער פאַר דער טאָכטער. מיר האָבען צעהנדליגע באַווייזע פון דער אידישער תורה אַז דאָס איז ניט אַזוי; אָבער וואָס די אמת׳ע סיבה זאָל ניט זיין, דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט און פאַקטען לאָזען זיך ניט דיסקוטירען. אפשר האָט עס אויך צו טאָן מיט׳ן פאַקט אַז דער ערשטער מענשענקינד וואָס איז באַשאַפען געוואָרען אדם הראשון, איז דאָך אויך געווען אַ זוהן.

אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ געוויסער פאַרצוג ביים געבורט פון אַ זוהן, אַ פאַרצוג וואָס די תורה גופא האָט געגעבען, איז עס ניט דער פאַרצוג פון אַ זוהן אויף אַ טאָכטער, נור טאַקע פון אַ זוהן אויף אַ זוהן, דער פאַרצוג פון אַן ערשט געבוירענעם זוהן איבער די ניט־ערשט־געבוירענע.

דעם ערשט געבוירענעם זוהן האָט די תורה טאַקע יאָ געגעבען אַ פאַרצוג; ער, דער בכור איז ווירקליך מעהר פריווילעגירט פאַר זיינע אַנדערע ברידער, איהם האָט דער אידישער געזעץ געגעבען מעהר זכויות און מעהר

לפדיון הבן

חשיבות אַזש אויף אַזוי ווייט צו קריגען אַ טאָפּעלעם חלק אין דער ירושה פון זיינע עלטערען.

אונזער תורה איז אָבער זעהר דעמאָקראַטיש אין איהרע געזעצען, און דערפאַר האָט זי אין דער אייגענער צייט דעם בכור אויך געגעבען מעהר חובות און האָט אַרויפגעוואָרפען אויף איהם מעהר אחריות, מעהר פאַראַנט־וואָרטליכקייט כדי עס זאָל אויף אַ דעמאָקראַטישען אופן באַלאַנסירען.

געווען אַ צייט ווען דעם בכור׳ס פליכטען האָבען זיך אויסגעדריקט אין זיינע גייסטיגע לייסטונגען. דער בכור האָט אין די ערשטע צייטען פאַר־נומען דעם פּלאַץ פון דעם כהן און אויף זיין גורל איז געפאַלען דורכצופיהרען אַלע ריטועלע חובות וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט די הייליגע גאָ־טעס דינסט, און אויב די דאָזיגע פליכטען זיינען שפּעטער פון איהם פאַר־ביטען געוואָרען מיט די כהונה ולויה, איז אָבער דער בכור נאָך אַלץ גע־בליבען הייליג לדור דורות. דער „קדש לי כל בכור״ איז אַן אייביגקייט, און די דאָזיגע קדושה קומט צום אויסדרוק אין די מצוה פון פדיון הבן: „ופדויו מבן חודש תפדה בערכך כסף חמשת שקלים.״

אַזוי לאַנג ווי מען האָט דעם בכור ניט אויסגעלייזט איז ער פאַררע־כענט אַלס געטליך־הייליג: „כי לי כל בכור״; „באדם ובבהמה לי הוא״.

און מיט דעם זין פון קדושה וואָס מיינט גיכער פליכטען ווי פּריווילעגיעס, לאָזט זיך גראַדע יאָ לאָגיש פאַרשטעהן פאַר וואָס דאָס דאָזיגע איז אַרויפגע־וואָרפען געוואָרען אויף דעם ערשט־געבוירענעם זוהן מעהר ווי אויף די אַנדערע שפּעטער־געבוירענע ברידער. ווען מיר שענקען אונזער בליק און באַאָבאַכטונג צו אונזער טראַדיציאָנעלען אידעען גאַנג, וועלען מיר זיך גלייך איבערצייגען אויף ווי ווייט ערשטיגקייט שפּילט אַזאַ גרויסע און באַדייטענדע ראָלע אויפ׳ן גאַנצען שטח פון אונזער טראַדיציאָנעלע אידיש־קייט. דער חותם פון אידישקייט איז אָפּגעזיגעלט געוואָרען אויף אַלץ וואָס טראָגט דעם חותם פון ערשטיגקייט; און דאָס דאָזיגע איז שטאַרק קענטיג אויף יעדען שריט און טריט פון דער אידיש־מענשליכער באַוועגונג.

גענוג אַ בליק צו טאָן אויף די אַל־טעגליכע אָרדענונג, דעם „סדר היום״ פון דעם איד׳ס לעבען כדי אין דעם זיך איבערצייגען.

אַזוי שנעל ווי דער איד עפענט אויף זיינע אויגען נאָך זיין נאַכט־

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

שלאָף, זאָגאָר נאָך אײדער ער פאַרלאָזט זײַן געלעגער, האָט איהם די טראַדיציע אונטערגעטראָגען די תפלה פון „מודה אני לפניך"; ער האָט נאָך נאָך קײן נעגעל־וואַסער ניט אָפּגעוואַסען און טאָר נאָך דעריבער ניט דערמאָנען קײן „שם ומלכות", אָבער אָט דעם קורצען לויב געזאַנג אָהן דעם שם ומלכות איז ער שוין מחויב צו זאָגען, דאָס דאַרף זײַן, זײַן ערשטער אײַנדרוק אויף זײַן טאָג טעגליכען לעבענס־שטײַגער.

ער שטעהט אויף און דאַרף זיך אָנקלײדען, האָט מען איהם גלײַך אונטערגעטראָגען דעם טלית־קטן מיט דער ברכה פון „על מצות ציצית" כדי אויך זײַן קלײדונג זאָל געהײליגט װערען מיט א דבר שבקדושה.

דאַן קומט דער דאַװנען. טאָרסט ניט שפּײַזען דעם גוף אײדער דו שפּײַזט די נשמה; די נאָהרונג פון גײַסט קומט פריהער פאַר די נאָהרונג פון קערפּער.

אָבער אָפּילו װען דו האָלסט שוין בײַם עסען, יענעם מאָמענט פאַרגעס ניט די נשמה; דאָס גשמיות׳דיגע גופא דאַרף אויף געהײליגט װערען; דאָס חולינ׳דיגע דאַרף אויך געטאָן װערען על טהרת הקודש; װאַש דײַנע הענט און הײליג זײ מיט דער „ברכה על נטילת ידים"; אײדער דו נעמסט דעם ערשטען ביסען אין מויל מאַך די „ברכת המוציא".

דו קומסט אַהײם נאָך אַ שװערען אַרבײַטס טאָג, דו נויטיגסט זיך אין אַביסעל רוה, אָבער צום אַלעם ערשטען מוזטו דײַן מנוחה פאַרװאַנדלען אין דײַן מנחה װאָס זאָל נאָכגעפאָלגט װערען מיט אַ תפלת מעריב און ערשט דאַן פראַװע זיך דײַן אָװענט סעודה און געה שלאָפען.

אָבער אָפּילו אין דעם סאַמען מאָמענט װאָס דו האָלסט בײַם שליסען דײַנע מידע אויגן, פאַרגעס ניט צו פאַרזיגלען דעם טאָג מיט דײַן „קריאת שמע של מטה" און צו הײליגען דײַן שלאָף מיט אַ „ברכת המפּיל".

פון דעם דאָזיגען סדר־היום איז צו זעהן װי יעדער ריהר פון דעם איד אין פאַרלויף פון זײַן רוטינעם אַרבײַטס טאָג מוז פריהער געהײליגט װערען מיט עפּעס גײַסטיגעס, דאָס גײַסטיגע קומט צום ערשטען; דאָס ערשטיגקײַט מוז טראָגען אויף זיך דעם חותם פון קדושה.

און פונקט װי דאָס ערשטיגקײַט איז געשטעמפּעלט מיט קדושה אין באַצוג צום איד, אַזוי איז עס אויך באַהויכט פון קדושה אין באַצוג צו די

געגענשטאַנדען מיט וועלכע דער איד קומט אין באַרהירונג. דערפון די אַלע מצוות וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די ערד פּראָדוקטען: פון ערשטען תבואה שניט דאַרף מען איבערלאָזען פאַה; מען דאַרף ברענגען בכורים; מען דאַרף אָפּשיידען תרומה און מעשר; פון די ערשטע אויסגעקנאָטענע טייג דאַרף מען אַראָפּנעהמען חלה. די ערשטיגקייט איז אויך חל אויף דער צייט: דער ערשטער טאָג פון יאָהר איז ראש השנה און דער ערשטער טאָג פון חודש, איז ראש חודש מיט זיין באַזונדער קרבן מוסף.

דער לייט־מאָטיוו פון אָט דעם אַלעמען איז דער גרונט געדאַנק אַז דער איד זאָל אַלעמאָל געדענקען דעם „כי לא בכחו ובעוצם ידו עשה לו את החיל הזה", אַז ניט מיט זיינע אייגענע פעהיגקייטען און חכמה האָט ער זיך ערוואָרבען זיינע מאַטעריעלע עררייכונגען, און אַז פאַר אַלעם דעם דאַרף ער לויבען און דאַנקען זיין אַלמעכטיגען באַשעפער.

דאָס איז דער הויפּט געדאַנק פון קדושת הבכורה סיי אין מענש, סיי אין די אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישען אָדער אין ניט־לעבעדיגע. דער „פרי בטנך", „פרי בהמתך" „ופרי אדמתך" זיינען אַלע איין דעמאָנסטריוועער אַקט וואָס ציעלט צו די אַנערקענונג פון געטליכע אמונה און געטליכע השגחה.

אין פאַל פון דער מענשליכער קדושת הבכור האָט עס אָבער אין זיך אויך אַן ערהאָבענעם געדאַנק פון אַן ערציהענשער באַדייטונג.

דער ערשט געבוירענער זוהן דאַרף דינען אַלס עקזעמפּעל און מאָדעל פאַר די נאָכפאָלגענדע קינדער. עס ליגט אין דער נאַטור אַז די קליגערע קינדער קוקען אימער אַרויף צום עלטסטען קינד און ער, דער עלטסטער, איז אַלעמאָל פאַר זיי דערביישפּיל און דאָמענדירענדער כח פון וועמען צו לער־נען און צו קאָפּירען.

דער בכור איז דעריבער דער יסוד און פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער פאַמיליען הויז און אין איהם איז אָפּהענגיג דער גאַנצער אויפבוי פון דער אידישער פאַמיליע הויז.

דער אונטערשיד פון קאָפּירען טאַטע־מאַמע און קאָפּירען דעם עלטסטען ברודער ליגט דערין וואָס וועהרענד אין ערשטען פאַל קומט עס מעהרס־טענטייל אויס מורא, קומט עס אין צווייטען פאַל אויס ליעבע; דער רעספּעקט

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

וואָס ווערט אַרויסגערופען פון עלטערען צו קינדער איז אַ רעזולטאַט פון דעם טאַטענס אָדער מאַמעס בליק וואָס וואַרפט אויף זיי אַן אַ שרעק; דער רעספּעקט צום גדול האחים איז אָבער אַ רעזולטאַט פון עהרן פורכט, פון יראת הכבוד; זיין לעבענס שטייגער איז פאַר זיי די וועגווייזונג און עס איז פאַר זיי אַ כבוד און אַ שטאָלץ זיך צו שטעלען אין דער זעלבער קאַטעגאָריע פון זייער עלטערען ברודער וועלכער איז ביי זיי אַ מין אומגעקרוינטער הערשער.

צוויי פּסוקים זיינען פאַראַן אין דער תורה וואָס האָבען צו טאָן מיט די באַציהונג פון קינדער צו עלטערען. זיי זיינען: 1) „כבד את אביך ואת אמך" און 2) „איש אמו ואביו תיראו"; דער ערשטער רעדט וועגען כבוד און רעס־פּעקט און דער צווייטער וועגען מורא.

זיינען דאָ אויפפאַלענד צוויי ענדערונגען אין דיביידע פּסוקים וואָס מאַנען אַ געוויסע באַלייכטונג. ראשית דאָס וואָס אין ערשטען פּסוק קומט דער „כבד" פריהער און דער „את אביך ואת אמך" שפּעטער, וועהרענד אין צווייטען פּסוק איז פאַרקעהרט, פריהער דער „אביו ואמו" און דערנאָך דער „תיראו".

צווייטענס וואָס ביים „כבד" קומט־צו דאָס וואָרט „את" און ביים „תיראו" פעהלט דער „את"?

אין ליכט פון דאָס פריהער געזאָגטע לאָזט זיך עס לייכט ערקלעהרען. כבוד, ליעבע און רעספּעקט קומט פון אַן אינערליכען זעלבסט געפיהל און איז ניט קיין רעזולטאַט פון עפּעס אַ סיבה וואָס אַפערירט דערביי; דער כבוד פון קינד צו עלטערען, פאַנגט זיך דעריבער אָן פון זיי אַליין, פון די קינדער, און ניט פון טאַטע־מאַמע, עס דאַרף מצד טאַטע־מאַמע ניט אָנגע־ווענדעט ווערען קיין זאַך וואָס זאָל דינען אַלס סיבה צום רעספּעקט פון די קינדער. אַנדערש איז אָבער דער פאַל פון „תיראו". מורא איז אַ רעזולטאַט פון עפּעס, עס קומט ניט אָהן קיין געוויסע סיבה, וואָס אַפערירט דערביי, און די סיבה אין דעם פאַל זיינען טאַקע טאַטע־מאַמע גופא וואָס וואַרפען אַן די מורא אויף די קינדער און דערפאַר שטעהט פריהער דער „אביו ואמו" און נאָכהער דער „תיראו", פריהער די סיבה און דערנאָך דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער סיבה.

לפדיון הבן

עס ווערט שוין ממילא אויך פאַרשטענדליך די צווייטע ענדערונג פון וואָרט „את״. אויף דעם דאָזיגען „את״ דרש׳נט די גמרא לרבות „את אחיך הגדול״ וואָס מיינט אָנצואווענדען די זעלבע באַציהונגען פון די קלענערע קינדער צו די עלטערע ווי צו זייערע טאַטע־מאַמע, דאָס שיקט זיך אָבער נור ווען עס האַנדעלט זיך אין כבוד וואו עס איז ווירקליך דאָ אַזאַ געפיהל מצד די קלענערע קינדער צו די עלטערע, אָבער ניט ווען עס האַנדעלט זיך אין מורא, דאָ לאָזט זיך ניט דרשנ׳ען דער „לרבות אחיך הגדול״, אַ געפיהל פון כבוד צום עלטערען ברודער איז יאָ פאַראַן, אָבער אַ געפיהל פון מורא ניט...

די מצוה פון פדיון הבן טראָגט פאַלגליך מיט זיך אַרויס איינע פון די שעהנסטע ערהאַבענסטע געדאַנקען און איז אַן אָנזאָג צו טאַטע־מאַמע וועגען זייערע פליכטען צו זייער בכור דורך וועלכען עס דאַרף געלייגט ווערען דער יסוד פון אידישקייט פאַר דאָס גאַנצע פאַמיליע הויז.

לבר מצוה

א.

מצוה על האדם לעשות סעודה ביום שנעשה בנו בר מצוה, כיום שנכנס לחופה.

(מגן אברהם סי׳ רכ״ה, ס״ק ד׳)

ביי עלטערען איז יעדער געבורטס־טאָג פון זייער קינד, אַ טאָג פון פרייד און שמחה, דאָך ווערט קיין געבורטס־טאָג ניט געפּראַוועט מיט אַזוי פיעל פּראַכט און גלאַנץ ווי דער דרייצעהנטער געבורטס־טאָג וואָס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַן עפענטליכע שמחה, און ווערט אַרויסגעטראָגען פון רשות היחיד אין רשות הרבים, פון דער אינדיווידועלער פּריוואַט היים אין די היים פונ׳ם גרויסען צבור, פון דער וואָכעדיגער הויז אין די הויז פון הייליגקייט; דער הויפּט צערעמאָניאַלער טעקס פון דער דאָזיגער שמחה ווערט געפּראַוועט אין שוהל.

דער אינהאַלט פון דער שמחה איז אויך הויפּזעכליך אַ גייסטיגער און קריגט זיין אויסדרוק אין דעם „מפטיר״ און אין די בר מצוה דרשה וואָס דער חתן היום דרש׳נט ברבים פון דער שוהל בימה.

די ערקלעהרונג דערצו איז אַ גאַנצע איינפאַכע. דער דרייצענטער גע־בורטס־טאָג שליסט אָפּ אַ גאַנצע עפּאָכע אין דעם קינדס לעבען. ער געהט איבער פון איין תקופה אין דער אַנדערער, פון די תקופת הילדות אין דער תקופת הגדלות. ער ווערט אַ „בר מצוה״, אַ קינד פון פליכטען, פון אָבלי־גאַציעס.

איז עס אָט דער נייער קאַפּיטעל אין קינד׳ס לעבען וואָס שאַפט אַרום זיך די גרויסע שמחה. עס איז ניט דער פיזישער און גשמיות׳דיגער טהייל פון קינדס אַנטוויקלונג צוליב וועלכע די עלטערען פרעהען זיך אַזוי, נור דער גייסטיגער און רוחניות׳דיגער טהייל.

דער בעסטער באַוויז דאַרויף איז דער נאָמען פון דעם דאָזיגען יום־טוב —

לבר מצוה

בר מצוה; די מצוה שפּיעלט דאָ די הויפּט ראָלע, דאָס וואָס דאָס קינד איז איצט געוואָרען אַ בן שלש עשרה — למצוות.

און דערפאַר איז דער בר מצוה יום טוב ניט בלויז אַ מנהג, נור אַ מצוה וואָס וואָרצעלט אין אידישען דין ווי עס לויטעט די אויבערשטע ציטאַטע פון דעם מגן אברהם אין אורח חיים סימן רכ״ה.

און ווייל דער טראָפ ווערט דאָ געשטעלט אויף דער גייסטיגער ערהייבונג, איז טאַקע דערפאַר דער ריכטיגער פּלאַץ די שמחה, די שוהל; דאָרט איז דער אָרט אויף צו דעמאָנסטרירען גייסטיגע דערגרייכונגען, און דאָרט דאַרף דער נייער בר מצוה אינסטאַלירט ווערען אַלס גדול, אַלס זעלבסט־שטענדיגער איד מיט זעלבסטשטענדיגע פליכטען און אָבליגאַציעס כאחד הגדולים; דאָרט, אין שוהל ווערט דער נייער איד פאָרגעשטעלט, פאַר דער שכינה, פאַר דער תורה און פאַר׳ן צבור אַלס אַ ניי צוגעקומענער מיטגליד אין דער אידישער משפחה.

עס איז דאָך באַוואוסט, אַז „שלשה שותפים יש באדם, הקב״ה ואביו ואמו״ (קדושין ל׳), איז איצט ווען דער חלק פון דריטען שותף, דער חלק השכינה, הויבט אָן אַפּערירען אויף אָן אַפּיציעלען אופן דורך די פּראַקטיצירונג פון מצוות און מעשים טובים, אַלס „מצווה ועושה״, און די עלטערען ברענגען דעם זוהנ׳ס אין שוהל אַריין כדי דערמיט צו ווייזען אַז אויך דער דריטער שותף קריגט זיין חלק און ווערט חלילה ניט פאַרראַטען, דערהערט זיך ווי אַ בת־קול פון הימעל וואָס ענטפערט דאַרויף אָפּ מיט די אוראַלטע ערשטע עהרליכע באַגריסונג צום ערשטען אידישען טאַטען בעת ער האָט געבראַכט זיין באַליבטען זוהן צו דער עקידה און דערמיט געוויזען אַ ביישפּיל פון לאָיאַליטעט צום „דריטען שותף״.

עס הערט זיך דער אויסרוף: „עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה ולא חשכת את בנך את יחידך ממני״; איצט ווייס איך, זאָגט גאָט, אַז דו ביסט אַ גאָטס־פאָרכטיגער און האָסט ניט פאַרמידען דיין זון, דיין איינציגען פון מיר, אַז אויך דעם חלק וואָס געהער מיר. אַלס איינער פון די דריי שותפים, אַז אויך דעם חלק האָסטו אויסגעצאָלט, און געצאָלט מיט דער גרעסטער מטבע, טבין ותקילין, אַ חנוך וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מסירות נפש, אַן עקידה חנוך!

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

די עכאָ פון יענעם געטליכען ענטפער צום ערשטען אידישען טאַטען קלינגט איצט אָפּ אין די אויערען פון דעם טאַטען: עתה ידעתי — — — ולא חשכת את בנך ממני. מיט׳ן ברענגען דיין זוהן אין גאָט׳ס הויז, איהם צו אינסטאַלירען אַלס בר מצוה, דעמאָנסטרירסטו אויך אַז דו באַרויבסט ניט דעם חלק פון דריטען שותף, דעם געטליכען חלק.

פון אַט דעם שטאַנדפונקט איז שוין די בר מצוה שמחה ניט בלויז די שמחה פון קינד, נור אויך, און אפשר טאַקע בעיקר, די שמחה פון די על־טערען פון וועלכע דער טאַטע שפּיעלט דאָ די הויפּט ראָלע ווייל די מצוה פון חנוך איז דאָך הויפּזעכליך חל אויף איהם.

דער טאַטע מאָמענט קומט צום אויסדרוק אין דער ספּעציעלער ברכה וואָס איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרען ביי דיעזער געלעגענהייט, די ברכה פון „שפטרני מענשו של זה״, אַ ברכה וואָס געפינט זיך אין רמ״א סימן רכ״ה:

„יש אומרים מי שנעשה בנו בר מצוה, יברך: ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם שפטרני מענשו של זה״.

איז עס אַ פולע ברכה מיט׳ן שם ומלכות. דער זין פון דער ברכה ווערט אויסגעטייטשט אין מגן אברהם (ס״ק ה׳): „דעד עכשו נענש האב כשחטא הבן בשביל שלא חנכו״. ביז איצט, אויב דאָס קינד האָט געזינדיגט, האָט דער טאַטע געליטען דעם עונש דערפאַר וואָס ער האָט איהם ניט געהעריג דער־צויגען; פון איצט אָן אָבער איז שוין ער, דער פאָטער, מעהר ניט פאַראַנט־וואָרטליך פאַר׳ן קינד׳ס מעשים און וועט צוליב איהם מעהר ניט נענש ווערען, פרעהט ער זיך נאַטירליך דערמיט וואָס ער האָט אַראָפּגעפּטר׳ט אַזאַ שווערען יאָך פון איהם און דערפאַר דאַנקט ער און לויבט דעם רבונו של עולם.

און ווייל דאָ האַנדעלט זיך דאָך, אין אַן אמת׳ע ברכה און לויט׳ן רמ״א׳ס נוסח טאַקע מיט׳ן שם ומלכות, איז דעריבער כדאי זיך אַ ווײַלע אָפּשטעלען דערויף און זיך דערין ערנסט פאַרטראַכטען.

עס דאַרף האָבען אַן ערנסטע באַטראַכטונג פּשוט דערפאַר וואָס וועה־רענד די ברכה איז אַן אויסדרוק פון שמחה אויפ׳ן חשבון וואָס דער טאַטע ווערט באַפרייט פון שטראָף צוליעבן קינדס ווייטערדיגע עבירות, קען אָבער אַמאָל געמאָלט זיין אַז גראַדע די ברכה גופא זאָל אויף איהם ברענגען אַן עונש, אין פאַל אַז די ברכה איז גאָר אַ ברכה לבטלה...

לבר מצוה

אַז די זינד פון אַ ברכה לבטלה איז גאָר ניט קיין קליינע קען מען זעהן פונ׳ם דין וואָס ווערט גע׳פסק׳נט אַז „ספק ברכות להקל״, דאָרט וואו איינער האָט אַ ספק אין אַ ברכה, צי ער דאַרף די ברכה מאַכען אָדער ניט, זאָל ער מיקל זיין און נישט מאַכען די ברכה, און דאָס איז דערפאַר וואָס מאַכען אַ ברכה לבטלה איז זעהר אַ האַרבע עבירה וואָס וואָרצעלט אינ׳ם לאו פון „לא תשא את שם ה׳ אלקיך לשוא״.

אין חסידישע קרייזען געהט אום אַ לעגענדע וועגען דעם „תולדות יעקב יוסף״ און זיין התקרבות צו זיין גרויסען רבי׳ן דער בעל שם טוב הקדוש, וואָס איז אויך געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ ברכה לבטלה.

די מעשה דערצעהלט זיך אומגעפעהר אַזוי:

דער גרויסער גאון, דער פּולנאָה׳ער רב וועלכער איז געווען דער תלמיד מובהק פון בעל שם טוב, איז פריהער געווען אַ גרויסער מתנגד.

אַמאָל אין אַ תשעה באב נאַכט, דער גאון האָט זיך שטאַרק צעוויינט אויפ׳ן חורבן, און יאָמערינדיג אַזוי נאַכאַנאַנד, האָט ער איינגעדרעמעלט; און עס חלומ׳ט איהם אַז ער איז שטאַרק דורשטיג. ער ווייס אָבער אַז עס איז תשעה באב, האָט ער זיך געפּרואווט איבערגעוועלטיגען, דער דאָרשט איז אָבער געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביז ער האָט דערפיהלט אַז עס האַלט ממש ביי אַ סכנה, און אין אַזאַ פאַל איז עס דאָך דוחה אפילו יום כפור, מכל שכן תשעה באב, האָט ער זיך געהייסען דערלאַנגען אַ טרונק וואַ־סער. בעת מ׳האָט איהם געבראַכט די גלאָז וואַסער האָט ער געמאַכט אַ ברכה, אָבער גלייך נאָכדעם, האָט ער חרטה געהאַט און ניט געוואָלט טרינקען.

דער תולדות זעהט ווייטער אין זיין חלום ווי פּלוצלונג איז פאַר זיינע אויגען אויסגעוואַקסען אַ גרויסער בוים מיט פרוכט, און מען זאָגט איהם פון הימעל אונטער אַז דער דאָזיגער בוים מיט די פרוכט איז אַ פּראָדוקט פון זיין ברכה לבטלה, עס זיינען הייסט עס, זינדיגע פרוכט. דאָס דערהערענדיג, האָט זיך דער גאון ביטער צעוויינט און האָט אַזוי אין חלום אָנגעהויבען צו זאָגען תהלים מיט גרויס כונה און מיט ביטערע יללות, ווען ער האָט געענ־דיגט דעם ערשטען „יום״, האָט ער באַמערקט ווי די גרויסע שווערע פרוכט פאַלען אַרונטער; עס איז איהם דערפון געוואָרען עטוואָס לייכטער אויפ׳ן האַרצען, און האָט גלייך פאָרטגעזעצט דעם צווייטען יום־תהלים און אַז ער האָט

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

געענדיגט האָט ער באַמערקט אַז אויך די לייכטערע פרוכט זיינען שוין פאַרשוואונדען. אַזוי האָט ער פאַרטגעזעצט איין „ספר" נאָכ'ן אַנדערען און מיט יעדעס מאָל ענדיגען אַ ספר תהלים האָט אַלץ אָנגעהויבען מעהר אַרונ־טערפאַלען פון בוים פריהער די בלעטער, נאָכער די צווייגען, דינערע און גרעבערע ביים ענדיגען גאַנץ תהלים איז שוין דער גאַנצער שטאַם פון בוים איינגעפאַלען, דער וואָרצעל אָבער איז געבליבען פעסט. דאָס האָט זעהר געערגערט דעם גרויסען צדיק; ער האָט שוין גאַנץ תהלים אויסגעזאָגט און וואָס טהוט מען איצט? זייענדיג אַזוי פאַרזאָרגט, האָט איהם דער מלאך החלומות געזאָגט אַז איצט דאַרף ער פאָהרען קיין מעזיבוז צום בעל שם הקדוש.

ווען דער תולדות האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער געווען שטאַרק צורודערט פון דעם דאָזיגען חלום, אָבער ער האָט באַשלאָסען אויס־צופאָלגען די עצה פון דעם מלאך החלומות, און איז גלייך נאָך תשעה באב אריינגעפאָהרען קיין מעזיבוז. אַריינקומענדיג צום בעל שם, האָט איהם דער בע"ש מקבל פנים געווען מיט אַ הייליגען שמייכעל און נאָך איידער דער „תולדות" האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, האָט דער בעל שם צו איהם געזאָגט: יאָ, פולנאה'ער רב, ביז'ן וואָרצעל האָט איהר אַליין געקענט באַוויזען, עוקר צו זיין אָבער מיט'ן סאַמען וואָרצעל, מוזט איהר אָנקומען צו אונז...

מיר האָבען די דאָזיגע שעהנע חסידישע מעשה'לע דאָ איבערדער־צעהלט בלויז כדי צו זעהן ווי ווייט עס איז דער חטא פון אַ ברכה לבטלה...

מיר קומען צוריק צו אונזער ענין, און מיר זאָגען נאָכאַמאָל אַז מען דאַרף זיך היבש אַריינטראַכטען אין דער דאָזיגער ברכה פון „ברוך שפטרני", אויב עס איז חלילה ניט קיין ברכה לבטלה...

דען עס דאַרף דאָך פאַרשטאַנען ווערען, אַז בלויז דעמאָלט ווען דאָס קינד האָט געקראָגען אַ ריכטיג אידישע ערציהונג פאַר זיין בר מצוה און דער טאַטע האָט פאַר איהם געשאַפען אַ געזונטען אידיש טראַדיציאָנעלען באָדען, בלויז דאַן איז נאָך דער בר מצוה דער טאַטע שוין ניט מעהר פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע שפּעטערדיגע עבירות; אויב אָבער דער טאַ־טע האָט איהם ניט געגעבען די ריכטיגע ערציהונג פאַר זיין בר מצוה, זיינען

לבר מצוה

דאָך דעם קינד׳ס עבירות פון נאָך דער בר מצוה אויך א רעזולטאַט פון טאַטענס נאַכלעסיגקייט, טאָ ווי קען זיך דער טאַטע אָפטרייסלען פון זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט ?

די תורה זאָגט: „לא יומתו אבות על בנים ובנים לא יומתו על אבות" (דברים כ"ד־ט"ז), און דאָס צווייטע איז אַ פירוש צו דאָס ערשטע, ווען איז „לא יומתו אבות על בנים", ווען דאַרפען די עלטערען ניט געשטראָפט ווערען אויף די חטאים פון זייערע קינדער, אויב עס איז, „ובנים לא יומתו על אבות" אויב דער עונש פון די קינדער איז ניט קיין רעזולטאַט פון די עלטערענס שלעכטע ערציהונג.

מען מוז זיך דעריבער גוט פאַרטראַכטען ביים מאַכען די „ברכת שפטרני" אויב עס איז, ווי געזאָגט, ניט קיין ברכה לבטלה...

עס קען זיין אַז אפשר דערפאַר איז געוואָרען דער מנהג אַז מען מאַכט די ברכה אָהן שם ומלכות כדי ניט צו נעהמען קיין ריזיקע אַז מיט׳ן שפטרני מענשו, זאָל מען ערשט קריגען אַ עונש פון אַ ברכה לבטלה; עס איז אפשר אויך אַ מין ספק ברכות להקל...

יעדענפאַלס ליפערט דער בר מצוה יו"ט היבש מאַטעריאַל פאַר עלטע־רען אויף נאָכצוטראַכטען אַ סך פריהער, איידער מען פראַוועט די בר מצוה, און פונקט ווי מען מאַכט גרויסע הכנות פאַר דער פיזישער זייט פון ב"מ יו"ט, דאַרף מען אויך מאַכען גייסטיגע הכנות, און דאַן וועט דער בר מצוה יו"ט זיין אַן אמת׳ער יום טוב מיט אַ כשר׳ע ברכה און מיט אַ האַרציגען אמן.

לבר מצוה

ב.

וידע קין את אשתו ותהר ותלד את חנוך; ויהי בונה עיר ויקרא שם העיר כשם בנו חנוך.
(בראשית ד׳־י״ז)

אין פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר אַרומגערעדט וועגען די ברכה פון „ברוך שפּטרני" וואָס דער טאַטע מאַכט ביים זוהנ׳ס בר מצוה מיט וועלכע ער דעמאָנסטרירט אַז ער האָט געטאָן ווי געהעריג זיין פליכט צום קינד דאָמיט וואָס ער האָט איהם געגעבען אַ אידיש טראַדיציאָנעלע ערציהונג און האָט אויסגעלעגט פאַר איהם דעם יסוד און פונדאַמענט פון אידישקייט אַזוי אַז פון איצט אָן, איז ער שוין מעהר ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים און ער, דער פאָטער, וועט שוין מעהר ניט דאַרפען ליידען פאַר׳ן זוהנ׳ס חטאים; „שפּטרני מענשו של זה", שוין פּטור געוואָרען פון די שטראָפען צוליב׳ן קינדס עבירות.

איז די דאָזיגע ברכה, כאָטש אין פאָרם קוקט זי אויס ווי אַ ברכה שלילית, אַ נעגאַטיווע ברכה און אַלס אַזעלכע וואָלט זי ניט געווען אין גייסט פון אַלע אַנדערע מעהרסטע ברכות וועלכע ווערען געמאַכט אין אַ פּאָזיטיווען פאָרם; דען אויף עבירות מאַכט מען דאָך קיין ברכה ניט, מען בענטשט ניט אויף דעם וואָס מען טהוט ניט קיין עבירה, נור אויף דעם וואָס מען טהוט אַ מצוה.

אין אמת׳ן אָבער איז אויך דער ברוך שפּטרני אַ פּאָזיטיווע ברכה, אַ ברכה חיובית, ווייל כדי באַפרייט צו ווערען פון קינד׳ס עבירות, האָט דאָך דער פאָטער איהם געדאַרפט מחנך זיין צו מצוות, און דער דאָזיגער חנוך איז דאָך שוין אַ פּאָזיטיווע זאַך און ניט אַ נעגאַטיווע, עס איז טאַקע אַ ברכה אויף אַ מצוה, מצות חנוך, אויף וועלכע עס איז דאַ טייטליכע פאַרזאָגונגען אין אונזער תורה, ווי: „ושננתם לבניך"; „ולמדתם אותם את בניכם" און נאָך אַנדערע עהנליכע פּסוקים.

לבר מצוה

די פראַגע פון חנוך איז אָבער אַזאַ פּשוט׳ע און פאָדערט אַ געוויסע אָפּהאַנדלונג אויף וועלכעס עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען מיט אַן ערנסטע באַטראַכטונג.

געוועהנליך ווערט פאַרשטאַנען אַז דאַמיט וואָס מען שיקט דאָס קינד אין „חדר״, אין תלמוד תורה און ווער שמועסט נאָך אין אַ ישיבה, איז מען שוין דערמיט יוצא די מצוה פון חנוך, און כאָטש פון די אויבענציטירטע פּסוקים: ושננתם לבניך — ולמדתם אותם את בניכם, זעהט עס אויס אַז דער טאַטע אַליין דאַרף זיין דער מלמד, איז דאָך אָבער פאַראַן אַ כלל פון „שלוחו של אדם כמותו״, איז דאָך דער מלמד אין חדר, אין תלמוד תורה און ישיבה דעם טאַטענס שליח, איז עס דאָך שוין בכלל פון ושננתם און ולמדתם.

אַריינבליקענדיג אָבער אַביסעל טיעפער אין לעבען, באַקומען די דאָזיגע ווערטער אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג און לייגען שוין אַרויף אַ פיעל גרעסערע פליכט ווי די פון שיקען דעם קינד אין חדר אָדער אין ישיבה.

חנוך, ווי יעדער אַנדער געגענשטאַנד אין לעבען, באַשטעהט פון צוויי טיילען, אַ טעהאָרעטישער טייל און אַ פּראַקטישער; און אויב טעהאָרעטיש קען מען טאַקע אפשר יוצא זיין די מצות חנוך מיט דעם ערציהונגס אַנשטאַלט וואוהין מען שיקט דעם קינד ערצויגען ווערען, איז דאָס דאָזיגע אָבער ניט גענוג פון דער פּראַקטישער זייט.

די פּראַקטישע זייט פון חנוך איז פיל מעהר אָפּהענגיג אין די עלטערענס הויז ווי אין דעם ערציהונגס אַנשטאַלט. עס איז ניט גענוג וואָס מען לערענט דעם קינד אין חדר די מצות פון דער תורה, אַז מען דאַרף טראָגען ציצית, לייגען תפילין און היטען שבת און אַז מען טאָר ניט עסען קיין טרפות און ניט אָפּגאַלען די באָרד א.ד.ג. ער דאַרף אויך זעהן אין זיין הויז ווי די דאָזיגע מצות ווערען פּראַקטיצירט ביי זיינע טאַטע־מאַמע; עס טאָר ביים קינד ניט זיין קיין סתירה צווישען „חדר״ און הויז, דאָס וואָס דאָס ערשטע לערענט איהם אין טהעאָריע, דאַרף דאָס צווייטע איהם ווייזען אין דער פּראַקטיק.

אַלטע דרשנים טייטשען זעהר גוט אויס דעם מאמר חז״ל אויפ׳ן פּסוק: „וכל העם רואים את הקולות״ וואָס שטעהט ביי מתן תורה און אויף וועלכעס הז״ל קאָמענטירען אַז עס איז געווען „רואים את הנשמע״ וואָס אין פּשוט׳ן

מאַטעלס פאָלקס רעדנער

זין מיינט עס אַז עס איז ביי מתן תורה אַנטפּלעקט געוואָרען צווישען פאַרשידענע אַנדערע אומנאַטירליכע ערשיינונגען אויך אַט די פּלאי פּלאים׳דיגע ערשיי־נונג אַז מען האָט געזעהען די קולות, ניט בלויז געהערט נור טאַקע געזעהען, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשטעהן בדרך הטבע.

סימבאָליש אָבער ווערט דערמיט אונטערשטראָכען דאָס וואָס מיר ברענגען דאָ אַרויס אין באַצוג צום חנוך פּראָבלעם אַז עס איז ניט גענוג וואָס דאָס קינד הערט פון רבי׳ן אַז מען דאַרף מקיים זיין די מצוות התורה, נור ער דאַרף אויך זעהן אין דערהיים ווי מען איז מקיים.

אויב אָבער עס פעהלט דער „רואים את הנשמע״, ער זעהט ניט אין הויז דאָס וואָס ער הערט אין חדר, דער חדר לערנט אַז מען דאַרף היטען שבת און ביים טאַטען אין הויז זעהט ער גראָדע ווי מען היט ניט קיין שבת; דער רבי זאָגט אַז מען דאַרף לייגען תפילין און דער טאַטע לייגט דוקא ניט קיין תפילין, דאַן ווערט דעם קינד׳ס מוח מבולבל פון דער דאָזיגער סתירה צווישען חדר און הויז, צווישען רבי און טאַטע, עס פאַרמירט זיך ביי איהם אין גע־דאַנק אַ מין „מחלוקת הפּוסקים״ צווישען דעם פרעמדען מלמד און דעם אייגענעם טאַטע, און געוועהנליך בלייבט ביי איהם דער באַשלוס אַז „הלכה כ׳טאַטע״...

עס טרעפט אַמאָל אויך גראָדע להפך, אַז דער חדר האָט די אויבערהאַנט און מיר האָבען דאָס שוין זאָגאַר אַליין בייגעוואוינט אַז אַ ישיבה תלמיד האָט אין אַ פרייטאָג נאַכט געדופען דעם טאַטען אויסצולעשען די עלעק־טריק, ווייל ער אַליין, דער ישיבה תלמיד, האָט ניט געוואָלט מחלל שבת זיין, האָט ער געמאַכט דעם טאַטען פאַר דעם „אב מלאכה״...

אָבער ערשטענס איז אַזאַ פאַל ניט קיין דורכשניטליכער, כמעט אַ זעל־טענע ערשיינונג, אין מעהרערע פעלע איז טאַקע ניט „הלכה כחדר״; און צווייטענס, ברענגט דער דאָזיגער פאַל גופא אויך ניט אַרויס קיין איבריג שעהנע בילד...

דער סך הכל דערפון איז אַז כדי צו געבען דעם קינד אַ ריכטיגע ער־ציאונג, מוזען די עלטערען צום אַלעם ערשטען זיך אַליין דערציהען כדי דאָס קינד זאָל ניט געפינען קיין סתירה צווישען חדר און הויז, און דאָס וואָס דער חדר לערנט איהם אין טהעאָריע, זאָל איהם די הויז לערנען אין פּראַקטיק.

לבר מצוה

פון אַט דעם שטאַנדפּונקט איז שוין דער „ושננתם" און „ולמדתם" טאַקע פשוטו כמשמעו, דען אַפילו ווען אין דעם טהעאָרעטישען טייל פון חנוך איז מען יוצא מיט אַ שליח אין געשטאַלט פון חדר און ישיבה, איז מען אָבער אינ׳ם פּראַקטישען טייל אַליין מקיים די מצוה.

הארמאָנירען טאַקע ביי בײדע פסוקים, דער אָנהויב מיט׳ן סוף, עס פּאַנגט זיך אָן מיט „ושננתם לבניך" וואָס בוכשטעבליך, ווי געזאָגט, באַציהט זיך עס, אויפ׳ן טאַטען אַליין, און דערפאַר ענדיגט זיך עס טאַקע מיט׳ן „ודברת בם בשבתך בביתך — — ובשכבך ובקומך", ווייל דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען חדר נור וועגען די היים...

***

אַט דער גרונט געדאַנק וועגען דעם פּראַקטישען הויז חנוך קומט אויף אַ וואונדערבאַרען סימבאָלישען אופן צום אויסדרוק אין אונזער טעקסט פסוק וואָס דערצעהלט אונז די געשיכטע פון קינ׳ס געבאָרענעם זוהן ווען דער טאַטע האָט אַ נאָמען געגעבען חנוך און אַז אויב די שטאָט וואָס ער האָט נאכהער אויסגעבויט, האָט ער געגעבען דעם זעלבען נאָמען, חנוך. דער פאַקט אַז די דאָזיגע תורה געשיכטע ווערט פאַרצייכענט פּונקט נאָך דעם ווי קין האָט תשובה געטאָן אויף זיין זינד פון הרג׳ענען זיין ברודער הבל, פיהרט עס אַרויף אויפ׳ן געדאַנק פון דאָס פריהער געזאָגטע.

קין האָט געפיהלט אַז זיין טאַטע אדם איז ביז אַ געוויסער מאָס פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר זיינע זינד, דערפאַר וואָס האָבענדיג אַליין געזינדיגט מיט׳ן עץ הדעת, האָט עס אויך אויף איהם געווירקט ווייל ער האָט נישט געזעהן ביים טאַטען אין הויז די פּראַקטישע זייט פון קיום המצוות, און וויסענדיג אַזוי אַרום אַז „חנוך" שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דעם קינד׳ס מאָראַלישע אויפפירונג, און פיהלענדיג גלייכצייטיג אַז דער דאָזיגער חנוך מיינט הויפטזעכליך דער פּראַקטישער וואָס דאַרף קריגען זיין אויסדרוק אין טאַטענס אייגענע אויפפיהרונג, איז דעריבער גלייך נאָכדעם ווי קין האָט זיך אַליין אויסגעבעסערט דורך טאָן תשובה, האָט ער די דאָזיגע תשובה צוזאַ־מענגעשמאָלצען מיט׳ן קינד׳ס נאָמען „חנוך" וואָס איז דער זעלבער וואָרט פון חנוך (ערציהונג) אום דערמיט צו דעמאָנסטרירען אַז די בײדע זאַכען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

זיינען איינס עס איז הא בהא תליא. מיט זיין אייגענע אויסבעסערונג וועט ער אויך קענען אויסבעסערען זיין קינד; זיין אייגענע אויפפיהרונג וועט זיין דער בעסטער ערציהונגס מיטעל פאַר זיינע קינדער.

***

אין דער ערציהונגס פּראָבלעם איז אָבער פאַראַן נאָך אַ וויכטיגער מאָמענט וואָס דאַרף גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט און דאָס איז — די סביבה, די אומגעבונג וואָס האָט אַ שטאַרקען איינפלוס אויפ׳ן קינד. עס איז ניט גענוג וואָס דעם טאַטענס הויז איז אידיש, די גאַס דאַרף אויך זיין אידיש; די גאַס טאָר אויך ניט זיין קיין סתירה צו די הויז, און דאָס וואָס די הויז בויעט, טאָר די גאַס ניט חרוב מאַכען.

און דערפאַר דערצעהלט די תורה אַז אויך אַט דעם וויכטיגען מאָמענט אין חנוך, האָט קין גענומען אין אַנבאַטראַכט.

„ויהי בונה עיר ויקרא שם העיר כשם בנו חנוך״.

ניט נור זיין אייגענער הויז האָט ער געבויט אין גייסט פון תורה און מצוות, נאָר אויך די גאַנצע שטאָט האָט ער אַזוי געבויט, דער נאָמען „חנוך״ וואָס איז דער סימבאָל פון חנוך (ערציהונג) איז אויך געגעבען געוואָרען צו דער שטאָט. ער האָט אויסגעבויט אַ ריינע סביבה, אַ ריינע אומגעבונג כדי אויך די אומגעבונג זאָל ניט זיין קיין ווידערשפּרעכונג צום חנוך פון הויז.

***

דאַרף די דאָזיגע לעהרע דיענען אַלס מוסר השכל פאַר אַ סך עלטערען וואָס פּראָוועז די בר מצוה פון זייערע קינדער מיט פיעל פּראַכט און גלאַנץ, אָבער אין דער אייגענער צייט איז זייער אייגענער לעבענס שטייגער אין באַצוג צו אידישקייט דורכאויס אין ווידערשפּרוך צו דעם גאַנצען בר־מצוה פּראָצעס.

ווי אָבשייליך איז עס ווען מיר זעהען למשל אַז טאַטע־מאַמע און מאַנכע געלאַדענע געסט קומען צו פאַהרען דעם זעלבען בר־מצוה־שבת אין שוהל אַריין מיט זייערע אַטאָמאָבילען, און נאָכהער שעפּען זיי נחת פון זייער זוהנ׳־עלעס בר מצוה דרשה ווען ער הויבט אויף די הענט צום הימעל און שווערט צו זיין אַ טרייער איד נאָכפאָלגענדיג דעם וועג וואָס זיינע ליעבע עלטערען

לבר מצוה

האָבען פאַר איהם אויסגעטראָטען... אָבער אַ וועג וואָס ווערט שבת אויס־געטראָטען דורך די רעדער פון טאַטענס אַטאָמאָביל, גראַמט זיך עפּעס ניט מיט טרייע אידישקייט... די בר מצוה ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדעלט אין אַ ביליגען חוזק פון עפּעס אַ סצעניִרטען וואָדעוויל אַקט...

זאָלען, ווי געזאָגט, די עלטערען פריהער זיך אַליין מחנך זיין כדי דער בר מצוה בחור זאָל האָבען פאַר זיך אַ לעבעדיגען ביישפּיל פון אַן אמת „אויס־געטראָטענעם אידישען וועג״, און דאַן וועט דער בר מצוה יום־טוב זיין דאָס וואָס ער דאַרף זיין און וועט קריגען זיין פאַרדינסטפולע אָפּשאַצונג און פאַרעהרונג.

לחג המילואים
(אינסטאַליישאָן)

א.

וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקדש עד צאתו וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל.
(ויקרא ט״ז־י״ז)

דער כהן גדול האָט ניט געטאָרט געשטערט ווערען אין זיין עבודת הקדש אין דעם הייליגען טאָג פון יום כפור. גרויס פאַראַנטוואָרטליכקייט האָט ער געטראָגען אויף זיך ווען ער האָט געדאַרפט זיין דער פאַרמיטלער צווישען כלל ישראל און דעם אלקי ישראל. ער האָט געדאַרפט אויסווירקען אַ כפרת עונות ניט נור פאַר זיך און זיין פאַמיליע נור אויך פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. אויסצופילען אַזאַ ערנסטע פונקציע איז גאָר ניט פון די גרינגע זאַכען. אירגענד וועלכע שטערונג קען אַלץ איבערפיהרען און שטעלען דעם ציעל אין סכנה.

האָט דעריבער די תורה שטרענג פאַרבאָטען אַז קיינער זאָל ניט וואָגען אַריינצוקומען אין אהל מועד אין דער צייט פונ׳ם כהן גדול׳ס עבודה. דער כהן גדול דאַרף זיך מיחד זיין בלויז מיט זיך אַליין און מיט דער שכינה כדי דער „וכפר״ פראָצעס זאָל דורכגעפיהרט ווערען אויף דעםווירקזאַמסטען אופן.

אויב אָבער פיזיש איז ער געווען אין אהל מועד צו יענער צייט גענצליך אָבגעזונדערט פון כלל ישראל, איז ער אָבער גייסטיג געווען באַהעפט מיט זיין פאָלק אַפילו אין יענע איינזאַמע מאָמענטען; דער בעד כל קהל ישראל״ איז דאָך געווען די הויפט אישו פון יענע הייליגע עבודה און איהר עיקר העקרים.

און אויב יום כפור האָט דער כהן גדול געדאַרפט זיין אָפגעזונדערט פון פאָלק, האָט ער אָבער ערב יום כפור ניט געטאָרט זיין אָבגעזונדערט; און ווען מיר זאָגען „ערב״ יום כפור מיינען מיר ניט דערמיט דעם איינציגען טאָג וואָס פאַר יו״כ נור טאַקע אַלע טעג פון דעם גאַנצען יאָהר, דעם „ערב יום כפור אריכתא״.

לחג המילואים

דען דעם כהן גדול׳ס אויפגאַבע איז ניט געווען בלויז צו טראַנספערירען די כפרת העון פון הימעל צום פאָלק נור אויך צו טראַנספערירען די תשובת העון פון פאָלק צום הימעל. יום כפור האָט דער כהן גדול אַזוי צו זאָגען גע־דאַרפט האַנדלען מיט ג־ט וועגען אידען, דאָס גאַנצע יאָהר אָבער האָט ער גע־דאַרפט האַנדלען מיט אידען וועגען ג־ט.

און דעריבער אויב בעת ער האָט געדאַרפט „פאַרהאַנדלען״ מיט ג־ט האָט ער זיך דעמאָלט געדאַרפט געפינען אין גאַנצען אין דער געטליכער מחיצה, לפני ולפנים, אַזש אין קדש הקדשים, אַזוי בעת ער האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען מיט אידען, האָט ער זיך געדאַרפט דורכאויס געפינען אין זייער מחיצה כדי זיין השפעה זאָל זיין אַ ווירקזאַמע.

אָט דערפאַר זאָגט אַ פריהערדיגער פסוק „ונשמע קולו בבואו אל הקדש ובצאתו״ (שמות כ״ח־ל״ה). די שטימע פון כהן גדול האָט געדאַרפט אָפקלינ־גען שטאַרק און הויך, סיי ביים אַריינקומען און סיי ביים אַרויסקומען; ער האָט געדאַרפט מיט זיינע „שפתי כהן״ די כהן לעפצען רופען דעם פאָלק צו תשובה און מעשים טובים, אַז זיי, די פאָלקס מאַסען, זאָלען זיין די „ישמרו דעת ותורה מפיהו״. אויב „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת״, איז אויך „מי שטרח בערב יום כפור יאכל ביום כפור״, די טרחא פון ערב יו״כ פון תשובה און מעשים טובים, קען ברענגען די אכילה פון יום כפור פון סליחה וכפרה, און איןביידע פאַלען, ווי געזאָגט, איז דאָס געווען די אַרבייט פונ׳ם כהן גדול. דאָס מיינט דער „בבואו ובצאתו״ אין איינקלאַנג מיט דעם „אשר יוציאם ואשר יביאם״. דער כהן האָט זיך ניט געטאַרט אויסטהיילען פון פאָלק און אָפשטעהן פון איהם נור אַדרבא, אימער פאַרקערען מיט׳ן פאָלק און זיין נאָהענט צו איהם.

אַן אמת׳ער פיהרער איז דער וואָס זיין פיהרערשאַפט דריקט אָפּ איהר חותם אויף די געפיהרטע און זיין גייסט שוועבט אַרום אין חלל פון דעם פאָלקס לעבען אַזוי אַז אויף יעדען קעהר און ווענד זאָל זיך פיהלען ווי דער פיהרער איז דאָ צוזאַמען מיט זיין עדה. דאָס פאָלק דאַרף זיין די פאַרקערפערונג פון דעם פיהרער.

ניט אומזיסט געפינען מיר אַז ווען שאול המלך איז געקומען זיך טרע־פען מיט שמואל הנביא, האָט ער ביים אַריינקומען אין שטאָט געפרעגט ביי

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

די מיידלאך וואָס זיינען געגאַנגען אָנשעפּען וואַסער: „היש בזה הרואה״? ווייסט איהר וואו מען קען דאָ געפינען דעם „רואה״ (דעם נביא). זיי האָבען דאַרויף געענטפערט: „כבואכם העיר כן תמצאון אותו, בטרם יעלה הבמתה לאכול, כי לא יאכל העם עד בואו כי הוא יברך הזבח״. (שמואל ט׳-ט׳).

אַזוי שנעל ווי איהר וועט אַריינקומען אין שטאָט וועט איהר איהם גלייך געפינען.

לויט דעם דאָזיגען ענטפער הייסט עס אַז שמואל הנביא האָט גאָר קיין באַשטימטען אַדרעס ניט געהאַט, אַ זאַך וואָס קלינגט טעכניש אַביסעל מאָדנע.

קענטיג אָבער אַז די מיידלאך האָבען מיט זייער ענטפער אויך געוואָלט געבען אַ כאַראַקטער שטריך וועגען דעם נביא׳ס גרויסע השפעה. זיי האָבען דעריבער געזאָגט: שמואל הנביא דאַרף קיין באַשטימטען אַדרעס ניט האָבען, די גאַנצע שטאָט איז זיין אַדרעס; אויף יעדען קעהר און ווענד פיהלט זיך דעם נביא׳ס איינפלוס, אויף אַלע פאָלקס אינסטיטוציעס איז אָפּגעדריקט זיין חותם, אַלע ווינקעלאך פון לעבען אָטעמען מיט דעם נביא׳ס נשמה. זיין ווירקונג איז ווייט אויסגעשפּרייט אויף אַלע שטחים פון לעבען.

„בטרם יעלה הבמתה״. דעם נביא׳ס וואָרט איז ניט באַגרעניצט אויף די ד׳ אמות פון זיין בימה; ניט די בימה איז זיין איינפלוס קרייז און ניט בלויז ווען ער שטעהט אויף זיין פּראָפּעטישען פּלאַטפאָרם און האַלט זיינע דרשות, ווייסט מען אַז עס איז דאָ אַ נביא, נור אויך פאַר די בימה און נאָך די בימה... די גאַנצע שטאָדט איז זיין בימה, און אויך אין טאָג טעגלעכען לעבען פון די מאַסען איז קענטיג דעם נביא׳ס ווירקונג.

אין דער דאָזיגער השפעה האָט אָבער דאָס פאָלק אויך אַ היבשען חלק: „כי לא יאכל העם עד בואו״. דאָס פאָלק וועט ניט עסען ביז ער וועט קומען. עס איז פאַראַן דער געהעריגער רעספּעקט צום נביא מצד די פאָלקס מאַסען; זיי זיינען איהם שטאַרק מכבד און באַציהען זיך צו איהם מיט׳ן גרעסטען יראת הכבוד, זיי גלויבען אין איהם, שעצען איהם און ליעבען איהם. דערפאַר איז ער ערפאָלגרייך און ווירקזאַם.

***

אַזוי איז עס געווען אין די טעג פון שמואל הנביא, און אַזוי איז עס געווען אין די שפּעטערדיגע צייטען אין אַלע דורות און אין אַלע תקופות.

לחג המילואים

דאָרט וואו אידען האָבען זיך באַצויגען מיט עהרן פורכט צו זייערע מנהיגים מען האָט צו זיי אַרויפגעקוקט און געוואוסט ווי אָפּצושאַצען זייער גייסטיגע גרויסקייט, דאָרט איז דעם מנהיג׳ס השפעה אויך גרויס געווען, זיין וואָרט איז געווען וואָגיג און ער האָט געקענט איינפיהרען אַלע נויטיגע תקנות אויף צו פאַרשטאַרקען אידישקייט און פאַרבעסערען און פאַרשעהנערען דעם אי־דישען לעבען אויף אַלערליי געביטען.

ווען אהרן האָט געדאַרפט ערנאַנט ווערען צו די כהונה גדולה, האָט ג־ט געזאָגט צו משה׳ן: „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך — ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת״; כדי אהרנ׳ס השפעה זאָל זיין גרויס, מוז מען צום אַלעם ערשטען איהם אַליין גרויס מאַכען און איהם באַזאָרגען מיט אלעם נויטיגען, מיט כבוד און געלט און אַלע אַנדערע הצטרכות׳ן, פונקט ווי דער רעגען וואָס קומט אַראָפּ פון הימעל צו די ערד, דאַרף פריהער זיין „ואד יעלה מן הארץ״ די וואָלקענס ווערען פריהער אָנגעטרונקען פון די ערד און ערשט נאָכדעם קענען זיי געבען זייערע „גשמי רצון ברכה ונדבה״, אַזוי איז עס אויך מיט דעם גייסטיגען רעגען, דעם טל השמים.

***

דאַרף דאָס דאָזיגע דיענען אַלס לעקציע אויך אין באַצוג צו אונזערע היינטיגע כהנים גדולים אין געשטאַלט פון אונזערע רבנים און גייסטיגע פיה־רער. מען הערט זעהר אָפט ווי דער עולם באַקלאָגט זיך אויף די היינטיגע רבנים אַז זיי ערפיהלען ניט זייער רבנישע פונקציע, זיי האָבען קיין השפעה ניט אויף די מאַסען און אידישקייט איז בשפל המצב. כשרות איז ניט אין אָרדענונג, דער חנוך איז מכולה׳דיג און דאָס גאַנצע אידישע לעבען איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין.

מען מאַכט אַ פאַראַלעל פון די היינטיגע רבנים ביז די אַמאָליגע און מען ווייזט אָן אויף די ליכטיגע זייט פון אַמאָל און די שאָטענדיגע זייט פון היינט. מען פאַרגעסט אָבער צו דער אייגענער צייט אויך צו מאַכען אַ פאַראַ־לעל פון די אַמאָליגע בעלי בתים און די היינטיגע. אויב די אַמאָליגע רבנים האָבען ווירקליך געהאַט אַ גרעסערע השפעה אויפ׳ן אידישען לעבען איז עס דערפאַר וואָס די אַמאָליגע בעלי בתים האָבען זיך אַנדערש באַצויגען צו די רבנים ווי די היינטיגע; ס׳איז געווען אַן אַנדער דרך ארץ, אַן אַנדער רעס־פעקט און אַן אַנדער באַנעהמונג.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

דער אַמאָליגער יראת הכבוד צום רב איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם יראת הכבוד צו די רבנות. רבנות איז געווען פאַררעכענט פאַר אַ הייליגקייט און ניט פאַר קיין פּראָפעסיע און ממילא איז דער רב וואָס איז געווען דער נושא דגל הרבנות אויך באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ מין „אדם העליון”. אַ העכערע פּערזענלעכקייט צו וועמען מען האָט געדאַרפט קוקען פון אונטען אַרויף און איהם געבען זיין פאַרדינטען כבוד.

די אַמאָליגע בעלי בתים האָבען געוואוסט מיט וואָס דער רב טהיילט זיך אָפּ פון דעם פשוט׳ן בעל הבית און וואָס עס זיינען די געגענזייטיגע פליכטען פון איינעם צום אַנדערען. זיי האָבען ניט פאַרביטען די „יוצרות” און ניט פאַרמישט די גרענעצען. זיי האָבען געוואוסט אַז דער רב דאַרף זיי געבען בלויז רוחניות און זיי דעם רב, בלויז גשמיות; דער רב דאַרף זיי באַזאָרגען מיט תורה און זיי דאַרפען באַזאָרגען דעם רב מיט קמח, האָבען זיי דעריבער אויך געוואוסט פון דעם כלל אַז „אם אין קמח אין תורה”, און די קמח פון זייער זייט איז אַ פאַרבאַדינג צום רב׳ס תורה.

זיינען די אַמאָליגע בעלי בתים נאָכגעקומען די אַלע פאַרשריפטען מיט דער געהעריגער פּינקטליכקייט, זיי האָבען דעם רב באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען פון זייער זייט האָט ממילא דער רב אויך זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען פון זיין זייט. עס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ געגענזייטיגע האַרמאָנישע באַציאונג, איש על מחנהו ואיש על דגלו, איז דעריבער אַלעס געווען אין בעסטען אָרדענונג און ס׳איז טאַקע ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר קיין קריטיק.

היינטיגע בעלי בתים זיינען אָבער אַנדערש. די רבנות גופא האָט געליטען אַ היבשע ירידה, איהר קורס איז היבש אַראָפּגעפאַלען. אַנשטאָט אַלס אַ הייליגקייט האָט מען אָנגעהויבען קוקען אויף רבנות ווי אויף אַ פשוט׳ן פּראָפעסיאָנאַל וועלכער שטעהט אַלס אַזעלכער ניט העכער פאַר אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלען און מען דאַרף דעריבער צו איהם ניט קוקען פון אונטען אַרויף..

און דאָרט וואו פון רבנות ווערט אַ פּראָפעסיע, ווערט דאָך הייליגקייט פאַרוואַנדעלט אין וואָכעדיגקייט, די גרעניץ ליניע ווערט באַזייטיגט און די „יוצרות”, פאַרביטען און פאַרמישט. דאָס אַלעס שאַפט אַ כאַאָטישען צושטאַנד; די „אַדרעסען” פון „קמח” און „תורה” פאַרלירען זייערע ריכטיגע

לחג המילואים

„זאָגען" און איינס פאַרבלאָנדזשעט אין דעם אַנדערענס טעריטאָריע... עס איז געקומען אַזוי ווייט אַז אַנשטאָט צו פאַרלאַנגען פונ׳ם רב בלויז תורה, פאַר־לאַנגט מען שוין פון איהם אויך קמח... מען מעסט זיין רבנות טאַלאַנט, ניט מיט דער מאָס פון זיין תורה נור מיט דער מאָס פון זיין פעהיגקייט צו פאַר־גרעסערען די געלט רעסאָרסען פון דער שוהל קאַסע...

און אויב „קמח" האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם רב׳ס טעריטאָריע, איז שוין ממילא „תורה" אויך אַרונטער פון די רעלסען און פאַרבלאָנדזשעט אין דער באַלעבאַטישער טעריטאָריע. די בעלי בתים האָבען זיך ביסלעכווייז אָנ־געהויבען אַריינצומישען אין דעם רב׳ס תורה און דער רב איז שוין מעהר ניט דער תורה אויטאָריטעט וואָס ער האָט געדאַרפט זיין...

דערפון די אומאָרדנונג אין דעם אידיש טראַדיציאָנעלען לעבען אויף אַלע שטחים און אַלע געביטען, און די קריטיק אין פאַרבינדונג דערמיט האָט אויך פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פאַלשען אַדרעס. די קריטיק דאַרף געשיקט ווע־רען אויף דעם באַלעבאַטישען אַדרעס און ניט אויפ׳ן אַדרעס פון רב...

דער „בעל הטורים" ברענגט אַ מסורה פון וואָרט „ונשמע":

ונשמע קולו בבואו אל הקדש

ונשמע פתגם המלך (אסתר א־כ)

כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע (שמות כ"ד־ז׳)

אין ליכט פון אונזער געדאַנקען גאַנג איז די דאָזיגע מסורה די פּראַג־ראַמאַטישע פּלאַטפאָרמע פאַר דעם אידיש קהל׳שען לעבען.

דער „ונשמע בבואו אל הקדש" איז זיכער דער אַלץ פון גייסטיגע פּיה־רערשאַפט, דער רב דאַרף שטענדיג לאָזען פאַלען זיין וואָרט פון זיין הייליגער בימה; אָבער דער דאָזיגער וואָרט דאַרף זיין אַזאַ וואָס „ונשמע פתגם המלך" (מלכו של עולם) בלויז אַ וואָרט פון תורה און יראת שמים און ניט מאַכען דעם רב פאַר אַ קמח־אַגענט און זיין בימה פאַר אַ געלט בירזע, וועט דאַן אויך קענען זיין דער „כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע", דעם רב׳ס קול וועט ניט בלייבען קיין קול קורא במדבר נור דער נשמע וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ נעשה און זיין השפעה וועט זיין קענטיג אויף אַלע מעשים פון דעם כלל און דעם פרט והכל על מקומו יבוא בשלום.

לחג המילואים
(אינסטאַליישאַן)
ב.

בריתי היתה אתו החיים והשלום, ואתנם לו מורא וייראני ומפני שמי נחת הוא. תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו, בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון. כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה׳ צבאות הוא.
(מלאכי ב׳־ח׳).

די דאָזיגע ציטירטע פסוקים פון נביא מלאכי, ווערען אויסגעטייטשט אין מדרש ווי פאָלגט:

> בריתי היתה אתו החיים והשלום, זה אהרן שהיה רודף שלום בישראל; ואתנם לו מורא וייראני, שקבל עליו כל דברי תורה באימה, ברתת ובזיע; תורת אמת היתה בפיהו, שלא טמא את הטהור ולא טהר את הטמא; ועולה לא נמצא בשפתיו, שלא אסר את המותר ולא התיר את האסור. (ילקוט שמעוני, מלאכי ב׳).

לויט די דאָזיגע דרשת חז״ל באַציהען זיך די פסוקים אויף אהרן הכהן ווערכער ווערט געלויבט מיט דער מדה פון זיין א אוהב שלום ורודף שלום; אויך דערמיט וואָס ער איז געווען אַ גרויסער ירא שמים און מקיים געווען די גאַנצע תורה באימה, ברתת ובזיע; האָט גע׳פסק׳נט אמת׳ע הלכות, ניט טמא געמאַכט דאָס וואָס איז טהור און ניט טהור געמאַכט, דאָס וואָס איז טמא; ניט גע׳אסר׳ט דאָס מותר׳דיגע און ניט מתיר געמאַכט דאָס אסור׳דיגע.

אויב אין די דאָזיגע שבחים אויף אהרנ׳ס חשבון זיינען צונויפגעבראַכט געוואָרען זיינע עטהישע מדות, ווי צו זיין אַ רודף שלום בישראל, צוזאַמען מיט זיין יראת שמים און זיין פסק׳נען אמת׳ע דינים, כאָטש אויבנאויף קוקט עס אויס אַז דאָס ערשטע ניט דאָס צווייטע האָבען גאָר קיין שייכות ניט איינס מיט דאָס אַנדערע סיידען אויסצודריקען דערמיט דעם געדאַנק אַז

לחג המילואים

אהרן האָט מקיים געווען סיי די מצות פון בין אדם למקום און סיי די פון בין אדם לחבירו. אַ זאַך וואָס וואָלט גיכער געפּאַסט צו אילוסטרירען דאָס ערשטע מיט מעהר פאַרגעשריבענע תורה מצות פון דעם סאָרט פון בין אדם לחבירו, ווי צום ביישפּיל צדקה, הכנסת אורחים אד״ג, ווי דער מדרש טהוט עס מיט׳ן צווייטען שבת וואָס ווערט אילוסטרירט מיט טומאה וטהרה און איסור והיתר.

אויב, זאָגען מיר, די דאָזיגע קאָמבינאַציע קומט צום אויסדרוק כמעט בנשימה אחת אין איין פסוק, איז דערפון געדרונגען אַז די ביידע זאַכען האָבען אין דער אמת׳ן אַ גאָר גרויסע שייכות איינס מיט דאָס אַנדערע, און עס מיינט דאָ כלל ניט צו באַצייכענען אהרן הכהן אין זיין פּריוואַטען אינדיווידועלען לעבען, נאָר דאָ איז איבערגעגעבען געוואָרען כאַראַקטער שטריכען פון אהרן הכהן אַלס אידישער מנהיג, וואָס דאַרף נאַטירליך פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אויך דיענען אַלס לעהרע פאַר אַלע שפּעטערדיגע מנהיגים ביי אידען אין אַלע דורות און אין אַלע צייטען.

די מדה פון אָנהאַלטען שלום מיט די מיטמענשען, ווען דאָס באַציהט זיך אויף אַ גייסטיגען פיהרער, ברענגט עס מעהרערע מאָל צו געוויסע קאָמפּלי־קאַציעס אין דער פיהרערשאַפט און שטעלט דעם פיהרער מאַנכעס מאָל אין פאַרלעגענהייט. די עדה וועלכע שטעהט אונטער זיין פיהרערשאַפט איז דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע עלעמענטען צווישען וועלכע עס זיינען פאַראַנען אַלערליי פּאַכלייט אויף דעם עקאָנאָמישען שטח פון זייערע לעבענס טעריטאָריעס. עס זיינען פאַראַן געשעפטסלייט, אַרבייטער, פּראָפעסיאָנאַלען און אין יעדען פאַך קומען פאַר פון צייט צו צייט געוויסע פּראָבלעמען וואָס קומען אין באַריהרונג מיט די תורה געזעצען. דער גייסטיגער פיהרער צו וועמען מען ווענדעט זיך מיט די דאָזיגע פּראָבלעמען, דאַרף געפינען די גע־העריגע לעזונג צו אָט די אַלע פּראָבלעמען. זיינע אַנטשיידונגען דאַרפען זיין געשטיצט און באַגרינדעט אויף די פונדאַמענטאַלע געזעצען פון דער אידישער תורה; דער תלמוד און שולחן ערוך דאַרפען זיין די לייכט טורעמס פאַר די פסקי הלכות אין יעדען באַטרעפענדען פאַל. ניט אַלעמאָל אָבער קענען די דאָזיגע פסוקים צופרידענשטעלען דעם אָדער יענעם פאַראינטערעסירטען צד. אין אַזעלכע פאַלען מוז דער שלום אַביסעל ליידען, דען אויב דער מנהיג זאָל וועלען אָנהאַלטען אונטער אַלע אומשטענדען זיין שלום פּאָליסי, וועט ער אין

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אַזעלכע פאַלען מוזען אַביסעל מוותר זיין אויף דעם שטרענגען בוכשטאַב פון געזעץ און עטוואָס דאַרפען אָפּנויגען פון דין התורה און שולחן ערוך.

עס פאָדערט זיך דעריבער אַ שטאַרקער כאַראַקטער מצד דעם אידישען מנהיג, ניט נאָכצוגעבען און ניט מוותר צו זיין. ער טאָר ניט מקריב זיין דעם אידישען דין אויפ׳ן חשבון פון שלום. אין אַזעלכע פאַלען מוז דער תורה געזעץ זיין דער דאָמינירענדער כח אין זיין פיהרערשאַפט.

אָט דערפאַר זיינען די דאָזיגע שבחים אַרויפגעשטעלט געוואָרען אויף אהרנ׳ס חשבון כדי דערמיט צו לערנען אַ פּרק אין הלכות פיהרערשאַפט פאַר אַלע צוקונפטיגע מנהיגים.

אהרן וועלכער איז פון זיין באַרוף געווען דער גרעסטער רודף שלום, איז אָבער דער דאָזיגער שלום איהם קיינמאָל ניט געשטאַנען אין וועג ווען עס איז געקומען צו אַנטשיידונגען אין תורה געזעצען; עס איז טאַקע געווען: „בריתי היתה אתו החיים והשלום״. אין דער זעלבער צייט אָבער איז אויך געווען: „תורה אמת היתה בפיהו, ועולה לא נמצא בשפתיו״, זיין מויל און זיינע ליפען דורך וועלכע ער האָט געדאַרפט אַרויסגעבען זיינע עפענטליכע אַנטשיידונגען, האָבען זיך געהאַלטען שטרענג אין די ראַמען פון תורת אמת, אַפילו ווען דאָס האָט געמוזט ברענגען אַ געוויסע אָפּנייגונג פון דעם שלום וואָס איז געווען אהרן הכהנ׳ס גרעסטע מדה און העכסטער אידעאַל.

„כי מלאך ה׳ צבאות הוא״ — אם הרב דומה למלאך ה׳ צבאות יבקשו תורה מפיהו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו״ (חגיגה 10).

אין אָט דעם פּרט דאַרף דער רב און מנהיג קענען פאַרגלייכען ווערען צו אַ מלאך, אַ מלאך טהוט זיין געטליכע שליחות מיט פולער אויפריכטיגקייט און אָהן זייטיגע פּניות; דער מלאך דאַרף ביי קיינעם ניט נושא חן זיין ווייל ער דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען. אַזוי דאַרף זיין דער רב און מנהיג אַז ווען עס קומט דורכצופיהרען אַ געטליכע מיסיע, טאָרען דערביי קיינע זייטיגע פּניות ניט שטעהן אין וועג.

פאַר אונזערע אידישע מנהיגים דאָ אין אַמעריקא, איז עס אַ גאַר וויכטיגע לעקציע. ליידער האָבען אונזערע מנהיגים היבש אויסצושטעהן אויף דעם דאָזיגען געביט. זאָל צום ביישפּיל דער רב פון זיין בימה דאַרפען טאַדלען אַ בוטשער וועמעס כשרות איז פון אַ צווייפעלהאַפטיגען כאַראַקטער, און

לחג המילואים

דער דאָזיגער בוטשער איז גראדע אַ מעמבער פון זיין שוהל, קען עס אַמאָל דעם רב קאָסטען זיין גאַנצען לעבענס עקזיסטענץ; דאָס זעלבע אויך ווען דער רב וויל ניט פארשרייבען דעם חמץ פון זיינעם אַ מעמבער אַ גראָסערימאַן וואָס האַלט אָפען זיין חמצ׳דיגע סטאָר אום פסח... עס פאָדערט דעריבער אַ גאָר שטאַרקען כאַראַקטער וואָס גרעניצט זיך מאַנכעס מאָל מיט אמת׳ע מסירות נפש אום בייצוקומען די דאָזיגע שוועריגקייטען.

די דערמאָנטע פסוקים פון נביא, ענטהאַלטען דעריבער אַ פּלאַטפאָרמישע לעקציע פאַר רבנים און גייסטיגע פיהרער.

צו דער אייגענער צייט אָבער ענטהאַלטען זיי אויך אַ לעהרע פאַר די בעלי בתים; אויך צו די לעצטע איז דאָ אַרויסגעשטעלט געוואָרען געוויסע פאָדערונגען, ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך פיהרען, ווייל עס איז ניט גענוג ווען דער רב פאַסט זיך צו צו דער געמיינדע, די געמיינדע דאַרף זיך אויך צופּאַסען צום רב; עס איז ניט גענוג ווען עס איז „פרנס לפי הדור", עס דאַרף אויך זיין „הדור לפי הפרנס". אויב דער רב איז „הרב הדומה למלאך", דאַרף קהל כאָטש זיין „דומה לבני אדם", איז עס אמווייניגסטענס בלויז אַן אונטערשיד אין איין שטאַפעל; ווען אָבער דער אונטערשיד געהט אַזוי ווייט אַ „ראשונים כמלאכים ואנו — — —" דאַן איז עס ניט קיין געראָטענער שידוך, אַזאַ זיווג קען ליידער ניט עולה יפה זיין... דער רב דאַרף זיך טאַקע אַביסעל אַרונטערלאָזען צו זיין עדה, די עדה דאַרף זיך אָבער אויך אַביסעל אַרויפ־הויבען צו איהר רב, דעמאָלט קומט עס צום שווי המשקל...

כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו!

כדי עס זאָל קענען זיין „שפתי כהן ישמרו דעת", דער רב זאָל זיך האַלטען אויף זיין געהעריגער הויך פון תורה און דעת און תורה זאָל זיין זיין אמת׳ער באַרוף, דאַרף אויך זיין „ותורה יבקשו מפיהו", דאָס פאָלק דאַרף עס פון איהם פאָדערן. תורה איז טאַקע „די בעסטע סחורה", אָבער אויך די בעסטע סחורה נויטיגט זיך אין קונדען... ווען אין דער קהלה געפינען זיך בעלי בתים יודעי ספר, וואָס זיצען אַליין אויך און לערנען און קענען זיך מיט׳ן רב מפלפל זיין אין תורה, דאַן מוז דער רב פון זיין זייט אָנהאַלטען זיין הויכען תורה סטאַנדאַר און שטענדיג פאָרטזעצען זיין למוד התורה כדי צו קענען זיין אַ משיב כהלכה אין אַלע מקצועות התורה; אויב אָבער די

בעלי בתים זיינען וויט פון תורה און זייער גאַנצע קולטורעלע קענטניס באַגרעניצט זיך בלויז אויף לייענען צייטונגען און זשורנאַלען, מוז דאָך דער רב פון זיין צייט אויך אויסבייטען זיין תורה סטודיום אויפ׳ן סטודיום פון די צייטונגען כדי ניט פאַרשעהמט צו ווערען פון זיינע בעלי בתים ווען זיי וועלען מיט איהם פאַרפירען אַ שמועס וועגען הויכע פּאָליטיק אָדער אפילו וועגען אַן אָפּהאַנדלונג אין דער פאַמיליען־פּיידזש פון דער טעגליכער צייטונג...

**
*

בעלי בתים דאַרפען אויך וויסען אַז אויב מען פאַרלאַנגט אַז דער רב זאָל זיין „דומה למלאך״, דאַן דאַרף מען דאָך ניט פאַרלאַנגען אַז ער זאָל נאָך זיין גרעסער פון אַ מלאך, און ווען מען רעדט וועגען אַ מלאך איז דאָ אַ כלל אַז „אין מלאך אחד עושה שתי שליחויות״, איין מלאכ טהוט ניט קיין צוויי שליחות׳ן מיטאַמאָל. פון דעם רב אָבער פאַרלאַנגט מען מעהר ווי איין שליחות; ער דאַרף אויסער לערנען און האַלטען דרשות, אויך זיין אַ „כאָשל דירעקטאָר״, אַן אָרגאַניזירער פון יוגענט קלובען, „מענס קלאָב״ און „ווימענס קלאָב״, שוין ניט רעדענדיג פון אָנפיהרען מיט דער „סאַנדעי סקול״ און נאָך פיעל אַנדערע אַקטיוויטעטען...

**
*

שמעון העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה, כיון שהגיע ל„את ה׳ אלקיך תירא״ (דברים יו״ד) פירש, עד שבא רבי עקיבא ודרש, את ה׳ אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים (פסחים כ״ב).

מעגליך, אַז ניט דערפאַר וואָס שמעון העמסוני איז ניט צוגעפאַלען צו דעם דאָזיגען געדאַנק פון „לרבות תלמידי חכמים״ האָט ער דערפאַר אויפ־געגעבען זיינע דרשות פון אַלע אַנדערע אתין שבתורה, נור דערפאַר וואָס פאַר זיינע אייגענע מענשען, פאַר זיין געמיינדע, האָט ער די דאָזיגע דרשה ניט געקענט דרש׳נען; עס וואָלט אַרויסגערופען אַ פאַרדאַכט אַז „לכבוד עצמו הוא דורש״, ער האָט זיך אין זינען...

אַגב וואָלט דאָך די דאָזיגע דרשה מיטגעצויגען מיט זיך אַ גאַנצע רייהע פון עהנליכע פסוקים וואו די זעלבע דרשה וואָלט געדאַרפט אַנגעווענדעט ווערען אויפ׳ן זעלבען אופן, ווי צום ביישפּיל: „ואהבת את ה׳ אלקיך״

וואו דער אויספיהר איז „ובכל מאודך" און לויט חז"ל מיינט עס „בכל ממונך", און אויב „את, לרבות ת"ח", מיינט עס דאָך פשוט אַז מען דאַרף דעם תלמיד חכם מהנה זיין מיט געלט... אַזוי אויך דער פסוק: „ולא יראה את פני ה' ריקם", וואָס לויט די דרשה „לרבות תלמידי חכמים", הייסט עס דאָך אַז יעדעס מאָל וואָס מען קומט צום רב, טאָר מען ניט קומען מיט ליידיגע הענט...

אַזעלכע דרשות צו דרש'נען פאַר אַן אייגענע קהלה איז גאָר ניט קיין אַנגענעהמענע אויפגאַבע... האָט שמעון העמסוני דעריבער געמוזט אויפגעבען אַזעלכע דרשות.

עד שבא רבי עקיבא! ביז ר' עקיבא איז געקומען, געקומען אין שמעון העמסוני'ס אָרט וואו ר' עקיבא איז געווען אַ פרעמדער, האָט ער, ר"ע, טאַקע יאָ געקענט דרש'נען דעם „לרבות תלמידי חכמים", ווייל אַלס אַ פרעמדער האָט דאָך אויך איהם ניט געקענט פאַלען קיין פאַרדאַכט...

אגב, האָט ר"ע בכלל ניט געקענט ציהען אויף איהם קיין חשד אז געלט גייציגקייט איז דער מאָטיוו פון זיינע דרשות, דען ר"ע, ווי באַוואוסט, איז געווען אַ גרויסער עושר, ווי די גמרא זאָגט: מן שית מילי איתעתר ר' עקיבא (נדרים נ').

כדאי ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איבערצוגעבען אַ קלאַסישע באַלייכטונג אויף דער דאָזיגער דרשה פון „לרבות תלמידי חכמים", פון דעם אבי הדרשנים, דער דובנער מגיד זצ"ל.

ווי זיין שטייגער איז, דערקלעהרט ער עס מיט אַ וואונדערבאַרען משל:

אַ בלינדער האָט אַמאָל געדאַרפט פאָהרען אין אַן אַנדער מדינה, האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַ פאַספאָרט צו קענען אַריבער דעם גרעניץ. זייענדיג בלינד, האָט ער מיטגענומען אַ באַגלייטער וואָס זאָל אים פיהרען. קומענדיג אויפ'ן גרעניץ, האָבען די וועכטער געפאָדערט זיין פאַספאָרט וועלכען ער האָט זאָפאָרט אַרויסגענומען און זיי געצייגט. און וואו איז דער פאַספאָרט פון דיין באַגלייטער? — האָבען די אינספעקטאָרען געפרעגט. זיין ענטפער איז געווען, אַז דער דאָזיגער פאַספאָרט איז אויך פאַר זיין באַגלייטער. זיין נאָמען איז דאָך אָבער אין פאַספאָרט גאָר ניט דערמאָנט? טענה'ן די אינ-

ספעקטאָרען. לייענט מיט פאַרזיכטיגקייט, ענטפערט דער סגי נהור, ווען איהר זיך איבערצייגען אז איך בין גערעכט.

זיי פאַנגען אָן נאָכאַמאָל איבערלייענען: „דער דאָזיגער פּאַספּאָרט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו פלוני בן פלוני דער סגי נהור אז — — — — ״

געוווג! שרייט אויס דער בלינדער, אויב עס איז דייטליך געשריבען אַז דער פּאַספּאָרט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו אַ בלינדען, איז עס דאָך שוין ממילא אויך גילטיג פאַר מיין באַגלייטער, דען אַ קינד קען דאָך אויך פאַרשטעהן אַז אַ בלינדער קען אָהן קיין באַגלייטער ניט טראַוולען...

דאָס זעלבע, פיהרט אויס דער דובנער מגיד, איז אויך מיט דער דרשה פון „לרבות תלמידי חכמים״. אין פסוק שטעהט טאַקע נור „את ה׳ אלקיך תירא״, כדי אָבער צו וויסען ווי אַזוי מורא צו האָבען פאַר ג־ט, דאַרף מען דאָך זיין באַקאַנט מיט׳ן תורה וועג אום צו קענען נאָכפאָלגען די דרכי התורה והמצוות. די פשוט׳ע פאָלקס מאַסען וועלכע זיינען אָבער בלינד און וויסען ניט דעם תורה וועג, מוזען זיי דאָך האָבען אַ פיהרער און וועג־ווייזער אין געשטאַלט פון דעם רב, דער מנהיג רוחני, וואָס זאָל זיי ווייזען דעם ריכטיגען וועג. איז דעריבער דער „לרבות תלמידי חכמים״ אַן אונטייל־באַרער חלק פון דעם „את ה׳ אלקיך״, עס קען ניט זיין „ה׳ אלקיך תירא״ אָהן די הילף פון דעם תלמיד חכם, עס איז אַ „תורה פּאַספּאָרט״ פאַר׳ן תלמיד חכם אפילו ווען זיין נאָמען שטעהט ניט דייטליך דערמאָנט...

דאַרפען דעריבער די בעלי בתים וויסען וואָס זייער׳ע באַציהונגען דאַרפען זיין צו זייערע גייסטיגע מנהיגים; זיי דאַרפען שטענדיג געדענקען דעם כלל פון „אם אין קמח אין תורה״ און אויב זיי פאַרלאַנגען פון רב די תורה, מוזען זיי פון זייער זייט געבען די קמח... יעדער׳ער דאַרף צוטראָגען זיין חלק אין דער דאָזיגער שותפות.

ס׳איז אָבער אַמאָל פאַראַן אַ בלינדקייט אויף די בלינדקייט אַליין, עס הייסט, מען איז בלינד צו זעהן די בלינדקייט, עס דוכט זיך אויס אַז מען איז גאָר ניט בלינד, דאָס איז די בחינה פון „אינו יודע שאינו יודע״, מען ווייסט ניט אַז מען ווייסט ניט, עס דוכט זיך דעם אומוויסענדען בעל הבית אַז ער איז גאָר אַ גאַנצער ידען, אין אַזאַ פאַל, איז עס אַ גרויסע צרה פאַר׳ן רב, ער פאַלט שוין אַרויס פון דעם „תורה פּאַספּאָרט״ פון „את ה׳ אלקיך

תירא", מוז מען ערשט האָבען ר' עקיבא'ס וואָס זאָלען קומען און אויפצייגען די בלינדקייט...

אין ליכט פון דאָס אויבענגעזאָגטע, לאָזט זיך אפשר אויפקלעהרען א מאמר חז"ל וואָס אויבענאויף קוקט ער אויס אָביסעל אומפאַרשטענדליך:

„רבי חנינא אמר מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצוינין, לפי שאינן בני תורה" (שבת קמ"ה).

רש"י טייטשט אויס „מצוינין": „מציינין עצמן במלבושים נאים", זיי זיינען שעהן געקליידעט, „לפי שאינן בני תורה" און וויל זיי קענען ניט ערוואָרטען געעהרט צו ווערען צוליב זייער תורה, געהען זיי דעריבער שעהן אָנגעטאָן כדי געעהרט צו ווערען צוליעב זייער קליידונג.

די פראַגע איז אָבער, אויב דאָ רעדט זיך פון „אינן בני תורה" טאָ פאַר וואָס רופט מען זיי אָן תלמידי חכמים?

אויסער רש"יס פשט וואָלט מען אפשר געקענט זאָגען, אַז דער „לפי שאינן בני תורה" באַציהט זיך, ניט אויף די „תלמידי הכמים" נור אויף די בעלי בתים, דאָס הייסט אַז דערפאַר וואָס די בעלי בתים פון בבל האָבען זיך ניט געהאַלטען פאַר בני תורה, זיי האָבען געוואוסט אַז זיי זיינען נישט קיין תלמידי חכמים, האָבען זיי זיך דערפאַר באַצויגען מיט גרויס דרך ארץ צו זייערע רבנים, זיי האָבען זיי רעספּעקטירט און אויסגעהאַלטען בכבוד מיט פרנסה בריוח און מיט שעהנע קליידונג; דאָרט אָבער וואו די בעלי בתים האַלטען זיך אַליין פאַר תלמידי חכמים, ווייסען זיי ניט ווי אָפּצושאַצען דעם רב און באַזאָרגען איהם ניט מיט פרנסה און הלבשה אַז ער זאָל קענען אַרויסגעהן אָנשטענדיג אָנגעטאָן מיט מלבושים נאים ווי עס פּאַסט פאַר אַ תלמיד חכם.

יאָ, דער רב און דער בעל הבית, טאָרען ניט אַריין איינער אין דעם אַנדערענס גרענעצען, עס דאַרף זיין „איש אל מחנהו ואיש על דגלו", דער רב דאַרף אויספילען זיינע פליכטען צום בעל הבית, און דער בעל הבית זיינע פליכטען צום רב, דער ערשטער מיט די תורה און דער צווייטער מיט די קמח, וועט דעמאָלט ביידען זיין גוט, ווייל — אם יש קמח יש תורה ואם יש תורה יש קמח.

חומר למספד

בשעה שהאדם נפטר מן העולם, אמר הקב״ה למלאכי השרת ראו מה הבריות אומרות עליו, כשר היה, ירא שמים היה פלוני זה? מיד מטתו פורחת באויר.

(קהלת רבה פ׳ י״ב, פיסקא י״ד).

ווען דער מענש געהט אַוועק פון דער וועלט, ווען זיין נשמה טיילט זיך אָפּ פונ׳ם קערפּער, זאָגט דער אויבערשטער צו זיינע מלאכים: געהט, געפינט אויס וואָס איז די מיינונג פון דער וועלט און פון זיינע מיטמענשען איבער אָט דעם פאַרשטאָרבענעם.

כשר היה? איז ער געווען אַן עהרליכער כשר׳ער איד?

ירא שמים היה, איז ער געווען אַ גאָטספאָרכטיגער איד?

מיד פרחה מטתו באויר, פליהט ער באַלד מיט זיין ארון אין דער הויך.

ווען דער מענש הערט אויף צו רעדען, ווען ער איז ניט מעהר קיין יש, דערצעהלען זיינע מעשים אַלסדינג וועגען איהם, ווי מיר ווען דאָס פאַר־שטעהן מיט אַ ביישפּיל.

מיר לעבען יעצט אין אַ מאָדערנער צייט מיט ריזיג הויכע געביידעס פון צעהנדליגער שטאָקען, מיר האָבען אפילו היינט צו טאָג אַזאַ הויכע געביידע, די עמפּייער סטייט בילדינג, וועלכע האָט הונדערט און פיר שטאָק. אַרויפקומען אויף די הויכע געביידעס קענען מיר אויף פאַרשידענע אופנים. מיר קענען אַרויפגעהן מיט די פיס, וועלכעס וועט אונז אויסמאַטערען, און עס וועט נאַטירליך געדויערען זעהר לאַנג. דעם זעלבען וועג קענען מיר מאַכען פיל שנעלער ווען מיר באַנוצען זיך מיט אַן עלעוויטאָר, וואָס ברענגט אונז אַרויף צום העכסטען שטאָק אין עטליכע מינוט. דאָס זעלבע פּאַסירט אויך מיט דעם מענשען.

דער מענש קומט אויף דער וועלט מיט אַ טאָפּעלער אויפגאַבע. די

חומר למספד

ערשטע באַשטעהט אין דעם, אַז ער זאָל זיין אויפריכטיג און איבערגעגעבען צו גאָט און צו זיין תורה, ער זאָל מקיים זיין די מצוות שבין אדם למקום.

זיין צווייטע אויפגאַבע איז, ער זאָל זיין גוט, עהרליך און אַנשטענדיג צו זיינע מיטמענשען, אַכטונג צו טהון אויף די מצוות שבין אדם לחברו.

דער מענש טאָר אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרגעסען, אַז איינער פון די שעהנסטע פרינציפען פון אונזער עקזיסטענץ אויף דער וועלט באַשטעהט אין דער מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״, דו זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר און מיטמענש אַזוי ווי זיך אַליין. עס איז אפילו זעהר אַ שווערע אויפגאַבע. ווי מיר געפינען באַמערקט אין מדרש: כשאדם בא לעולם ידיו הן קפוצות, כלומר כל העולם כלו שלי, וכשהוא נפטר מן העולם ידיו פשוטות, כלומר לא נחלתי מן העולם הזה כלום. אַז אַ קינד ווערט געבוירען, זיינען זיינע הענד פעסט פטרמאַכט. טאָ וואָס איז די באַדייטונג דערפון? אַז דער ניי־געבוירענער מענש וויל דערמיט געבען זיין אינסטינקטיווען אויסדרוק: כל העולם כלו שלי הוא, איך בין געקומען פול מיט פאַרלאַנגען, איך וויל די וועלט מיט אַלע רייכטימער, אַז אַלעס וואָס איז נאָר ווערטפול זאָל געהערען צו מיר, איך וויל אַלעס אַריינגעמען פעסט אין מיינע הענט, וכשהוא נפטר מן העולם, אָבער ווען דער מענש געהט אַוועק פון דער וועלט, ידיו הן פשוטות, בלייבען זיינע הענט אָפען, ער וויל דערמיט אַלעמען איבערצייגען: זעהט מענשען! לא נטלתי מן העולם הזה כלום, איך האָב פון דער וועלט גאָרנישט מיטגענומען.

דאַגעגען דער מענש וועלכער קען באַהערשען זיין איינגעבאָרענעם אינס־טינקט, און איז שטאַרק גענוג צו דערשטיקען אין זיך דעם ערדישען געפיהל, ער זאָל ניט זיין געלד־גייציג, שפייזט הונגעריגע, באַקליידעט אָרימע און גאָקעטע, שטיצט נויטליידענדע! אַזעלכער קען ניט זאָגען: לא נטלתי מן העולם הזה כלום, אַז ער האָט פון דער וועלט גאָרנישט מיטגענומען, ווייל עס איז ריכטיג, אין מלווין לו לאדם לא כסף לא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא מצוות ומעשים טובים, די אַלע מצוות ומעשים טובים זיינען אַ גאַנץ גרויסער פאַרמעגען מיט וועלכען דער מענש קען שטאָלצירען, און אַזעלכער האָט מקיים געווען אם אויפריכטיגסטען זיין אויפגאַבע פון „ואהבת לרעך כמוך״. דאָס איז אויך דער געדאַנק וועלכען השי״ת דריקט אויס צו

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

זיינע מלאכים מיט די ווערטער: ראו מה הבריות אומרות עליו, געהט איבער־ציינט זיך, אויב דער יעצטיגער נפטר האָט זיין אויפגאַבע ריכטיג אויסגע־פיהרט. כשר היה? ירא שמים היה פלוני זה? אויב די אויספאָרשונג איבער־צייגט אַז אַלעס שטימט, עס איז ריכטיג, ווערען די מצוות ומעשים טובים וואָס ער האָט געטאָן פאַרוואַנדעלט אין אַ שטאַרקע עלעקטראָ־מאַגנעטישע קראַפט, זיי ווערען די עלעוויטערס, מיט וועלכע זיין נשמה קומט אין דער קורצסטער צייט צום ריכטיגען אָרט פון וועלכען זי איז גענומען געוואָרען. אויב דער נפטר איז געווען אַ ירא שמים, אַ שומר שבת אין פולען זיך פון וואָרט, ער האָט מקיים געווען דעם פסוק ואהבת לרעך כמוך ביי יעדער געלע־גענהייט, האָט ער געשטיצט מיט אַן אָפענער האַנט נויטליידענדע און וואָהל־טהעטיגע אינסטיטוציעס, אויב ער האָט געהאַלטען עהרליך זיין שוהל, זיין טלית און תפלין לייגען אָפּגעהיט אין צייט, איז ניטאָ קיין פאַרמעגען מיט וועלכען מען זאָל די דאָזיגע ירושה קענען פאַרגלייכען.

אונזער גרויסער אמורא רב (אבא אריכא), ווען ער איז געלעגען אויף זיין קראַנקען בעט און ער האָט געוואוסט, אַז זיינע שטונדען זיינען געצעהלטע, האָט ער צו זיך גערופען איינעם פון זיינע בעסטע פריינד רב שמואל בר שילת און ער האָט דאָן איהם געזאָגט: „איך ווייס אַז דו וועסט זיכער זיין איינער פון מיינע מספידים", בעט איך דיך: „אחים בהספדא דהתם קאימנא", דאָס מיינט צו זאָגען, אַז ווען דו וועסט מאַכען אַ הספד נאָך מיר, זאָלסטו זיך אָנשטרענגען און דערוואַרימען די הערצער פון די צוהערער, אַז זיי זאָלען וויינען (שבת דף קנ"ג עמוד א'). פרעגט זיך אַ קשיא: רב, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע צדיקי הדור, ווי קומט עס אַז זיין לעצטער וואונש זאָל זיין, אַז די צוהערער פון אַ הספד נאָך איהם זאָלען אומבאַדינגט וויינען? וועלען מיר עס דאָ קלאָר מאַכען.

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז דער מענש אַזוי לאַנג ווי ער לעבט הייסט ער אַ „הולך", און אין דעם מאָמענט ווען די נשמה טיילט זיך אָפּ פון זיין קערפער הערט ער אויף צו זיין אַ הולך, און ער ווערט אַן „עומד". דער אונטער־שייד צווישען מענשען און להבדיל א בהמה באַשטעהט אין דעם, אַז „שור או כשב או עז כי יולד", אַ בהמה פון דעם טאָג וואָס זי ווערט געבוירען, האָט זי דעמזעלבען שכל, ווי ווען זי ווערט אַלט. דאַגעגען, אַ מענש, ווען ער קומט

חומר למספד

אויף דער וועלט, איז ער אָהן שכל, און אויב ער וויל ווערען אַ פאָלקאָמער מענש, מוז ער זיך אליין משלים זיין. ער לערענט, ער שטודירט, און וואָס מעהר מצוות און מעשים טובים ער טהוט, אַלץ נעהענטער קומט ער צו טראָגען מיט ווירדע דעם נאָמען מענש, און מיט יעדען גוטען אויפטהו שטייגט ער צו אַ העכערער מדרגה, און דערפאַר הייסט ער אַ הולך.

ווען דוד המלך האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף פון דער וועלט אָוועקגעהן, האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן שלמה: „אנכי הולך", איך קען זיין אַ הולך, איך קען אויך שטייגען ממדרגה למדרגה בדרך כל הארץ, ווען איך וועל אפילו זיין דאָרט, וואו יעדער מענש מוז זיין! אָבער דאָס וואָס אַנבאַלאַנגט אַן דיר מיין ליב קינד, וחזקת והיית לאיש, אויב דו וועסט זיין אַ מענש און דו וועסט פאָרטזעצען צו טאָן אַלעס אין דעמזעלבען גייסט ווי איך האָב דיך געלערענט, דאַן ווען די גוטע מעשים, וועלכע דו וועסט אויסאיבען פאַרשריבען ווערען אויף מיין רעכענונג, ווייל מיט מיין אונטערריכטען האָב איך דיך צו דעם געבראַכט.

„אדם אם שנה אחת יחיה, או אלף שנים יחיה כלא יהיה", אפילו דער מענש האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון עלטער און דער מלאך־המות קומט צו איהם און זאָגט: „לכה דודי נצא השדה". קום מיין פריינד, פון היינט אַן און ווייטער ווערסטו מעהר ניט האָבען דיין צימער, ווערסט מעהר ניט שלאָפען אין דיין בעט, נור אין דרויסען, אין פעלד, וועט זיך עס קיינעם ניט, אפילו ניט דעם עלטסטען מענש גלוסטען צו געהן מיט דעם מלאך־המות, לאָזען זיך מיט קאַלטע ערד און האַרטע שטיינער צודעקען.

יעצט קומען מיר צוריק צו אונזער גרויסען אָמורא — רב! רב האָט דערגרייכט אַ זעהר הויכע עלטער, און ער האָט געוואוסט אַז איהם וועלען זעהר ווייניג מענשען באַדויערען (ווי רש"י הקדוש באַמערקט אין שבת דף קנ"ג) „שאין בני אדם נכמרים כל כך על זקן". דערפאַר האָט ער געבעטען זיין אויפריכטיגען פריינד רב שמואל בר שילת, „אחים בהספדא", דו זאָלסט זיך אַנשטרענגען און איבערצייגען די אַנוועזענדע, אַז פון מיר קענען זיי זיך אַרונטערנעמען דעם ריכטיגען ביישפּיל, אַז אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, מיין טויט האָט קיין אויסרייד ניט. איך שטאַרב, ווייל יעדער מענש מוז שטאַרבען, און דערפאַר וועלען זיי זיכער באַקומען אַ הרהור תשובה, זיי וועלען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

פאַרבעסערען זייערע מעשים און טאָן נאָר גוטעס, ווייל דער מענש לעבט ניט אייביג, און אַזוי ווי זייערע מצות און מעשים טובים וועלען ווערען דורך דעם, ווייל זיי וועלען מיך זעהן אַ נפטר, וועל איך דאָך זיין דער גורם דערצו, וועט דאָס פאַררעכענט ווערען אויף מיין חשבון, דהתם קאימנא, ווייל דאָרט וועל איך זיין „אָן עומד", און דורך דיין וואַרימען הספד וועסטו מיך מאַכען פאַר אַ „הולך". ווען מיר וועלען צוזאַמענשטעלען אַ באַרג מיט ניס און מיר וועלען איינעם פון זיי אַוועקנעמען וועט זיך צופאַלען דער גאַנצער באַרג. אזוי זיינען מיר מענשען. ווי לאַנג גאָט העלפט אַלע מיטגלידער פון דער משפחה זיינען זיי געזונט, קיינער שטאַרבט ניט. פאַרגעסט מען אינגאַנצען, אַז דער מענש איז פאַרגענגליך און שטאַרבענד, און ממילא איש כל הישר בעיניו יעשה, ווען אָבער חלילה, אַז איין נוס ד. ה. איין מיטגליד פון אַ משפחה ווערט אַוועק־געגומען, דאַן ריהרט זיך דער גאַנצער באַרג, ריהרען זיך אַלע מיטגלידער. אויב אַזוי, אַז מען שטאַרבט שוין יאָ, דאַן מוז מען מורא האָבען, ווייל ווער ווייסט ווער עס קומט נעקסט? און אַזעלכע געדאַנקען פיהרען צום ריכטיגען צוועק, אַז דער מענש זאָל אונטערזוכען זיינע מעשים, אויב אַלעס וואָס ער טהוט איז ריכטיג פאַר גאָט און פאַר מענשען.

מעשים טובים זיינען חשוב׳ער ווי קינדער

אמר ר׳ יודא: בשעה שהאדם מסתלק מן העולם בלא בנים הוא מיצר ובוכה, אמר ליה הקב״ה, למה אתה בוכה? מפני שלא העמדת פרי בעוה״ז? יש לך פרי יפה מן הבנים וכו׳, תולדותיו של אדם אלו מעשיו הטובים.

(תנחומא פ׳ נח, פיסקא ב׳)

ר׳ יהודה, איינער פון אונזערע חכמי המדרש זאָגט: אין דער צייט, ווען דער מענש געהט אַוועק פון דער וועלט און ער האָט ניט איבער געלאָזט קיין קינדער, איז ער זיך מצער און וויינט. פרעגט איהם גאָט, פאַרוואָס וויינסטו? אפשר דערפאַר וואָס דו האָסט ניט קיין פרוכט איבערגעלאָזט אויף דער וועלט? פאַרזיכער איך דיך, אַז דו האָט איבערגעלאָזט פירות פיעל שעהנערע ווי קינדער, ווייל די ריכטיגע קינדער פונ׳ם מענשען, זיינען זיינע מעשים טובים.

זעהר איינדרוקספול זיינען די דאָזיגע ווערטער, מיט וועלכע השי״ת טרייסט דעם קינדערלאָזען, ווייל מיר פאַרשטעהען די פאַרצווייפלונג פון אַ מענשען, וועלכער איז ניט געבענשט געוואָרען מיט דער ברכה פון ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

אונזערע חכמים האָבען זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אַז „כל מי שאין לו בנים, כאלו הוא מת״, דאָס מיינט, אַז דאָס לעבען אהן קינדער האָט ניט קיין אינטערעס. דאָס גאַנצע לעבען פון אַ מענשען, זיין שטרעבען, זיין האָרעווען, זיין צוקונפט, זיינען די קינדער. באַזונדערס פיהלט זיך דער קינדערלאָזער מענש אומגליקליך, ווען ער האַלט ביים שטאַרבען, ער פיהלט זיך אין אַזאַ צייט אין גאַנצען אָפּגעריסען, גלייך ווי אַ בוים וואָס ווערט אַרויסגעריסען פון דער ערד מיט זיינע וואָרצלען, עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל איהם אויפ־ריכטיג באַוויינען, קדיש זאָגען נאָך איהם, יאָהרצייטען האַלטען, אָדער אַמאָל זיין קבר באַזוכען.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

ווען מיר וועלען אָבער גרינדליך אַנאַליזירען די פראַגע, אויב קינדער זיינען ווירקליך די, וואָס מאַכען דעם מענשען אימער גליקליך, וועלען מיר מיט באַשטימטקייט קענען באַשטעטיגען, אַז בלויז גוטע און געלונגענע קינדער זיינען אימשטאַנד די עלטערען נחת און כבוד צו פאַרשאַפען.

ווען אדם הראשון האָט געזינדיגט, האָט גאָט צו איהם געזאָגט: „ארורה האדמה בעבורך", די ערד זאָל זיין פאַרשאָלטען פון דיינעטוועגען. פרעגט זיך אַ קשיא: „אם אדם חטא, האדמה מה חטאה?", ווען אדם הראשון האָט געזינדיגט, טאָ מיט וואָס האָט זיך די ערד פאַרזינדיגט? באַמערקען אויף דעם די חז"ל: „משל ליוצא לתרבות רעה, והבריות מקללות שדים שינק מהם", דאָס מיינט, אַז ווען אַ קינד געהט אַרונטער פון ריכטיגען וועג, ער ווערט שלעכט און פיהרט זיך ניט ווי עס דאַרף זיין, שילטען ניט די מענשען איהם אַליין, נור זיי שילטען די ברוסטען, וואָס האָבען איהם געזויגען.

אָט האָבען מיר אַ באַווייז, אַז אויב אַ קינד איז שלעכט, ווערען די עלטערען פון יענעם פאַרשאָלטען, ווי מיר וועלען דאָס וויטער פאַרשטעהן: שני בני אדם אמרו דבר אחד, אברהם ודוד, אברהם אמר: רבש"ע אם עתיד אני להעמיד בנים להכעיסך, מוטב לי ואנכי הולך ערירי, ודוד אמר: חקרני אל ודע לבבי דע הפורשים ממני וראה אם דרך עוצב בי, ונחני בדרך עולם אמר לפניו: רבש"ע, אם עתיד אני להעמיד בנים ולהעציבך, מוטב לי ונחני בדרך עולם (בראשית רבה, פ' מ"ד פיסקא י').

צוויי מענשען האָבען געזאָגט איין זאַך: אברהם און דוד, אברהם האָט געזאָגט: רבש"ע, אויב דו ווייסט, אַז די קינדער וואָס איך וועל האָבען וועלען ניט זיין קיין גוטע און וועלען דיר דערצערענען, איז בעסער איך זאָל געהן אַליין און בלייבען אָהן קינדער. און דוד האָט געזאָגט: פאַרשטעה גאָט מיין האַרץ און זעה אויב עס וועט פון מיר אַרויסקומען קינדער, וואָס וועלען דיך טרויעריג מאַכען, בעסער פיהר מיך אין דער אייביגקייט אַליין אָהן קינדער.

אברהם און דוד, די צוויי גרויסע זיילען פונ'ם אידישען פאָלק, די צוויי צדיקי עולם, זיכער איז זייער גרעסטער וואונש געוועזן צו האָבען קינדער. פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך געבעטען ביי גאָט, אַז אויב חלילה צו האָבען שלעכטע קינדער, וואָס וועלען ניט געהן אין ריכטיגען אידישען און מענש-

מעשים טובים זיינען חשובער ווי קינדער

ליכען וועג, זאָלען זיי בעסער בלייבען קינדערלאָז, ווייל שלעכטע קינדער זיינען די גרעסטע קללה פאַר זייערע עלטערען.

ישעיה הנביא האָט פאַרשטאַנען דעם צער פון מענשען, וועלכע פאַר־לאָזען די וועלט אָהן קינדער, זאָגט ער צו זיי: „ואל יאמר הסריס הן אני עץ יבש". דער קינדערלאָזער מענש זאָל ניט זיין פאַרצווייפעלט, ער זאָל ניט זאָגען, איך בין אַזוי ווי אַ טרוקענער בוים אויף וועלכען עס וואַקסט ניט קיין פרוכט. כי כה אמר ה' לסריסים, גאָט האָט אַזוי געזאָגט צו די קינדער־לאָזע: אשר ישמרו את שבתותי ובחרו באשר חפצתי ומחזיקים בבריתי. זאָלען זיי האַלטען היילִיג דעם שבת און אָפּהיטען די מצות ומעשים טובים ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם, וועל איך זיי געבען אין מיין אייגענעם הימלישען הויז אַ גוטען אָרט און אַ גוטען נאָמען. טוב מבנים ובנות. פיל בעסער און מעהר ווי זיהן און טעכטער זיינען אומשטאַנד צו געבען. שם עולם אתן לו, איך וועל פאַר דעם קינדערלאָזען, וועלכער האָט געהאַלטען מיין תורה ומצוות פאַראייביגען זיין נאָמען, אשר לא יכרת. זיין נאָמען וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערען.

די מעשים טובים זיינען די בעסטע קינדער, וועלכע באַגלייטען דעם מענשען ניט בלויז ביז צום קבר אזוי ווי די פון פלייש און בלוט, נור זיי באַגלייטען דעם מענשען אויף אַלע זיינע וועגען, אפילו איבער זיין קבר.

ווען מיר וואָלטען געהאַט דעם כח, צו זעהן מיט אונזערע גייסטיגע אויגען די מצוות ומעשים טובים, וואָס באַגלייטען דעם קינדערלאָזען און זיי באַשיצען איהם, וואָלטען מיר איהם ממש מקנא געווען.

צו אָט אַזאַ איד האָט ישעיה הנביא געזאָגט: „ולא יאמר הסריס הן אני עץ יבש", זאָל דער קינדערלאָזער מענש ניט זיין באַזאָרגט, אַבי ער האָט הייליג געהאַלטען דעם שבת, געוואַנדעלט און גאָט'ס וועג און ער האָט טייער געהאַלטען די גאַנצע תורה, איז דאָס וויכטיגער ווי קינדער.

להספד

בשביל ארבעה דברים חמה לוקה (ואחד מהם) על אב בית דין שמת ולא נספד כהלכה.

(סוכה כ״ט ע״א)

כל המוריד דמעות על אדם כשר הקב״ה סופרן ומניחן בבית גנזיו.

(שבת ק״ח).

דעם ערך און באַדייטונג פון טרעהרען האָט שוין דער פייטן לאַנג אָפּגעשאַצט ווען ער האָט געזאָגט: „ובשערי דמעות כי לא נשלבות" וואָס געהט האַנט און האַנט מיט אַ צווייטען אויסדרוק: „ושערי דמעות לא ננעלו"; שטאַרק און מעכטיג זיינען זיי, די טרעהרען, זיי ברעכען דורך די שטאַרקסטע ווענט, פאַר זיי עקזיסטירען ניט קיין מחיצות; אַלע טויערען ווערען פאַר זיי געעפענט.

טרעהרען זיינען אַ מין נשמה שפּראַך, וואָס גיט דעם קרעפטיגסטען אויסדרוק צו דעם מענש׳ס אינערליכע געפיהלען און שטעהען דעריבער פיעל העכער פאַר די ווערטער שפּראַך. ווערטער קענען זיין פאַרפיהרעניש; ניט אַלעמאָל קען מען זיך פאַרלאָזען אויף ווערטער ווייל ניט ביי אַלעמען איז „פיו ולבו שוין"; זיינען דעריבער ווערטער ניט איבערצייגענד און מען קען זיך ניט אויף זיי שטיצען.

טרעהרען אָבער זיינען יאָ איבערצייגענד; ס׳איז שווער צו מאַכען טרעהרען צו אָרדער... זיי קומען ניט לויט באַפעהל און דיקטאַציע, איז דעריבער היבש שווערליך צו פאַבריצירען פאַלשע טרעהרען און דערפאַר טראָגען זיי מעהר געוויכט און האָבען מעהר חשיבות.

פאַרשטעהען מיר פאַלגליך פאַר וואָס אונזער גמרא האָט געגעבען אַזאַ חשיבות צו די טרעהרען וואָס ווערען פאַרגאָסען אויף דעם טויט פון אַן אדם כשר, ווייל מיט די דאָזיגע טרעהרען ווערט דאָך געגעבען די העכסטע אָפּשאַצונג צום גרויסען מענשען ווען דער טויט האָט פון אונז אַוועקגעריסען.

להספד

וואָס עס איז אָבער ניט אַזוי פאַרשטענדליך איז, דאָס וואָס די גמרא זאָגט אונז אַז כביכול דער רבונו של עולם צעהלט די דאָזיגע טרעהרען און שליסט זיי איין אין זיינע שאַצקאַמערען; איינשליסען, מהיכי תיתי, אַ טייערע זאַך האַלט מען פאַרשלאָסען; אָבער צו וואָס דאָס צעהלען זיי? קענען די טרעהרען ניט איינגעשלאָסען ווערען נישט געצעהלטערהייד? דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין חשש גניבה איז דאָך צעהלען אַ אומנויטיגע זאַך?

אויב מען צעהלט יאָ די טרעהרען איז משמעות אַז עס איז ניט מחמת מורא פון אַרויס׳גנב׳נען זיי פון פלאַץ וואו זיי ווערען באַהאַלטען, נור זיי ווערען געצעהלט כדי צו וויסען וועלכע פון זיי זיינען בארעכטיגט איינגעשלאָסען צו ווערען און וועלכע ניט. אין דעם פאַל זעהט אויס, איז יאָ פאַראַן אַ חשש פאַר פאַלשע און ניט אויפריכטיגע טרעהרען, פונקט ווי עס איז אמאָל פאַראַן אַ חשש אויפ׳ן הספד גופאָ אַז ער איז פאַלש.

מען דערצעהלט אויף איינעם פון אונזערע אידישע גדולים פון אַ פריהע־ריגען דור צו וועמען מען האָט זיך געווענדעט מיט שאלות־ותשובות פון פיעלע וועלט טהיילען און געוועהנליך פלעגט מען אויף איהם שרייבען אַ גרויסען טיטול ווי, הגאון הגדול, שר התורה אד״ג, האָט ער זעהר פאַרזיכטיג איבערגעלייענט דעם גאַנצען טיטול און האָט דערויף געמאַכט פאָלגענדע באַמערקונג: „אַלץ וואָס דאָ איז געשריבען איז זעהר ריכטיג, גאון, גדול און שר־התורה, בלויז איין קליינער טעות איז דאָ געמאַכט געוואָרען און דאָס איז — אין נאָמען; אַנשטאָט מיין נאָמען, האָט דאָ געדאַרפט זיין דער נאָמען פון רבי עקיבא אייגער אָדער פון נודע ביהודה...

אויף מאַנכע הספדים קען אויך געזאָגט ווערען דאָס זעלבע: דער הספד מיט אַלע שבחים זיינען טאַקע אמת׳דיגע ווערטער, ניט מעהר וואָס דער בר מינן איז ניט דער ריכטיגער...

און פונקט ווי מיט׳ן הספד גופא אַזוי קען עס אויך פאַסירען מיט די טרעהרען אויפ׳ן הספד נור מיט אַ קליינעם אונטערשיד: דער הספד ווערט געמאַכט אויף דעם נפטר און וואָלט באמת געדאַרפט געמאַכט ווערען אויף אַן אַנדער נפטר, און מיט די טרעהרען איז אומגעקעהרט, זיי דאַרפען פאַר־גאָסען ווערען אויף דעם נפטר אָבער זיי ווערען באמת פאַרגאָסען אויף אַנדערע נפטרים...

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

עס איז זעהר גרינג צו פאַרגיסען טרעהרען אויף אַ נפטר וואָס איז אַוועק פון דער וועלט יונגערהייד, אין די סאַמע יאָהרען פון זיין בליהענדע יוגענט; ס'איז אָבער ניט אַזוי גרינג געריהרט צו ווערען ביז טרעהרען דעמאָלט ווען דער נפטר האָט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען און איז אַוועק פון דער וועלט אַ זקן ושבע ימים, האָט אפילו דער באַטרעפענדער נפטר געמעגט זיין אַ גרויסער רב און גאון וצדיק, קוים האָט ער שוין אויסגעלעבט זיינע יאָהרען, באַנוצט מען זיך מיט'ן באַקאַנטען אויסדרוק: „קיין אינגערער פון איהם זאָל ניט שטאַרבען”...

דער ספדן וועלכער איז געוועהנליך אויך אַן אדם גדול און שאַצט געהעריג אָפּ דעם גרויסען פאַרלוסט פון דעם אדם כשר, באַמיהט זיך מיט אַלע זיינע פעהיגקייטען צו דערוואַרעמען דעם עולם אַז אויך ער, דער עולם, זאָל באַגרייפען דעם ערך פון דער אבדה, אָבער ניט אַלעמאָל געלינגט עס איהם. און ווען ער זעהט אַז די מאַסען ווערען ניט געריהרט, נעהמט ער אַ סטראַטעגישע ווענדונג אין אַן אַנדער ריכטונג; ער הויבט פּאַלגליך אָן צו שילדערען די צרות הכלל פון, לאָמיר זאָגען, די שוידערליכע לאַגע אין וועלכע אידען געפינען זיך; ער מישט אויף דעם טרויעריגען קאַפּיטעל פון די היטלעריסטישע פאַרפאָלגונגען, די קאָנצענטראַציע לאַגערען, די קאַלך אויוועגס די קרעמאַטאָריומס מיט די אומגעקומענע זעקס מיליאָן אידען א. א. וו.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער דאָזיגער מיטעל העלפט; עס איז שוין דעמאָלט ניט קיין מאַנגעל אין טרעהרען... און קוים האָט זיך שוין דער טרעהרען קוואַל געעפענט איז שוין דאָן ניט אַזוי שווער פאַר'ן עולם „אָפּצושפּאַרען” אַ געוויסען פּראָצענט פון זיינע טרעהרען אויך אויפ'ן חשבון פון גרויסען נפטר, אָבער נור, ווי געזאָגט, אַ געוויסען פּראָצענט ווערענד די גרעסטע מאָס פון זיי ווערט גאָר פאַרגאָסען אויפ'ן חשבון פון אַנדערע צרות...

אָט דעריבער איז עס נויטיג פאַר'ן רבונו של עולם צו צעהלען די טרעהרען אויף אַן אדם כשר; ניט אַלע טרעהרען וואָס ווערען דעמאָלט פאַרגאָסען קענען אַריינגעהן אין די „בית גנזיו של הקב”ה”, ווייל ניט אַלע זיינען די ריכטיגע טרעהרען וואָס זיינען פאַרגאָסען געוואָרען אויף דעם אדם כשר'ס חשבון; הקב”ה דאַרף דעריבער אויסקלייבען די ריכטיגע טרעהרען, די אמת'ע און בלויז די ווערען איינגעשלאָסען אין די געהעריגע הימלישע שאַצקאַמערען.

להספד

און אמת׳ע טרעהרען אין דעם פאַל, זיינען די וואָס דריקען מיט זיך אויס דעם פאַרלוסט פון דעם אדם כשר, מיט׳ן טראָפּ אויפ׳ן כשר וואָס מיינט, ניט דעם פּיזישען פאַרלוסט נור דעם גייסטיגען, דעם פאַרלוסט פון די תורה, גאונות און צדקות.

גערעכט זיינען טאַקע די וואָס באַהויפּטען אַז אויף אַזעלכען וואָס האָט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען, איז ניטאָ וואָס צו וויינען ווייל עס איז דאָך „דור הולך ודור בא" און „קיין אינגערער פון איהם זאָל ניט שטאַרבען". דאָס איז אָבער נור וואָס אַנבאַטרעפט דעם פּיזישען פאַרלוסט, ווען אָבער עס רעדט זיך וועגען גייסטיגען פאַרלוסט, דאַן איז שוין קיין אונטערשיד ניט פון יונג צי אַלט.

אויב דער „ולבכותה" וואָס שטעהט ביי שרה׳ן איז געשריבען מיט אַ כ׳ זעירא (אַ קליינעם כ"ף) כדי מרמז צו זיין אַז אויף שרה׳ן איז ניט געוועען פיעל צו וויינען ווייל זי האָט שוין אויסגעלעבט איהרע יאָהרען, איז אָבער צו דער זעלבער צייט דער „לספוד" וואָס שטעהט אויך ביי די זעלבע שרה, ניט מיט קיין קלענערען בוכשטאַב, ווייל אין באַצוג צו הספד וואָס מיינט דורכאויס דעם גייסטיגען פאַרלוסט, האָט שרה׳ס עלטער כלל ניט פאַרמינדערט דעם ערך פון הספד אויף איהר...

אמת׳ע טרעהרען וואָס זיינען ראוי באַהאַלטען צו ווערען בבית גנזיו של הקב"ה, זיינען דעריבער בלויז יענע וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך די אָפּשאַצונג פון דער גייסטיגער זייט פון נפטר און ניט פון די פּיזישע *).

און דעריבער איז זעהר סימבאָליש דאָס וואָס „חמה לוקה" איז איינע פון די זאַכען וואָס ווערען פאַרצייכענט אויפ׳ן חשבון פון דעם „אב בית דין שלא נספד כהלכה", דאָס מיינט אַז מיט׳ן הספד איז ניט ווי געהעריג אָפּגעשאַצט געוואָרען דער גייסטיגער פאַרלוסט פון נפטר אַלס אב בית דין, די ליכטיגע זון וואָס האָט געשיינט אויף דער וועלט דורך דעם צדיק׳ס גרויסע בייטראַגען, איז ביים הספד פאַרטונקעלט געוואָרען, ניט אויף די דאָזיגע ליכט איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרען, איז דערפאַר „חמה לוקה" אַלס מדה כנגד מדה...

*) אויך וועלכע עס קען בדרך מליצה געזאָגט ווערען: „ודמעתה על לחיה", דאָס זיינען טרעהרען וואָס בלייבען אויף די באַקען און זיינען ניט זוכה אַרויפגעהן למעלה בגנזיו של הקב"ה...

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

**
*

ארבעה דברים הם תשמישו של עולם, ואם אבדו יש להם חליפין, ואלו הן: (איוב כ״ח־א׳) כי יש לכסף מוצא ומקום לזהב יזוקו; ברזל מעפר יוקח ואבן יצוק נחושה, תלמיד חכם שמת מי מביא לנו תמורתו״ (ירושלמי ברכות פ״ב — שה״ש רבה ו׳־ה׳).

אַלע אַנדערע זאַכען ווי: זילבער, גאָלד, אייזען און קופּער, ווען זיי ווערען פאַרלאָרען, האָבען זיי אַן ערזאַץ מען געפינט דעם ארט פון וואַנען זיי זיינען פריהער געצומען געוואָרען און דער דאָזיגער פלאַץ ליפערט ווידער די זעלבע מאַטעריאַלען. ווען אָבער אַ חכם געהט אַוועק פון דער וועלט, איז פאַר איהם קיין ערזאַץ ניטאָ.

אויבענאויף קוקט עס אויס ווי אַ סתירה צו אַ צווייטע דרשות חז״ל אויפ׳ן פסוק: וזרח השמש ובא השמש (קהלת א׳) אויף וועלכעס די חז״ל דרש׳נען: א״ר אבא בר כהנא, וכי אין אנו יודעים שזרח השמש ובא השמש (וויסען מיר דען ניט אַז די זון שיינט אויף און די זון פאַרגעהט?) אלא עד שלא ישקיע הקב״ה שמשו של צדיק זה הוא מזריח שמשו של צדיק חבירו; יום שמת ר׳ עקיבא נולד רבינו (ר׳ יהודה הנשיא); וקראו עליו: וזרח השמש ובא השמש; יום שמת רבינו נולד רב אדא בר אהבה, וקראו עליו: וזרח השמש ובא השמש; יום שמת רב אדא בר אהבה נולד ר׳ אבין וקראו עליו: וזרח השמש ובא השמש וכו׳ וכו׳ (בראשית רבה נח).

זעהט דאָך דערפון אויס אַז אויך צו די פּטירה פון אַ צדיק איז דאָ אַן ערזאַץ, אַט ווי שיקט זיך דער „מי מביא לנו תמורתו״ וואָס מיינט אַז דעם צדיק׳ס פּטירה האָט ניט קיין ערזאַץ?

אין אמת׳ן איז עס אָבער קיין סתירה ניט ווען מיר שטעלען דעם ריכטיגען טראָפּ אויף דיביידע באַטרעפענדע מאמרים. ניט אומזיסט האָבען חז״ל געגעבען דעם משל פון „וזרח השמש ובא השמש״; אמת טאַקע אַז צוזאַמען מיט זון אונטערגאַנג איז אויך פאַראַן זון אויפגאַנג, אָבער דאָס געשעהט ניט אויף איין און דעם זעלבען אָרט; די זונ׳ס אונטערגאַנג איז אין מערב וועהרענד איהר אויפגאַנג איז אין מזרח; און אויב מיר זיינען טאַקע זיכער אַז דער אונטערגאַנג פון אַ צדיק ווערט ערזעצט מיט׳ן אויפגאַנג פון אַן אַנדער צדיק, קען דאָך דאָס זעלבע אָבער אויך זיין ווי דער פאַל מיט דער

להספד

זון, אַז דער געבורט פון דעם נייעם צדיק זאָל ניט גראָדע זיין אויף דעם זעלבען אָרט וואו דער פריהעריגער צדיק איז נעדר געוואָרען...

ריכטיג האָבען זיך דעריבער חז"ל אויסגעדריקט: „תלמיד חכם שמת מי מביא לנו תמורתו"; ווער וועט אונז ברענגען זיין ערזאַץ, עס איז דאָך מעגליך אַז דער נייער צדיק איז גאָר געבוירען געוואָרען אין אַן אַנדער וועלט טהייל, אָבער דאָ ביי אונז, איז נאָך קיין ערזאַץ ניטאָ אויס'צופילען דעם חלל וואָס איז געבליבען מיט'ן אַוועקגעהן פון דעם אָרטיגען צדיק...

אָט דאָס דאַרף זיין דער חשבון ביים הספד פון אַן אדם גדול; און מיט אַזאַ חשבון קען מען ווירקליך נתעורר ווערען און פאַרגיסען די אמת'ע טרעהרען וועלכע וועלען געפינען זייער פלאַץ בבית גנזיו של הקב"ה; און די דאָזיגע התעוררות וועט שוין ממילא אויך ברענגען צו הרהורי תשובה וואָס אָס אַליין איז שוין טהיילווייז אַן ערזאַץ צו די גרויסע אַבדה, אַזוי אַז די טונקעלע זון זאָל ווידער ליכטיג ווערען, ובא לציון גואל, אמן.

להקמת מצבה

והאבן הזאת אשר שמתי מצבה, יהיה בית אלקים.
(בראשית כ״ח־כ״ב).

דער אויסדרוק פון דרשנים און מטיפים ביי דער געלעגענהייט פון אַ הספד ביי אַ לויה, אָדער ביי הקמת מצבה, לויטעט: „מיר האָבען זיך דאָ צונויפגעזאַמעלט צוצוטיילען דעם לעצטען כבוד צום נפטר״. דאָס איז נאַטיר־ליך אַ ריכטיגער אויסדרוק, ווייל עס איז דאָך באמת דער לעצטער כבוד; געשטאָרבען, באַגראָבען און פאַרגעסען...

ריכטיג אָבער איז דער אויסדרוק נור אין באַצוג צו די געוועהנליכע קרובים און גוטע פריינד פון דעם בר־מינן, פאַר זיי איז עס טאַקע דער לעצטער כבוד. דער אויסדרוק קען אָבער נישט זיין אַנווענדבאַר אויך פאַר די קינדער פון דעם פאַרשטאָרבענעם; ביי זיי, איז עס נישט דער לעצטער כבוד, ווייל דער כבוד פון קינדער צו עלטערען איז ניט בלויז אַ עטהישע זאך וואָס האָט צו טאָן מיט געזעלשאַפטליכען נמוס, ביי זיי איז עס פיעל מעהר דערפון, עס איז אַ פליכט, אַ חיוב וואָס וואָרצעלט אין די מצוה פון כבוד אב ואם, אַ מצוה וואָס איז אַרויפגעשטעלט געוואָרען אויף דער סאַמער הויך פון די עשרת הדברות, און אַלס אַזעלכע ענדיגט זי זיך ניט מיט׳ן טויט. לויט׳ן אידישען דין איז די דאָזיגע מצוה חל אויך נאָכ׳ן טויט; אַזוי ווערט גע־פסק׳נט אין דער גמרא און אין שולחן ערוך אַז: „מכבדו בחייו ומכבדו במותו״. דאָס קינד דאַרף מקיים זיין די מצות כבוד, סיי ביים פאָטער׳ס לעבען און סיי נאָך זיין טויט, און דערפאַר שיקט זיך ביי קינדער ניט צו זאָגען אַז עס איז דער לעצטער כבוד.

פאַרקעהרט גאָר: דער כבוד פון נאָכ׳ן טויט וועגט נאָך פיעל איבער אין חשיבות דעם כבוד פון ביים לעבען, דען אויב ביים לעבען קען דאָך

להקמת מצבה

אַמאָל געמאָלט זיין אַז אפילו ווען דאָס קינד פאַרלעצט דעם כבוד פון די עלטערען און פילט ניט אויס זייער פאַרלאַנג, זאָלען די עלטערען פונדעסט־וועגען דערפון אין עצם ניט ליידען; זיי קענען זיך אַליין באַהילפיג זיין און די מיסיע וואָס דאָס קינד האָט געהאַט צו דערפילען איז זי דורך די עלטערען אַליין דערפילט געוואָרען. דאָס דאָזיגע קען אָבער ניט געשעהן אין באַצוג צום כבוד נאָכ׳ן טויט ווען די עלטערען זיינען שוין אין גאַנצען הילפלאָז און דאָס וואָס דאָס קינד דאַרף פאַר זיי טאָן קען עס דורך זיי אַלייך באין אופן ניט ערזעצט ווערען, דאָ, איז שוין די מצות כבוד פיעל מעהר אָבליגאַטאָריש, די פליכט איז שוין באַדייטענד גרעסער.

אָבער דאָ וועט מען פרעגען: וואָס פאַר אַ סאָרט פליכטען זיינען עס בכלל אין וועמענס דורכפיהרונג די טויטע עלטערען זאָלען זיך נויטיגען און די קינדער זאָלען עס אָבליגאַטאָריש דאַרפען מקיים זיין? דער טויטער, אויב ער קען ניט, דאַרף ער דאָך נישט, נויטיגט ער זיך דאָך שוין במילא ניט אין קינד׳ס הילף?

דאָס איז אָבער נור אַן אויבערפלעכליכע קשיא, אין אמת׳ן, זיינען אויך פאַר׳ן פאַרשטאָרבענעם פאַראַנען זאַכען אין וועלכע ער נויטיגט זיך, און טאָקע שטאַרק אויך, און נור די קינדער זיינען אימשטאַנד די דאָזיגע זאַכען איהם צו פאַרשאַפען.

און ווי פאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען, איז עס אָבער דאָך אַ פאַקט אַז אויך נאָכ׳ן טויט איז די הויפט אויפגאַבע פון קינדער אויפצוהאַלטען טאַטע־מאַמע ביים לעבען, מיט דעם איינציגען אונטערשיד וואָס עס מיינט נישט ביים פיזישען לעבען נור ביים גייסטיגען לעבען, ביי די חיים הנצחיים. אָט די אויפהאַלטונג קען נור געמאַכט ווערען דורך די קינדער.

עס איז אויך זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אויב פאַר פיזיש לעבען דאַרף מען האָבען פיזישע מיטלען דאַרף מען פאַר גייסטיג לעבען האָבען גייסטיגע מיטלען, און מיט די דאָזיגע מיטלען דאַרפען זיך די קינדער באַנוצען אויב זיי ווילען באמת אויפהאַלטען זייער טאַטען אָדער זייער מאַמען ביים אמת׳ן לעבען.

אַלס לעבעדיגע אילוסטראַציע קען פאַר אונז דיענען אַ בילדליכע שיל־דערונג פון אַ טאַטען מיט קינדער וואָס קומט צום אויסדרוק אין אונזערע

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

אגדות חז״ל אין באַצוג צו אונזער גרויסען טאַטען, יעקב אבינו, און זיינע גרויסע קינדער, די שבטי י־ה.

רב נחמן ור׳ יצחק הוי יתבי בסעודתא, א״ל רב נחמן לר׳ יצחק לימא מר מלתא וכו׳ בתר דסעוד א״ל הכי א״ר יוחנן יעקב אבינו לא מת; א״ל וכי בכדי ספדו ספדייא וחנטו חנטייא וקברו קברייא? א״ל מקרא אני דורש שנאמר: ואתה אל תירא עבדי יעקב נאום ה׳ ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים. (תענית ה׳ ע״ב).

אין אַ שמועס צווישען די צוויי אמוראים, רב נחמן און ר׳ יצחק, איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון איינעם פון זיי אין נאָמען פון ר׳ יוחנן אַז יעקב אבינו איז ניט געשטאָרבען; און ווען דער צווייטער האָט איהם געפרעגט: כטייטש, וואָס טהוסטו מיט די שילדערונגען פון חומש ווי מען האָט יעקב׳ן געפּאַלמעסט, געמאַכט הספּדים און מקבר געווען, און אָט די זאַכען ווערען דאָך ניט געטאָן צו קיין לעבעדיגען? איז דאַרויף געקומען דער ענטפער אַז די פריהעריגע ערקלערונג שטיצט זיך אויף אַ פּסוק אין וועלכען יעקב מיט זיינע קינדער ווערען צוזאַמענגעבראַכט אינאיינעם, און דאָס איז אַ באַווייז אַז יעקב ווערט פאַרגליכען צו זיינע קינדער, אַזוי ווי זיינע קינדער לעבען, אַזוי לעבט יעקב אויך.

עס איז קיין צווייפעל ניט אַז די דאָזיגע אויפקלעהרונג וועגען יעקב׳ס אייביגען לעבען, באַציהט זיך ניט אויף זיין פיזישען לעבען, דען אפילו ווען דער בעל המאמר איז געקומען באַוואָפענט מיט אַ פּסוק צו באַקרעפטיגען זיין מימרא דורכ׳ן היקש פון „מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״, לאָזט זיך נאָך אָלץ פרעגען די ערשטע פראַגע: „וכי בכדי ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא״, די געשיכטע פון יעקב׳ס טויט, הספד, פּאַלמעסען און קבורה, איז דאָך אויך אַרויסגענומען פון בפירוש׳ע פסוקים, טאָ מיט וואָס איז יענער פסוק מיט׳ן היקש שטאַרקער פאַר די פסוקים, „מאי אולמיה האי קרא מהאי קרא״?

עס איז דערפאַר, ווי געזאָגט, קיין ספק ניט אַז דאָ האָט זיך ניט געהאַנדעלט וועגען יעקב׳ס פיזישען לעבען נור וועגען זיין גייסטיגען לעבען, און דאָ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען אַן ערהאַבענער געדאַנק אין די ווערטער פון „מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״, אַ געדאַנק לויט וועלכען קינדער זיינען אימשטאַנד

להקמת מצבה

„אויפהאַלטען עלטערען ביים לעבען" אפילו נאָך זייער טויט, זיי קענען ממשיך זיין זייער גייסטיגען לעבען און זיי געבען אומשטערבליכקייט דאַמיט וואָס „מה זרעו בחיים"; אויב די קינדער לעבען אַזאַ סאָרט לעבען ווי דער טאַטע האָט געלעבט, אַ אידיש טראַדיציאָנעלען לעבען; זיי פאַרהייליגען זיינע הייליג־קייטען, זיי האַלטען טייער און עהרליך זיינע טראַדיציעס און קאָפּירען דורכ־אויס זיין אידישען לעבענס שטייגער, לעבט שוין ממילא זייער טאַטע אויך, זיין לעבען, דעם טאַטענס, ווערט פאַרטגעזעצט אינ'ם לעבען פון זיינע קינדער און מען קען שוין מיט רעכט זאָגען אַז „יעקב לא מת".

„במתים חפשי", ווערט פון אונזערע חז"ל גע'דרש'נט: „כיון שמת נעשה הפשי מן המצוות"; דער קיום המצוות איז נור אנהאַלטענד כל זמן מען לעבט, נאָכ'ן טויט ווערט מען פריי פון מצוות, מען קען שוין דאַן ניט מקיים זיין קיין איין איינציגע מצוה עס איז „היום לעשותם", היום ולא מחר.

מען דערצעהלט אויפ'ן ווילנער גאון זצ"ל אַז פאַר זיין פטירה האָט ער אָנגענומען די ציצית פון זיין טלית און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. זעהט, האָט ער געזאָגט צו די אַרומיגע, די גמרא זאָגט: „שקולה מצות ציצית כנגד כל התורה כולה", די מצוה פון ציצית איז אַזוי וואָגיג אַזוי ווי די גאַנצע תורה, און וויפיל, מ'שטיינס געזאָגט, קאָסט אַ בינטעל ציצית, בלויז עטליכע גראָשענס, היינט זעהט, פיהרט אויס דער גאון, פאַר אַזאַ נישטיגע סומע קען מען זיך ביים לעבען איינקויפען אַזאַ רייכען אוצר וואָס וועגט אַריבער כל התורה כולה, אָבער נאָכ'ן טויט קען מען דאָך פאַר קיין כל הון דעלמא ניט איינקויפען אפילו די מינדעסטע קליינע מצוה...

דערפאַר זאָגען מיר, איז דאָך דער פאַרשטאָרבענער גענצליך הילפלאָז אין דיזען באַצוג, און בלויז דורך די הילף פון קינדער, דורכ'ן „זרעו בחיים" קען אויך זיין „הוא בחיים".

עס איז דעריבער ווי געזאָגט, בלויז פאַר פרעמדע, אַ כבוד האחרון, דער הספד פון די לויה אָדער פון הקמת מצבה, אָבער ניט פאַר די קינדער ביי וועמען עס איז אַ המשך אָהן אַ סוף.

און ווען מען שטעהט ביי הקמת מצבה, איז די ריכטיגע צייט פאַר קינדער זיך צו פאַרטראַכטען אין דעם; זיי דאַרפען פאַרשטעהן אַז „מצבה" וואָס מיינט „מאָנומענט" דריקט זיך ניט אויס אין דעם אויפגעשטעלטען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

שטיין, נור אין די מצבה וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין די הערצער און נשמות פון די איבערגעבליבענע קינדער.

עס איז כדאי צו געדענקען אַז דאָס ערשטע מאָל וואָס ווערט דערמאָנט „מצבה" אין דער תורה, איז עס טאַקע ביי דעם זעלבען יעקב אבינו וואו דער פסוק זאָגט: „והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים"; די מצבה ווערט ענג פאַרבונדען מיט'ן „בית אלקים", און בית אלקים איז די ריכטיגע אויסטייטשונג פון „מצבה", אַ גייסטיגע מצבה, אַ געטליכע, אַ בית אלקים.

אַט אַזאַ מצבה האָט יעקב זיך אויפגעשטעלט דורכדעם וואָס ער האָט איבערגעלאָזט שעהנע קינדער, די הייליגע שבטי י־ה וועלכע האָבען איהם געמאַכט אומשטערבליך.

און מיר אַלס די בני יעקב דאַרפען נאָכפאָלגען דעם ביישפיל פון די ערשטע ביבלישע בני יעקב און זעהן אַז אונזער שטייגער לעבען זאָל אויך זיין אַזאַ, וואָס מען זאָל קענען דאַרויף זאָגען: „מה זרעו בחיים אף הוא בחיים" און נור אַזוי קענען מיר אַלס קינדער אויפשטעלען די ריכטיגע מצבה.

***

דער דאָזיגער מצבה פסוק פון יעקב אבינו וואו די מצבה ווערט אַ שם נרדף מיט'ן בית אלקים, דערפיהרט שוין אגב צו נאָך אַ געדאַנק וואָס די קינדער דאַרפען שטאַרק אין אכט נעהמען, און דאָס איז אַז די מצבה דאַרף פאַר די קינדער זיין ווי אַ בית אלקים, אַ אידישע שוהל און דאַרף באַנוצט ווערען פאַר די זעלבע פונקציעס פאַר וועלכע די שוהל ווערט באַנוצט.

די אידישע שוהל ווי באַוואוסט, ווערט באַנוצט סיי, באַהיט ג־ט, אין ליידען און סיי אין פריידען. דער איד ווערט אויטאָמאַטיש פאַרבונדען מיט דער שוהל גלייך פון זיין געבורט, בעסער געזאָגט, נאָך פון פאַר זיין געבורט, זאָל עפּעס געשעהן מיט זיין מוטער פאַר זיין געבורט, בימי עבורה, אָדער ביים געבורט גופא, לויפט מען באַלד אין שוהל אַריין זאָגען תהלים און מאַכען „מי שברך"; אַז דער אויבערשטער העלפט און זי „קומט איבער" לשלום, לויפט מען ווידער אין שוהל „בענשען גומל". אין ווייטערדיגען פּראָצעס פון לעבען ווען דאָס קינד וואַקסט אונטער און טאַטע־מאַמע האָבען

להקמת מצבה

שוין דערלעבט דעם נחת צו פייערן זייער קינד'ס „בר מצוה", איז ווידער די שוהל וואו מען פראַוועט די בר־מצוה מיט פראַכט און גלאַנץ. דאַן קומט די פעריאָדע פון חתונה האָבען, איז דער ערשטער פאַרשפּיל ווידער אין שוהל וואו מען ברענגט דעם חתן כלה לתורה זיין (אופרופען) דעם שבת פאַר די חתונה.

פונקט אַזוי באַנוצט מען זיך מיט דער שוהל חלילה אין ליידען. ווערט ח"ו איינער פון דער פאַמיליע קראַנק און דאָקטוירים „טאַפּען אין דער פינסטער", אָדער ערקלעהרען די קראַנקהייט אַלס אַן ערנסטע, לויפט מען אין שוהל מתפלל זיין און מי שברך מאַכען. חלילה אין אַ פאַל פון טויט, און קינדער ווילען געבען אויסדרוק צו זייער צער און פאַרביטערונג, ווערט עס ווידער געגעבען דורך די שוהל וואו זיי פאַרבינדען זיך מיט די נשמות פון זייערע ליעבע און טייערע דורך דעם קדיש און יאָהרצייט. אויך אין די סאַמע פרעהליכע יום־טוב טעג ווען די עראיינערונג אין די דורך טויט אַוועק־געריסענע פון אונז, שטערט אונז אַביסעל דעם עונג יום־טוב און עס איז נויטיג אַביסעל זיך אַראָפּרעדען פון האַרצען כדי די שמחת יו"ט זאָל אונז קענען איינגעהן, קומט ווידער די שוהל צו הילף דורך איהר טראַדיציאָנאַלען „יזכור".

אַט אַזוי שפּיעלט די שוהל די הויפּט ראָלע אין אונזער לעבען ביי אַלע געשעהנישען און אין אַלע צייטען.

והאבן הזאת אשר שמתי מצבה, יהיה בית אלקים!

און אַזוי זאָל דער דאָזיגער מצבה שטיין אונז אויך דיענען מיט די זעלבע שוהל פונקציעס. אין ליידען ווי אין פריידען, זאָלען קינדער קומען צו דיזער מצבה. אין אַ צייט פון צער חלילה, זאָל מען קומען מתפלל זיין אַז אין זכות פון דעם פרומען טאַטען זאָל השי"ת העלפען אין דער דאָזיגער נויט. דעסטגלייכען אין אַ צייט פון פרייד און שמחה, זאָל מען קומען מתפלל זיין אַז השי"ת זאָל געבען רשות די נשמה צו קומען אַנטייל נעהמען אין דער שמחה און ממילא זיין אַ מליץ יושר אַז די שמחה זאָל זיין אַ בת־קיימא און אַ שטאַנדהאַפטיגע.

דאָס דאַרף זיין די פונקציע פון דער מצבה, און בלויז דורך פאַרוואַנדלען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

די מצבה אין אַ בית אלקים, ווערט איהר ערך דערהויבען צו געבען אומ־שטערבליקייט צו די וואָס רוהען אונטער איהר; און דאָס אַלעס, ווי געזאָגט, געווענדט זיך אין די קינדער ביי ווענען די מצבה פון כבוד אב ואם איז פון אַ אייביג דויערענדען כאַראַקטער. זיי, די קינדער, מיט זייער נאָכגעפאָלגטען אידישען לעבענס שטייגער, קענען רעאַליזירען דעם וואונש פון:

מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים!

הקוצצים באילנות

(לחנוך הבנים)

מאורות (ירח וכוכבים — רש״י) לוקין על קוצצי אילנות טובות.
(סוכה כ״ט ע״א)

יעדער בנין מוז האבען אַ שטאַרקען יסוד אויף וואָס דער בנין זאָל זיך קענען האַלטען; אָהן אַ יסוד מעג דער בנין זיין שעהן און פּרעכטיג און געבויט לויט די לעצטע מעטאָדען פון דער טעכניק, וועט ער סוף סוף איינפאַלען און חרוב ווערען.

דאָס זעלבע איז אויך אין גייסטיגען זין. אויך גייסטיגע בנינים מוזען זיין געבויט אויף שטאַרקער און געזונטע יסודות אום צו זיכערען זייער עקזיסטענץ.

וואָס איז אַלזאָ דער יסוד פון דעם גרויסען גייסטיגען בנין וואָס רופט זיך אידישקייט? וואָס איז דער פונדאַמענט אויף וועלכען עס שפּאַרט זיך אָן דער בנין היהדות און וואָס זיכערט זיין קיום?

דער ענטפער איז גאַנץ קלאָהר און פשוט: דער יסוד פון אידישקייט זיינען אונזערע קינדער און דער יסוד פון אונזערע קינדערס אידישקייט פאַנגט זיך אָן אין זייער סאַמען בליהענדען יוגענט.

„חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו" — זאָגט דער חכם מכל אדם. די יוגענט איז דער פונדאַמענט אויף וועלכען עס בויעט זיך אַרויף דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען, און אַלץ געוועגדט זיך ווי אַזוי דער דאָזיגער פונדאַמענט איז אָוועקגעלייגט געוואָרען און ווער זיינע בוי מייסטערס זיינען געוועזן.

ווי וויט אונזער תורה גופא האָט געלעגט די גרעסטע געוויכט פון

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

אידישקייט אויף דעם יוגענט, איז צו זעהן פון די אויסטייטשונג פון אונזערע חז״ל דעם פסוק פון די כרובים:

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפורת ופניהם איש אל אחיו (שמות כ״ה).

ביי די כרובים פון ארון פון מקדש שלמה זאָגט דער פסוק: ופניהם לבית (דברי הימים ב׳־ג׳).

איז אָט וועגען די כרובים קומען אונזערע חז״ל און מאַכען פאָלגענדען קאָמענטאר:

מאי כרוב? א״ר אבוה כרביא שכן בבבל קורין לינוקא רביא (סוכה ה׳)

רש״י אין חומש טייטשט אויס אַז „דמות פרצוף תינוק להם״, די כרובים האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם געזיכט פון אַ קינד.

דער ארון הקדש, די סאַמע העכסטע מדרגה פון קדושה וועלכע האָט זיך געפונען אין קדש־הקדשים דער סאַמע העכסטער אָרט פון קדושה וואָס פלעגט בלויז איינמאָל אַ יאָהר, אין דעם גרעסטען טאָג פון קדושה, באַזוכט ווערען בלויז פון איין מענש, דער גרעסטער אין קדושה, דער כהן גדול — אָט דער ארון הקדש פון וועלכען דער כפרת איז געווען זיין העכסטער פּונקט פון קדושה, האָט טאַקע מיט דיזען כפרת פאָרגעשטעלט דעם „דמות פרצוף תינוק״, וואָס מיינט אַז די יוגענט האָט זיך ערווארבען די סאַמע העכסטע פּאָזיציע אין אידישען קדושה לעבען.

און מיר דאַרפען דאָך אויך ניט פאָרגעסען אַז ווען די געלטיכקייט האָט זיך אַנטפּלעקט צו משה רבינו, איז עס אויך געווען דורך די דאָזיגע כרובים:

ובבא משה אל אהל מועד לדבר אתו, וישמע את הקול מדבר אליו
מעל הכפרת אשר על ארון העדות, מבין שני הכרובים
(במדבר ז׳־פ״ט)

וואָס זאָגען אונז אָט די אַלע סימבאָלישע אַנדייטונגען?

אויף דעם ענטפער דערצו געפינען מיר אַנגעוואונקען אין פסוק:

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה, סוככים בכנפיהם על הכפרת.

כדי צו געפינען די אמת׳ע שוץ פאר אונזער תורה, כדי צו פאַרזיכערען איהר דויערהאַפטיגען קיום, דאַרף מען זעהן אַז די „כרובים״, אונזער יוגענט, זאָל פאַרכאַפּען די העכסטע תורה פּאָזיציע, זיי, אונזערע יונגע

הקוצצים באילנות

קינדער, דאַרפֿען זיין די „סוככים בכנפיהם על הכפרת", גור אויף זייער שוץ קענען מיר זיך פֿאַרלאָזען, ווייל זיי זיינען דער יסוד, דער פֿונדאַמענט אויף וועלכען עס דאַרף געבויט ווערען דער גרויסער בנין פֿון אידישקייט, האָבען מיר דעם יסוד איז דער גאַנצער בנין געזיכערט, חלילה ניט, שטעהט דאָס גאַנצע אידישקייט אין סכנה.

ודברתי אתך מעל הכפרת מבין שני הכרובים!

די געטליכע שטימע, דער קול השכינה, קען נור געהערט ווערען דורך די כרובים, דורך אונזער יוגענט, וואָס דאַרף זיין דער „בראָדקעסטער" פֿון גאָטס וואָרט, און פֿאַרשפּרייטער פֿון גאָטס תורה.

אַן ארון הקדש אָהן אַ כפרת, מיינט אַ תורה אָהן שוץ, און די שוץ פֿון כפרת מיינט — די כרובים!

יאָ, די כרובים, די יוגענט, איז דער יסוד פֿון דעם ריעזיגען און מעכטיגען בנין וואָס רופֿט זיך אידישקייט; אָבער צו לייגען אַ יסוד דאַרף מען דאָך האָבען קאָמפּעטענטע בוי מייסטערט וועלכע זאָלען שאַפֿען דעם אַרכיטעקטורישען פּלאַן פֿאַר דעם דאָזיגען יסוד. אין וואָס אַלזאָ באַשטעהט דער דאָזיגער פּלאַן?

אָט איז דער ענטפֿער:

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה!!

דער יסוד פֿון חנוך איז, צו ערציהען די קינדער אַלס פורשי כנפים למעלה, זיי זאָלען זיין די פֿאַרשפּרייטער פֿון הויכע און ערהאַבענע אידעאַלען. זיי ערציהען אין אַ גייסט פֿון הימלעשקייט; איינפּלאַנצען אין זיי די אנערקענונג און באַגייסטערונג פֿאַר געטליכקייט זיי זאָלען זיין געריכטעט למעלה, ארויף־צו, צום הימעל, צום אויבערשטען.

ופניהם איש אל אחיו!

די ערציהונג דאַרף זיין אַ גאַנצע, אויף דעם גאַנצען שטח פֿון דער אידישער תורה; זיי דאַרפֿען זיין אי געטליך אי מענשליך, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו, אין דער בחינה פֿון: „ואנשי קדש תהיו לי" לויט דער אויסטייטשונג פֿון איינעם פֿון די אַלטע צדיקי הדור, צו זיין מענשליך־הייליג, קדושה אין מענשליכקייט פּונקט ווי אין געטליכקייט.

דאָס איז, ווי געזאָגט, דער אַרכיטעקטורישער פּלאַן פֿאַר דעם יסוד פֿון

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אידישקייט וואָס וועט פאַרזיכערען דעם עקזיסטענץ פונ׳ם גאַנצען בנין היהדות.

ווער אָבער דאַרפען זיין די קאָמפּעטענטע אַרכיטעקטען אין וועמעס רשות מיר זאָלען קענען אַנטרויען די דאָזיגע אויפגאַבע?

דערויף קומט דער חכם מכל אדם און גיט דעם דייטליכסטען און קלאָהרסטען ענטפער:

ופניהם אל הבית!

• די הויז איז די פאַראַנטוואָרליכסטע ערציהערין: טאַטע־מאַמע, די פּאַרוואַלטער פון די אידישע הויז, זיי דאַרפען און זאָלען זיין די פאַראַנטוואָרטליכע אַרכיטעקטאָרען און זיי דאַרפען אַוועקלייגען דעם יסוד פון זייער קינדערס ערציהונג לויט די אָנצייכענונג פון דעם דערמאָנטען תורה פּלאַן: פּורשי כנפים למעלה, ופניהם איש אל אחיו...

קיין שום ערציהונג אויסערהאַלב די מחיצות פון דער אייגענער הויז, קען ניט זיין ערפאָלגרייך און קען ניט גאַראַנטירען די געווינשטע רעזולטאַטען.

חנוך גופא דאַרף אויך האָבען אַ יסוד, און דער דאָזיגער יסוד איז — די הויז. די ערציהונג פון „חדר״, פון „תלמוד תורה״ און „ישיבה״, מיינט שוין דער בנין גופא, דער יסוד פאַר דעם דאָזיגען בנין אָבער איז די הויז!

שטרענג איז דעריבער די וואָרנונג צו די דאָזיגע הויז אַרכיטעקטאָרען אויף צו דערפילען זייער הייליגע אויפגאַבע מיט דער גרעסטער אויפריכ־טיגקייט; און מיט אַ גאַנץ באַזונדער באַטאָנונג איז די דאָזיגע וואָרנונג געגעבען געוואָרען צו דער מאַמען, די עקרת הבית.

מיט אַ גרויסע שטראָף ווערען די אידישע מאַמעס געדראָהט „בעון שמכבסות צואת בניהם בשבת״ (שבת ל״ב), צוליב׳ן זינד וואָס זיי וואַשען אָפּ די שמוץ פון זייערע קינדער אום שבת.

איז אין דעם פאַראַן עפּעס מעהר ווי די ווערטערליכע און בוכשטאַבלעכע באַדייטונג.

שבת איז דער טאָג וואָס איז אָמבעסטען צוגעפּאַסט פאַר קינדער ערציהונג מצד די אידיש הויז. אַ גאַנצע וואָך ווען דער טאַטע איז פאַרדרעהט און פאַרנומען מיט זיינע טעגליכע אינטערעסען, האָט ער קוים די מעגליכ־קייט אויפצופּאַסען אויף זיינע קינדער, אין היבשע פאַלען האָט ער אפילו ניט די געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט זיינע קינדער אין די וואָכעדיגע

הקוצצים באילנות

טעג. ער פארלאזט די הויז גאנץ פריה ווען דאס קליינוואַרג שלאפט נאך און קומט אהיים גאנץ שפעט ווען די קינדער שלאפען שוין.

דער איינציגער טאג ווען דער טאטע האט די בעסטע געלעגענהייט צו דערפילען זיין פונקציע אלס הויז ערציהער, איז דער שבת טאג.

שבת, דער טאג פון מנוחה און קדושה, דער טאג פון גאלע רוחניות, דער יום הגדול וואס ברענגט צוזאמען די גאנצע משפחה פאר גאנצע זעקס און דרייסיג שעה, אריינרעכענענדיג אויך דעם מוצאי שבת, אט דער טאג דארף דורכאויס זיין געווידמעט פאר'ן חנוך הבנים. קינדער געהען מיט'ן טאטען אין שוהל אריין, זעצען ביי איין שבת טיש און זיינען מיט איהם צוזאמען דורכ'ן גאנצען מעת לעת. דארף דער דאזיגער טאג געהעריג אויס־גענוצט ווערען פאר דעם דאזיגען ערציהונגס צוועק. שבת דארף זיין דער טאג פון „פאהערען" די קינדער וואס זיי האבען געלערנט די גאנצע וואך, פון ערקונדיגען זיך וועגען זייער אויפפיהרונג, מיט ועמען זיי האבען זיך גע־חבר'ט די גאנצע וואך און אפנעהמען דין וחשבון פון זייער דאווענען, בענטשען אד"ג.

דער זוהר הקדוש זאגט: „כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין", אלע אויבערשטע און אונטערשטע ברכות (פון דער גאנצער וואך) זיינען אפהענגיג אין דעם שבת טאג. עס מיינט אז שבת איז דער טאג פון השפעה אויף דער גאנצער וואך, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות.

אין אט דעם פאל פון חנוך הבנים איז עס אויך גאנץ איינפאך. ווען קינדער ווייסען אז שבת איז פאר זיי א טאג פון דין וחשבון, א טאג פון אינספעקציע און עקזאמען, פלייסען זיי זיך די גאנצע וואך און גרייטען זיך צו פאר'ן שבת. מליצה'דיג קען מען דא אנווענדען דעם פסוק: „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו"; די מורא פאר טאטע־מאמע, ברענגט דערצו, צו ערוואַרטען דעם שבת און זיך געהעריג צוגרייטען פאר איהם די גאנצע וואך.

און דא קומט אריין די פונקציע פון דער מאמען. די מאמע דארף אויך אין אט דעם זין זיין צום טאטען אן „עזר" און ניט א „כנגדו". דאס קינד דארף פיהלען אז אין דעם טאג פון חשבון ווען דער טאטע איז שטרענג, זאל ער אין דער מאמען ניט געפינען קיין פארטיידיגער, די מאמע זאל ניט זוכען

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

זיך איינצושטעלען פאַר איהם און צונישט מאַכען די תביעות פון טאַטען; די מאַמע טאַר ניט זיין פאַר'ן קינד דער שטיץ־פונקט און זי דאַרף ניט פּרובירען אָפּצואוואַשען זיין שמוץ און איהם רייניגען פון זיינע חטאים וואָס דער טאַטע האָט אַנטדעקט אויף זיין רעקאָרד... ווייל דער עונש פאַר די דאָזיגע זינד, „בעון שמכבסות צואת בניהם בשבת איז זעהר גרויס.

מאורות לוקין על קוצצי אילנות טובות!

„מאורות", ווי רש"י טייטשט אויס, די זון און די לבנה, זיינען דער סימבאָל פון טאַטע מאַמע, ווי עס ווערט אָנגעוואונקען אין יוסף'ס חלום „והנה השמש והירח — — — משתחוים לי", און אויב זיי, די עלטערען, האַקען אונטער די גוטע בוימער אין געשטאַלט פון זייערע קינדער, זיי רייסען זיי אויס „ממקום גדילתו", פון דעם שבת־הויז אַטמאָספערע און לאָזען זיי איבער־געפלאַנצט ווערען אויף אַ פרעמדער וואָכעדיגער גאַס אַטמאָספערע, דאַן איז מאורות לוקין, זיי, די עלטערען אַליין, ווערען דורכדעם געשלאָגען, די קינ־דער ווערען פאַר זיי פאַרוואַנדעלט אין אַ קללה אַנשטאַט אַ ברכה און ווען זיי דערוואַכען ענדליך, איז שוין דאַן צו־שפּעט...

און ווידער דאַרף דער פריהער ציטירטער מאמר פון זוהר הקדוש קו־מען אויפ'ן געדאַנק:

כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תלין!

שבת איז דער טאָג פון ברכה פאַר דער גאַנצער וואָך סיי אין ענינים פון דלעילא (גייסטיגע) און סיי אין ענינים פון דלתתא (פיזיש־מאַטעריעלע) און וואָס אַנבאַלאַנגט חנוך איז עס אַ רעאַלער און פאַקטישער אמת.

חזק חזק ונתחזק

(דרוש להדרן)

עס דערמאָנט זיך עפּעס פון גרסא דינקותא, ווען מען האָט געלערנט אין חדר ביים גמרא מלמד און פון צייט צו צייט האָט דער רבי פּאַראַדענט איבערצוחזר'ן אַ געוויסע סוגיא אין אַ באַשטימטער צייט. ווען דער רבי האָט נאכהער געפרעגט אויב זיין אָרדער איז דערפילט געוואָרען, האָט זיך איינער פון די תלמידים אָנגערופען: יאָ, רבי, מיר האָבען שוין אָפּגעלערנט די סוגיא. דעם רבי'ן איז דער אויסדרוק „אָפּגעלערנט" ניט געפעלען געוואָרען. ביי אונז, האָט דער רבי געזאָגט, איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אָפּגעלערנט. אָפּגעלערנט איז נאָר דעמאָלט ווען מען געהט שוין אויף דער אמת'ער וועלט; כל זמן אָבער מען לעבט נאָך, האָט מען נאָך ניט אָפּגעלערנט. „מיר האָבען שוין די סוגיא געלערנט," וואָלט געווען דער ריכטיגער אויסדרוק, האָט דער רבי געזאָגט.

מיט אָט דיזער באַמערקונג האָט דער רבי אונז געלערנט אַ גאַנץ גרייסע זאַך. ער האָט דערמיט מכוון געווען צום גייסט פון דער אידישער טראַדיציע וואָס וואָרצעלט אין דעם נאָמען מיט וועלכען מיר באַצייכענען דעם יום טוב „שמחת תורה."

אייגענטליך פייערט מען דאָך דעם דאָזיגען יו"ט דערפאַר וואָס דעם טאָג ענדיגט מען די תורה; עס וואָלט דעריבער אפשר מעהר פּאַסיג געווען צו רופען דעם יו"ט מיט'ן נאָמען „סיום התורה" אָנשטאָט „שמחת תורה." סיום אָבער מיינט, געענדיגט, אָפּגעלערנט, און דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט'ן אידישען גייסט.

דערפאַר טאַקע האָט די טראַדיציע געשאַפען דעם מנהג אַז גלייך נאָכדעם ווי מען ענדיגט לייענען וזאת הברכה, פאַנגט מען גלייך אָן בראשית; דערמיט דערמאָנסטרירען מיר דעם דאָזיגען געדאַנק אַז די תורה ענדיגט

זיך ביי אונז קיינמאָל ניט. מיר האָבען קיינמאָל ניט אָפּגעלערענט, מיר האַלטען נאָכאַנאַנד אין איין לערנען, געענדיגט און גלייך פון דאָס ניי ווידער אָנגעהויבען פון בראשית...

דער באַגריף פון אָפּגעלערענט איז בכלל אַ פאַלשער אין באַצוג צו אונזער תורה. „אָפּגעלערענט" וואָלט געמיינט אַז מיר האַלטען שוין ביים סוף, און דאָס איז דאָךווירקליך פאַלש, ווייל וויפיל מען זאָל ניט האָבען גע־פּאַרשט די באַטרעפענדע ענינים אויף וועלכע מען מאַכט דעם סיום, האָט מען דאָך נאָך אַלץ ניט אויסגעפאָרשט אין גאַנצען, עס איז דאָך „ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים" און מען קען זיך קיינמאָל ניט דערגרונטעווען ביז'ן סוף.

דער באַוואוסטער פּסוק: „דרש דרש משה" (ויקרא י'—ט"ז) מיט וועל־כען עס ווערט אָנגעצייכענט די ענדע פון אַ האַלבער תורה אין צאַהל פון ווערטער, ווערט לויט די אידישע מסורה פאַראָרדענט דעם ערשטען „דרש" צו שרייבען ביים ענדע פון עמוד און דעם צווייטען „דרש" ביים אָנהויב פון דעם נאָכפאָלגענדען עמוד. איז עס זעהר סימבאָליש אויף דאָס פריהער געזאָגטע. דאָס וואָרט „דרש" מיינט „פאָרשען," האָט די מסורה געוואָלט דערמיט אויסדריקען דעם דערמאָנטען געדאַנק אַז דאָס פאָרשען די תורה קומט קיינמאָל ניט צו קיין ענד און ווען עס דוכט זיך אונז אויס אַז מיר האַלטען שוין מיט'ן „דרש" ביים סוף, קומט נאָכאַמאָל דער „דרש" און דוקא ביים אָנהויב פון עמוד אָנצואווינקען אַז דו שטעהסט נאָך מיט דיין „דרש" (פאָרשען) ביים סאַמע אָנהויב, דיין ערשטער „דרש" איז נאָך ניט דער סוף, דאַרפסט ווידער אָנהויבען צו פאָרשען, וחוזר חלילה, דו וועסט קיינמאָל ניט ענדיגען, קיינמאָל ניט האָבען אָפּגעלערענט.

און דער דאָזיגער רמז איז אַריינגעשטעלט געוואָרען ביי די העלפט פון דער תורה כדי דערמיט מרמז צו זיין אַז אפילו אויסצופאָרשען בלויז אַ טייל פון דער תורה ביסטו ניט אימשטאַנד, מכל שכן די גאַנצע תורה...

און פונקט ווי מיר לערנען אַ מאָראַל פון דער נעגאַטיווער זייט פון דעם שמחת תורה יום־טוב, דאָס הייסט, פון דעם וואָס מען רופט נישט דעם יו"ט מיט'ן נאָמען סיום התורה, אַזוי לערנען מיר אויך אַ מאָראַל פון דער

פאָזיטיוועך זייט, פון דעם וואָס מען רופט יאָ דעם יו"ט מיט'ן נאָמען שמחת תורה.

פרעהען, פרעהט מען זיך נאַטירליך דעמאָלט ווען מען ערדייכט עפּעס צו וועלכעס מען האָט געשטרעבט, מען פרעהט זיך אָבער ניט ווען די זאַך איז ניט ערדייכט געוואָרען. עס וואָלט פאָלגליך אויסגעקומען אַז אויב ווי מיר זאָגען, אַז אונזער תורה קען מען קיינמאָל ניט ענדיגען, עררייכט מען דאָך אַזוי אַרום קיינמאָל ניט דאָס געוואונשטע, וואָס מיינט די פּראָבערונג פון אונזער תורה, וואָלט דאָך עס הייסען אַז מיר האָבען זיך ניט מיט וואָס צו פרעהען... האָט מען דעריבער דעם יו"ט דוקא געקרוינט מיט'ן נאָמען שמחת תורה אום דעמאָלט צו דעמאָנסטרירען אַז דאָס טיילוויז עררייכטע פון אונזער תורה איז אויך ווערט געגוג זיך צו פרעהען דערמיט. דערויף האָבען שוין אונזערע חכמים לאַנג געזאָגט: „ולא עליך המלאכה לגמור" און איבערהויפּט אַז מען קען קיינמאָל ניט גומר זיין, אָבער ביי אונז געהט דער נוסח „ותן חלקנו בתורתך," אַ שטיקעלע חלק אין דער תורה איז אויך חשוב גענוג נאָכגעפאָלגט צו ווערען מיט אַ „ושמח נפשנו"...

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז די שמחה פון דעם דאָזיגען שמחת תורה יו"ט אַן און פאַר זיך אַן אינטעגרירטער טייל פון דעם יום טוב. מיט דער שמחה צייגען מיר אַז מיר פאַרשטעהען די גרויסקייט פון אונזער תורה, איהר טיעפקייט און אונדערגרייכבאַרקייט און אַז טראָצדעם וואָס מיר שטעהען אַלעמאָל אויף איין אָרט, אַלעמאָל ביים בראשית און קיינמאָל ניט ביי קיין סיום, איז עס דאָך ביי אונז אַ שמחת תורה אויף דאָס ביסעלע וואָס מיר האָבען יאָ עררייכט.

וואָלטען מיר אָבער זיך ניט געפרעהט, וואָלט עס געקענט אויסגעטייטשט ווערען אַז מיר זייגען אונטער'ן איינדרוק, אַז עס איז יאָ דאָ אַ מעגליכקייט זיך צו דערגרונטעווען ביז'ן סאַמען סוף פון דער תורה, און דעריבער אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטען נאָך ביים בראשית הייסט עס אַז מיר האָבען נאָך ניט דערגרייכט דאָס גאַנצע וואָס קען יאָ דערגרייכט ווערען און דערפאַר איז ניטאָ קיין גרונט פאַר שמחה.

וואָלט דאָך דאָס געווען פון אונזער זייט אַן אונטערשעצונג פון די גרויסקייט און טיעפקייט פון אונזער תורה און אַן אַפּלייקענונג פון דעם

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

„ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים.״ די שמחה איז דעריבער, ווי געזאָגט, ניט קיין צוגאָב צום יו״ט נאָר אַן עצם חלק פון יום־טוב גופא.

עס קלינגט דעריבער אַזוי שעהן דער מאמר חז״ל (שבת ל׳):

„כתיב: „ושבחתי אני את השמחה״ (קהלת ח׳—ט״ו) וכתיב: „ולשמחה מה זה עושה״? לא קשיא, ושבחתי אני את השמחה, זו שמחה של מצוה, ולשמחה מה זה עושה, זו שמחה שאינה של מצוה״

„שמחה של מצוה״ מיינט, אַז די שמחה איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מצוה גופא, און דאָס קען נאָר זיין אויב „ושבחתי אני את השמחה״, אויב איך לויב די שמחה, איך פאַרשטעה אַז די שמחה איז אַ באַרעכטיג־טע; אויב אָבער איך זאָג: „ולשמחה מה זה עושה,״ איך האַלט אַז די שמחה האָט אין אַזאַ פאַל קיין באַרעכטיגונג ניט, בין איך דאָך דערמיט פוגם די מצוה גופא ווייל אויב איך נעהם אָוועק די שמחה פון דער מצוה, איך טייל פאַנאַנדער צווישען אָט דיביידע און האַלט אַז עס איז „שמחה שאינה של מצוה,״ אַז די שמחה איז ניט קיין עצם טייל פון דער מצוה, מיינט עס אַז איך באַגרייף לחלוטין ניט דעם כאַראַקטער פון דער מצוה און קען איהר ניט געבען די ריכטיגע אָפּשאַצונג און מעהר ווי ביי וועלכע עס איז אַנ־דער מצוה איז דאָס מעהר בולט ביי דעם שמחת תורה יו״ט, וואו דער טעות קען שטאַרק בולט זיין דערפאַר וואָס מען קען דענקען, אַז אויב מען האַלט נאָך ביי „בראשית״ איז עס נאָך אַ האַלבע זאַך און עס איז זיך ניטאָ מיט וואָס צו פרעהען...

***

אין מדרש געפינען מיר אַ פּערעלדיגען וואָרט אין וועלכען עס שפּי־געלט זיך אָפּ דער דאָזיגער געדאַנק פון סיום און התחלה.

די אָבות העולם, זאָגט דער מדרש, בעת זיי האָבען געבענטשט זייערע קינדער, האָט יעדערער פון זיי אָנגעפאַנגען זיין ברכה מיט דעם וואָס דער פריהערדיגער האָט געענדיגט:

אברהם ברך את יצחק: „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק״; עמד יצחק לברך את יעקב, אמר: אבא פסק בויתן, אף אני מתחיל בויתן לך האלקים מטל השמים; ובמה פסק יצחק בקרייה שנאמר: „ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו,״ עמד יעקב לברך את השבטים,

חזק חזק ונתחזק

אמר: איני פותח אלא בקרייה, שנאמר: „ויקרא יעקב אל בניו"; ובמה חתם יעקב, בזאת, שנאמר: „וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם"; עמד משה לברך את ישראל, אמר: איני פותח אלא בזאת, שנאמר: „וזאת הברכה" (עיין דברים רבה י"א).

אויב דער זוהן מאַכט זיין „פתיחה" מיט דעם וואָס זיין טאַטע האָט גע־מאַכט דעם „סיום," און דעם טאַטענס סיום איז דעם זוהנ'ס בראשית, ווערט אַזוי אַרום ווייטער געשמידט די גאָלדענע קייט פון מסורת אבות און עס איז קיינמאָל קיין סיום ניטאָ נאָר אַ המשך פון אַן אייביגע דויערהאַפטיגקייט.

דאָס איז דער סוד פון השארת הנפש ווייל אַזוי אַרום פאַרבלייבט אויף אייביג דער עקזיסטענץ פון די פאַרגאַנגענע דורות אין דעם לעבען פון די קומענדע דורות, און בעת די קינדער זאָגען „יתגדל ויתקדש שמיה רבה," וואָס בוכשטעבליך באַציהט זיך עס אויף די אַלמעכטיגקייט וואָס ווערט אויסגעברייטערט מיט דער איבערפלאַנצונג פון דער געטליכער אמונה אין די הערצער פון די קינדער, איז עס צו דער אייגענער צייט אויך אַן אויסברייטערונג פון דעם נפטר'ס נאָמען וועמעס טויט איז ניט מעהר קיין סיום אַליין, נאָר אַ סיום מיט אַן התחלה צוזאַמען, אַ סיום ביים טאַטען און אַן התחלה ביים זוהן...

אין דעם דערמאָנטען מדרש ציהט זיך דער סיום מיט די התחלה פון אברהם'ען מיט משה'ן, אָבער עס פאַרשטעהט זיך אַז געמיינט האָבען אונזערע חז"ל אַז די דאָזיגע לעהרע דאַרף אויך געפינען איהר באָדען אין די ווייטער־דיגע דורות און מיט דעם וואָס משה האָט געענדיגט דאַרפען מיר אָנפאַנגען און טאַקע מיט משה'ס „וזאת"; משה האָט געענדיגט מיט „וזאת הברכה" און מיר דאַרפען אָנפאַנגען מיט „וזאת התורה אשר שם משה", און דאָמיט דעמאָנסטרירען דעם „משה אמת ותורתו אמת", דען אמת געהט צוזאַמען מיט'ן „ויציב ונכון וקיים", אמת איז אַ זאַך פון קיום, פון אייביגקייט, און אפילו דעמאָלט ווען עס האָט אויסגעקוקט אַז „בטל את האמת והשליכו לארץ" איז גלייך נאָכדעם געקומען דער „אמת מארץ תצמח"; די ערד קען דעם אמת ניט איינשלינגען און פאַרדעקען און דערפאַר איז סיי משה און סיי זיין תורה וועלכע זיינען ביידע געשטעמפּעלט מיט'ן חותם פון אמת, אַן אייביגקייט וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרשווינדען.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

און אַט דאָס אַלעס קומט צום אויסדרוק אין דעם טראַדיציאָנעלען „חזק חזק ונתחזק" מיט וואָס מיר פאַרזיגלען יעדער סיום פון אַ ספר אין אונזער תורה. עס איז די טאָן געבונג צום כאַראַקטער פון סיום אַז עס איז אין אמת'ן ניט קיין אפשלוס, ניט קיין ענדע נור אַן אנצייכענונג פאַר אַ וויטערדיגען המשך, דער סיום שטאַרקט און דערמוטיגט אונז ווייטער פאָרטצוזעצען און ווייטער ממשיך זיין דאָס וואָס מיר האָבען נור וואָס פאַרענדיגט.

דער נאָמען „הדרן" איז דעריבער דער פּאַסענדסטער און טרעפליכסטער ביי אַזאַ געלעגענהייט. „הדרן" מיינט „איבערגעהן" און אויך „שעהנקייט", אונזער שעהנקייט באַשטעהט אין דעם וואָס מיר ענדיגען קיינמאָל ניט, נור נאָכ'ן ענדיגען געהען מיר ווידער איבער, נאָכ'ן סיום קומט די התחלה.

חזק, חזק ונתחזק!

מלחמה

א.

דאָס וואָרט „מלחמה" רופט בײַ מענטשען אַרויס שוידער און שרעק. מלחמה איז דער סימפּטאָם פון אַן אונאָרדנונג אין דעם מענשליכען קאָלעקטיווען אָרגאַניזם. וואָלט די מענשהייט געווען אַ געזונטע און אַ נאָרמאַלע, וואָלטען דאַן קיין מלחמות ניט געווען; פעלקער וואָלטען זיך אויסגעלעבט אין שלום און צופרידענהייט און די געגענזייטיגע באַציהונגען צווישען איין פאָלק און דעם אַנדערען, וואָלטען געווען פרידליכע און האַרמאָניזירטע.

מלחמה, איז אַן אומגליק ניט נור פאַר דעם באַזיגטען נור אויך פאַר'ן זיעגער. דער פּרייז פון זיעג איז אַ צו־טייערער און עס לוינט זיך ניט צו באַצאָלען דעם דאָזיגען פּרייז אפילו פאַר'ן גרעסטען זיעג...

אָבער ווי שוידערליך און ווי שרעקליך מלחמה זאָל ניט זיין, שטעלט זי דאָך מיט זיך אַמאָל פאַר אַ הויכען און ערהאבענעם ציעל, דער ציעל פון „ובערת הרע מקרבך"; מען מוז אַמאָל אַנווענדען דעם דאָזיגען אומאַנגענעהמען מיטעל כדי צו פאַרניכטען און אויסראָמען דאָס שלעכטע פון דער מענשהייט.

ווייל מלחמה איז דאָך אָבער אַ שותפות'דיגע זאַך, פון צוויי צדדים, און יעדער צד פּרעטענדירט דאָך אַז דער צווייטער איז דער שולדיגער אויף וועמען מען דאַרף אַנווענדען דעם דערמאָנטען פסוק, איז נאַטירליך אַמאָל שווער צו וויסען ווער עס איז באמת דער גערעכטער. טענות און באַהויפּטונגען קענען ביידע צדדים מאַכען אויף אַ זעהר געשיקטען אופן און פון טענות אַליין קען מען ניט אַלעמאָל ציהען די געהעריגע שלוסען.

פון די אַרט און ווייזע ווי מען פיהרט אַן די מלחמה, קען מען אָבער אין געוויסע פאַלען יאָ ציהען די נויטיגע שלוסען אויף וועמעס צד די גערעכטיגקייט איז.

איינע פון אַזעלכע פאַלען איז טאַקע געווען די נור וואָס פאַרענדיגטע

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

צווייטע וועלט מלחמה, די מלחמה צווישען די אַקס מלוכות און די אַלאַירטע דעמאָקראַטישע פעלקער.

גלייך ביים אָנפאַנג מלחמה האָט מען שוין געקענט דערקענען אַז דאָס איז אַ מלחמה צווישען מענש און טייוועל. אַ מלחמת וועלכע איז פון אָט דעם שטאַנדפונקט געווען אָריגינעל אין דער מענשליכער געשיכטע און האָט זיך באַין אופן ניט געלאָזט פאַרגלייכען צו וועלכע עס איז מלחמה אין די פאַרגאַנגענע דורות, אזש כמעט פון ששת ימי בראשית.

אפילו אין אַ מלחמה זיינען אויך פאַראַנען געוויסע גרענעצען אין פאָרם פון אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה געזעצען, וועלכע דאַרפען אָפּגעהיט ווערען מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט און טאָרען ניט פאַרלעצט ווערען; און ווערען די דאָזיגע געזעצען יאָ פאַלעצט, דאַן ווערט דער שולדיגער אין דער פאַרלעצונג מאָמענטאַל פאַרוואַנדעלט פון אַ מלחמה העלד אין אַן איינפאַכען רוצח און אין אַ בלוט דאַרשטיגען באַרבאַר.

איינע פון די מלחמה געזעצען האָט צו טאָן מיט די געפאַנגענע סאָלדאַטען. אַ געפאַנגענער סאָלדאַט, אַזוי שנעל ווי ער געפינט זיך שוין אין שונא׳ס לאַגער, באַקומט ער שוין דעם שונא׳ס שוץ; ער איז שוין זיכער מיט זיין לעבען און פאַר איהם האָט זיך שוין די מלחמה געענדיגט. ער טאָר שוין ניט באַנוצט ווערען פאַר קיינע מיליטערישע צוועקען; עס ווערט אַזוי צו זאָגען אַ קעסט קינד ביים צווייטען צד ביז וואַנען די מלחמה ענדיגט זיך.

נו, האָבען מיר געזעהן ווי אַזוי די בעסטיאַלע נאַצים האָבען זיך באַצויגען צו זייערע קריגס געפאַנגענע אין דער לעצטער מלחמה; זיי האָבען זיי פשוט אויסגע׳שחט׳ן און דערצו נאָך מיט אַלערליי באַרבאַרישע מיתות משונות וואָס נור אַזעלכע טייוואָלים ווי אָט די פאַרפלוכטע דייטשען האָבען געקענט צוטראַכטען.

לויט די אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה געזעצען, זיינען די מיליטערישע אפעראַציעס באַגרעניצט בלויז אינערהאלב די מיליטערישע רייהען; עס איז אַ מלחמה בלויז צווישען די מיליטער פוןביידע צדדים, אָבער ניט צווישען די ציווילע באַפעלקערונגען, די לעצטע טאָרען ניט באַריהרט ווערען. דייטשלאַנד אָבער האָט גלייך ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה פאַרברעכעריש פאַרלעצט דעם דאָזיגען געזעץ; מיט איהרע לופט מחבלים האָט זי באָמבאַ־

מלחמה

דירט לענדער און שטעט און פשוט אויסגעמאָרדעט די ציווילע באַפעלקערונג און פאַרוויסט זייערע הייזער און פאַרמעגענס אָהן דין און אָהן משפט.

**
*

די לעצטע מלחמה איז אויך געווען אַנדערש פון אַלע פריהערדיגע מלחמות אין דער מענשליכער געשיכטע דערמיט וואָס די טייפלישע נאַצי בעסטיע האָט דאָ געמאַכט דאָס אידישע פאָלק פאַר׳ן ציעל־ברעט פון איהרע פאַרניכטונגס צוועקען. די מלחמה געגען אידען היט זיך דאָך פאַקטיש אָנגעהויבען גלייך מיט׳ן אָנהויב פונ׳ם נאַצישען רעזשים און עס האָט די גאַנצע צייט אויסגעקוקט ווי דער גאַנצער נאַציזם וואָלט באַשאַפען געוואָרען נור פאַר דעם איינעם צוועק: מלחמה צו האַלטען מיט אידען! דען אפילו שפּעטער ווען דער מלחמה פייער האָט שוין געפלאַקערט אויפ׳ן גאַנצען אייראָפּעאישען קאָנטינענט, זיינען אידען נאָך אַלץ געווען די הויפּט אישו אין אַלע נאַצישע דעקלעראַציעס און די הויפּט טעמע פון דעם אשמדאי׳ס געדעוועטע דרשות אין זיין רייכסקאַנצלער און אומעטום פון וואַנען זיינע קוויטשערייען זיינען געהערט געוואָרען. דער לייט מאָטיוו פון די דאָזיגע דרשות איז געווען אַז מיט וואָס די מלחמה זאָל זיך ניט ענדיגען, צי מיט אַ זיעג אָדער מיט אַ מפלה פאַר נאַצי דייטשלאַנד, די אידען אָבער מוזען אָפּגעווישט ווערען פון דער וועלט!

וואָס האָט היטלער מיט זיינע נאַציס געוואָלט פון אידען? און וואָס פאַר אַ מין מלחמה איז עס בכלל געגען אַ הילפלאָזע שוואַכע ראַסע אָהן אַ לאַנד און אָהן אַן אַרמיי?

דערמיט האָט אָבער היטלער נאָכגעפאָלגט אַ פּאָליסי פון אַן אוראַלטען ביבלישען שונא ישראל וואָס וואָרצעלט אַזש אין יענער אוראַלטע עפּאָכע פון נאָך יציאת מצרים, די פּאָליסי פון דעם ערשטען עמלק, וועלכער האָט געצויגען די שווערד געגען אידען אויך אונטער די זעלבע אומשטענדען.

אשר קרך בדרך!

אַ פאָלק וואָס שטעהט אויפ׳ן וועג, אַ וואַנדערונגס פאָלק, אָהן אַ לאַנד און אָהן אַ היים!

ואתה עיף ויגע!

אַן אויסגעמאַטערטע מידע ראַסע, אָהן אַן אַרמיי און אָהן וואָפען.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

אַט די דאָזיגע פּאָליסי איז איבערגעגאַנגען בירושה צו עמלק׳ס אייניק־לאַך, די מאָדערנע עמלקים פון דער אַזוי געדופענער ציוויליזירטער דייטש־לאַנד. ניט אומזיסט האָט די תורה אַזוי שטרענג פאַרזאָגט דעם „מחה תמחה את זכר עמלק מדור דור״; דער גרעסטער עמלק פון אַלע דורות איז אָבער געווען דער פון אונזער דור וועלכער האָט נאָך פיעל מעהר איבערשטיגען דעם אוראַלטען אָריגינעלען עמלק...

אָבער ניט נור די עצם מלחמה געגען אידען איז געווען אַ ביבלישע ירושה, נור אפילו אויך די מעטאָדען פון דער דאָזיגער מלחמה האָבען נאָכגעפאָלגט אַן אוראַלטער פּאָליסי פון אַ ביבלישען שונא ישראל, און דער אוראַלטער ביבלישער קאַפּיטעל פון דער בלק־בלעם עפּאָכע, האָט זיך דאָ איבערגע׳חזר׳ט ממש מיט אַלע זיינע איינצעלהייטען.

ויקץ מואב מפני בני ישראל!

חז״ל טייטשען אויס דאָס וואָרט „ויקץ״ פונ׳ם אויסדרוק „קצה נפשי״; מואב האָט געזאָגט אַז עס עקעלט איהם פשוט פון די אידישע ראָסע. איז דאָס דאָזיגע געווען דער ערשטער יסוד פון דער היטלעריסטישער „ראַסען טעהאָריע״...

און אַז מיר אידענטעפיצירען זיך מיט׳ן יחוס פוןביידע ראָסען, די מואב ראָסע און להבדיל די אידישע, דעמאָלט פיהלען מיר ערשט דעם אמת׳ן „ויקץ״, עס הויבט ווירקליך אָן צו עקלען פון אַזאַ נידערטרעכטיגע חוצפה וואָס ציהט זיך פון יענעם מואב ביז׳ן היינטיגען היטלער.

אַט איז אַ קורצער פּאַראַלעל: מואב׳ס יחוס ציהט זיך דאָך פון לוט׳ן וועלכער האָט באַוויזען דעם קונץ צו זיין אי אַ זיידע און אי א טאַטע צו איינע און די זעלבע קינדער, און דערמיט געלערנט דער וועלט אַ פיינע „מאָראַ־לישע לעקציע״ אין ראַסישע ריינקייט...

דער זעלבער לוט ווערט פאַר אונז פאַרגעשטעלט אַלס שיכור און פּיאַנצע וואָס וואַלגערט זיך אין רינשטאָק און וויסט ניט אויף וואָסער וועלט ער איז; ולא ידע בשכבו ובקומו... אין זיינע מענשליכע באַציהונגען, מאָלט די געשיכטע אַ בילד פון זיינע פּאַסטוכער, די רועי לוט, וואָס שטעלט זיי אַרויס אַלס איינפּאַכע רויבער וואָס קריכען אין פרעמדע פעלדער, און

מלחמה

פון אָט די „משרתיו רשעים" פאַרשטעהט מען שוין אַליין ווער זייער „מושל מקשיב" איז געווען...

איז אָט די „נאַבעלע" און „ציכטיגע" ראַסע אַרויסגעקומען מיט אַ פּראָקלעמאַציע פון „ויקץ מואב מפני בני ישראל", זיי, די מואב לייט, עקעלט אָפּ פון די אידישע ראַסע, וואָס ציהט איהר יחוס פון אברהם אבינו, דער מוסטער פון הייליגקייט און רייניגקייט, פון געטליכקייט און מענש־ליכקייט!

אָבער דער „ויקץ מואב" וואָס מיינט, ווי געזאָגט, די ראַסישע טעהאָריע, איז בלויז געווען אַ סטראַטעגישער צוג אין מואב׳ס מלחמה געגען אידען: עס איז געווען זיין ערשטע פּאָליטישע מאַנערווע אַלס פאַרברייטונג פאַר זיינע נאָכפאָלגענדע מיליטערישע אָפּעראַציעס...

אַזוי איז אויך געווען דער „ויגר מואב מפני בני ישראל", מואב האָט מורא געהאַט פאַר די אידען; און די דאָזיגע „מורא" לויט אונזערע חז"ל, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָס „שראו כל נכסי האומות ביד ישראל" (מדרש רבה כ׳־ג׳), זיי האָבען מיטאַמאָל דערזעהן גוי׳אישען פאַרמעגען אין אידישע הענט...

איז דאָס דאָזיגע אויך געווען אַ סטראַטעגישער צוג ביי די מואב׳ס אויף צו העצען געגען אידען אַז זיי, די אידען, פאַרכאַפּען אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און ווערען רייך פון גוי׳אישע האָב און גוטס...

און כדי צו פאַרשפּרייטען די דאָזיגע העצעס, איז דאָך נאַטירליך נויטיג אַ פּראָפּאַגאַנדישען אַפּאַראַט אָנצופיהרען מיט אָט דעם אַלעמען, האָט יענער בלק מלך מואב געפונען דעם דאָזיגען פּראָפּאַגאַנדיסטישען כח אין דעם „גרויסען מויל" פון בלעמ׳ען וועמען ער האָט אָנגעבאָטען דעם אַמט אַלס „פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער" מיט די פונקציע פון „לכה ארה לי את העם הזה"; עפּען אויף דיין בלעם־מויל, שעלט און העץ, פאַראַכט און פאַר׳מיאוס, און אָט די פּראָפּאַגאַנדישע העצעס וועלען שוין ממילא דערפיהרען, פריהער צום „נכה בו", צו פּאָגראָמען און בלוט באָדס און נאָכהער צום „ואגרשנו מן הארץ", אַרויסטרייבען אין גאַנצען פון לאַנד און איינשפּאַרען אין קאָנצענ־טראַציע לאַגערען...

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

און די העצעס פון דעם היסטאָרישען מואב זיינען שוין מעהר ניט פון א לאָקאַלען כאַראַקטער, זיי ווערען שוין אינטערנאַציאָנאַל; עס האַנדעלט זיך ניט בלויז וועגען די „געפאַהר״ פון אידען פאַר מואב׳ס מדינה אַליין, נור פון אַ געפאהר פאַר אַלע לענדער אַרום:

„עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו״, די גאַנצע סביבה איז אויסגעזעצט צו דער אידישער „געפאַהר״, און פאָלגליך דאַרף מען אַלע אידען אומ־ברענגען כדי צו ראַטעווען די גאַנצע וועלט פון דער אידישער סכנה...

און אַט די אוראַלטע מואב מעטאָדען זיינען, ווי געזאָגט, אויך איבער־געגאַנגען בירושה צו זיינע מאָדערנע אייניקלאַך פון נאַצי דייטשלאַנד, ממש קאָפּירט אות באות: ראַסישע טעאָריע; עקאָנאָמישע עראָבערונג; בלעמ׳שע העץ פּראָפּאַגאַנדע (קרי: געבילס); פּאָגראָמען און בלוט בעדער; קאָנצענ־טראַציע לאַגערס, אָבער נאַטירליך מיט פיעל מעהר באַדייטענדען ערפאָלג, ווייל צו יענעם קלימאַקס פון ויהפוך ה׳ לך את הקללה לברכה, האָבען מיר ליידער ניט זוכה געווען, און ביז וואַנען עס איז געקומען די נאַצישע מפלה איז דערווייל אומגעבראַכט געוואָרען איבער זעקס מיליאָן אידען אין היטלערס קאַלך אויוועגס און קרעמאַטאָריומס, איבער אַ דריטעל פון גאַנצען אידישען פאָלק (ווייל אויך היטלערס פּאָליסי האָט אָקצענטרירט דעם כל סביבותינו...

מיר האָבען בלויז דערלעבט אַ „ויהפוך״ אויף דער לינקער זייט, מברכה לקללה, דען אויב מיר האָבען שוין יאָ עפּעס אָנגעהויבען צו הערען אַ ברכה פון מויל פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, אין געשטאַלט פון הבטחות און דעקלעראַציעס אין פאַרבונדונג מיט אונזער בענקענדיגע היימלאַנד, ארץ ישראל; זיינען נאכהער די דאָזיגע ברכות פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קללות, דורך די „עטליס״ און „בעווינס״ פון דער אימפּעריאַליסטישער ענגלאַנד וועלכע האָט אין באַצוג צו אידען זיך אַרויסגעצייגט צו זיין ניט בעסער פון נאַצי דייטשלאַנד...

ניט אומזיסט האָבען אונזערע חכמים געזאָגט:

„בדין היה שהיו קורין פרשת בלק ובלעם בכל יום, ומפני מה אין קורין אותה שלא להטריח על הצבור״ (ירושלמי ברכות פרק ה׳, הלכה ה׳).

און פאַר וואָס אייגענטליך האָבען עס די חכמים געוואָלט האָבען אַז מען

מלחמה

זאל אַלע טאָג לייענען די פּרשת בלק ובלעם, אין וואָס באַשטעהט די וויכטיגקייט פון די דאָזיגע פּרשה?

יאָ, די פּרשה איז זעהר וויכטיג פאַר אונז; זי וואָרענט אונז סיי פון פּעסימיזם אַלס רעזולטאַט פון גוי׳אישע קללות און סיי פון אָפּטימיזם אַלס רעזולטאַט פון גוי׳אישע ברכות.

„גם ברך לא תברכנו”, האָט ג־ט געזאָגט צו בלעם׳ען; דיינע בלעמ׳שע ברכות זיינען פּונקט אַזוי באַדייטונגסלאָז ווי דיינע קללות... און דאָס, ווי געזאָגט, האָבען מיר דאָך געזעהן באַשיינפּערליך מיט די ברכות פון די „גוטע בענטשענדיגע” גוים פון לאָנדאָן און אפילו פון וואַשינגטאָן...

לייגט דעריבער ניט קיין צופיעל געוויכט, ניט אויף היטלער׳ס קללות און ניט אויף טשוירטשיל׳ס ברכות; ניט די היטלער׳ס קללות וועלען אייך אידען חלילה חרוב מאַכען און ניט ענגלאַנדס און אַמעריקעס ברכות וועלען אויפבויען, ווייל: „אם ה׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו”...

***

די לעצטע מלחמה האָט, ווי געזאָגט, אַרויסגעבראַכט בולט וועד פון די קעמפּפענדע צדדים עס האָט געקעמפּפט פאַר גערעכטיגקייט און ביי וועמען דער ציעל איז בלויז געווען מאָרד און בלוט דאַרשטיגקייט; די מפּלה האָט דעריבער געמוזט קומען אויף דעם צד פון דעם טייוועל.

אויב אָבער עטליכע יאָהר נאָך דער מלחמה און צו קיין אמת׳ן שלום איז מען נאָך ניט געקומען, איז עס דערפאַר וואָס אויב אַנטקעגען דעם טייוועל זיינען די דעמאָקראַטישע פעלקער בבחינת מענש, זיינען זיי אָבער נאָך ווייט דערפון אין באַצוג צו אידען... לגבי אידען, זיינען נאָך די בעווינס און זיין הבריא אויך ניט בעסער ווי טייוואָלים, און אידען זיינען אַלעמאָל געווען דער באַרעמעטער פון דער גאַנצער מענשהייט, און עס איז אַן אַלט פעסטגעשטעלטער כלל אַז:

„אין גאולה באה לעולם אלא בשביל ישראל”! די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט איז גאָר ענג פאַרבונדען מיט די גאולה פאַר׳ן אידישען פאָלק.

לפני שבר — גאון

(מלחמה)

ב.

ווען מען פאָלגט נאָך די גרויסע וועלט פאַסירונגען אין משך פון די לעצטע זעקס יאָהריגע בלוטיגע וועלט מלחמה, און מען באַטראַכט דעם מאָדערנעם קאָנטראַסט פון דעם אָנהויב מיט'ן סוף, בלייבט מען פאַר־גאַפט. עפּעס לאָזט זיך עס מיט'ן מענשליכען שכל גאָר ניט באַגרייפען.

ווי אַזוי, פרעגט זיך, האָט אַזעלכעס געקענט פאַסירען, אַז אַזאַ אויס־וואָרפישע חיה ווי דער טמא מטומאה'ניק, היטלער ימח שמו וזכרו, האָט געקענט דערהויבען ווערען צו אַזאַ גדולה צו ווערען דער אַבסאָלוטער אומ־געקרוינטער הערשער אויף אַ פאָלק פון איבער אַכציג מיליאָן מענשען, און דערצו נאָך אַ פרעטענדירטער ציוויליזירטער און קולטורעלער פאָלק, און הערשען מיט אַזאַ אייזערנער האַנט און מיט אַזאַ מעכטיגער גבורה וואָס מ'האָט עס ניט געזעהן זאָגאָר ביי די אַמאָליגע עכט־מאָנאַרכישע הערשער.

די פאַרגאַפונג און ערשטוינונג שטייגט נאָך מעהר דורכ'ן פאַקט, אַז דער דאָזיגער אַשמדאי איז נאָך דערצו גאָר געווען אַ פרעמדער, ניט קיין דייטש, נאָר אַן עסטרייכער, און דאָך האָט ער ווי מיט שוואַרצען כשוף געפאַנגען און באַהערשט מיט גרעניצלאָזער ממשלה אַזאַ מעכטיגע אומה און געשאָלטעוועט אויף רעכטס און לינקס, אַזש ביז צו ווערען אַ קולט פון געצענדינעריי ביי דעם דאָזיגען פאָלק, אַ זאַך וואָס קיינער פון די פריהעריגע גערמאַנישע מאָנאַרכען האָבען דערצו ניט זוכה געווען; און ווערענד די נאַציאָנאַלע לאָזונג פון דייטשלאַנד איז אַלעמאָל געווען קאָנ־צענטרירט אויף די חשיבות פון לאַנד גופא: דער שלאָגוואָרט איז גע־ווען: „דייטשלאַנד איבער אַלעס,“ איז אין היטלער'ס צייטען די דאָזיגע

לפני שבר — גאון

לאזונג כמעט ווי פארשטויסען געווארען און דער „הייל היטלער״ האט גע'ירש'ענט זיין פלאץ?

און דאן, ווען די גרויסע מפלה איז סוף סוף געקומען, איז די שטוי־נונג נאך פיעל מעהר געשטיגען: דען אפילו די שוואכסטע מאמענטען אין השגחה, האבען דאך געמוזט צוגעבען אז די דאזיגע ערשיינונגען וואס האבען געפיהרט פון איין עקסטרעם צום צווייטען, זיינען ניט געווען קיין נאטירליכע ערשיינונגען, נאר געפיהרט דורך א העכערער קראפט, א געט־ליכע און די הימלישע השגחה איז דא געווען דער דאמינירענדער כוח. איז דעריבער די פארוואונדערונג נאך פיעל גרעסער געווארען; דען אויב עס האט זיך סיי ווי געענדיגט מיט אזא שרעקליכער מפלה, טא צו־וואס די פריהעריגע גדולה.

אמת, די דאזיגע פראגע איז שוין אנגעריהרט געווארען ביי דעם נעים זמירות ישראל, דוד המע״ה, אקצענטירט, ניט מיט קיין פראגע־צייכען, נאר מיט אן אויסרוף־צייכען, ווען ער זאגט:

> מה גדלו מעשיך ה׳, מאד עמקו מחשבותיך; איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת. בפרוח רשעים כמו עשב ויציצו כל פועלי און — להשמדם עדי עד (תהלים צ״ב).
>
> ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, א, גאט; זעהר טיעף זיינען דיינע מחשבות; א ליידיגער (אומוויסענדער) מענש קען זיי ניט באַ־גרייפען און דער כסיל (נאר) קען זיי ניט פארשטעהן; ווען מען זעהט ווי רשעים בליהען אויף ווי גראז און עס בלימען אלע וואס טוען אומרעכט, צו זייער אייביגע פארטיליגונג!

יא, אויב פון בליהונג און בלומינג קומט עס צו אייביגער פאר־טיליגונג, מוז זיך ארויסשרייען: מה גדלו מעשיך ה׳, און מען מוז צוגעבען אז: איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת.

דאך, האבען אונזערע חכמים אין מדרש יא פרובירט ווארפען א ליכט שטראל אויף אזעלכע פארנעבעלטע און מיסטעריעזע ערשיינונגען, און האבען זיך גראדע געשטיצט און אנגעשפארט טאקע אויף דעם זעלבען נעים זמירות ישראל, אין אן אנדער שטעלע אין זיין ספר התהלים, אויף דעם פסוק:

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

„כי רשעים יאבדו, ואויבי ה' כיקר כרים" (תהלים ל"ז־כ'), און **האָבען דאַרויף געזאָגט:**

שאין מפטמין אותן לטובתן אלא לטבחה, כך המן הרשע לא נתגדל אלא למפלתו. משל לאדם שהיתה לו סייחה (חמורה קטנה) וחמורה וחזירה, והיה נותן לחזירה לאכול בלא מדה, ולחמורה ולסייחה במדה; אמרה סייכה לחמורה: מה שוטה זה (בעה"ב) עושה? אנו שאנו עושין מלאכתו של בעל הבית, נותן לנו במדה, ולחזירה שהיא בטלה, נותן שלא במדה; אמרה לה חמורה: תבא השעה ואת רואה במפלתה, שאין מאכילין אותה יותר לכבודה אלא לרעתה; כיון שבא קלנדס (יום חגם) מיד נטלו לחזירה ונחריה; כך, לפי שכתוב: וישם את כסאו מעל כל השרים אשר אתו, לפיכך ויתלו את המן. (אסתר רבה ז'—א').

די פיינט פון גאָט, זאָגט דוד המלך, זיינען ווי די געשטאָפּטע שעפּסען וואָס ניט פאַר זייער טובה מאַכט מען זיי פעט, נאָר פאַר דער שחיטה, אַזוי איז המן הרשע ניט גרויס געוואָרען צוליב זיין טובה, נאָר צוליב זיין מפלה. עס איז אַ משל, זאָגט דער מדרש, צו איינעם וואָס האָט געהאַט אַ לאַשיק, אַן אייזעל און אַ חזיר. דעם חזיר האָט ער געגעבען עסען גאָר אָהן אַ מאָס, וועהרענד דעם לאַשיק און אייזעל האָט ער צו־געטיילט דאָס עסען מיט אַ מאָס. רופט זיך אָפּ דער לאַשיק צום אייזעל: ס'אַרא שוטה ער איז, מיר וואָס מיר טהוען פאַר איהם אַרבייט, טיילט ער אונז אויס דאָס עסען מיט אַ מאָס, דעם חזיר, וואָס געהט אַרום בטל, איהם גיט ער אָהן אַ מאָס! וואַרט־צו, ענטפערט אָפּ דאָס אייזעל, עס וועט קומען די צייט און דו וועסט זעהן דעם חזיר'ס מפלה, מען שטאָפּט איהם ניט פאַר זיין טובה וועגען, נאָר פאַר זיין מפלה. אַזוי שנעל ווי עס האָט דערגרייכט אַ יום־טוב טאָג, האָט מען באַלד גענומען דעם חזיר און אָוועקגעקוילעט. אָט דערפאַר, פיהרט אויס דער מדרש, ווייל עס איז געשריבען „וישם את כסאו מעל כל השרים אשר אתו," המן איז דער־הויבען געוואָרען צו דער העכסטער גדולה, דערפאַר איז נאָכהער געקו־מען זיין מפלה און — ויתלו את המן.

דער מדרש ברענגט אויך אַ צווייטען משל, און דער איז שוין טאַקע

לפני שבר — גאון

באנוצט אלס קאמענטאר צו אונזער פריהער דערמאנטען תהלים פסוק: בפרוח רשעים וג"ו:

ד"א, בפרוח רשעים כמו עשב ויציצו כל פועלי און, מה כתיב בסוף קריא? להשמידם עדי עד, לא נתגדל המן אלא לרעתו; ולמה גדלו? משל לגולייר (אדם חלש ושפל) שקלל בנו של מלך, אמר המלך אם אני הורגו, הכל אומרים גולייר הרג, עשה אותו טרוכונוס (שר חשוב) ואח"כ עשה אותו הגמון, ואח"כ התיז ראשו; כך אמר הקב"ה אלו נהרג המן כשירד ויעץ לאחשורוש לבטל בנין ביהמ"ק, לא היה מי יודעו, אלא יתגדל ואח"כ יתלה, לפיכך: וישם את כסאו מעל כל השרים, ואח"כ ויתלו את המן, הרי אויבי הקב"ה למפלתן הן מתגדלין, וכתיב (איוב י"ב) משגיא לגוים ויאבדם (אסתר רבה הנ"ל).

המן, זאגט דער מדרש, איז גרויס געווארען טאקע פאר זיין רעה וועגען. דארויף ברענגט ער דעם משל פון יענעם איינפאכען פראסטען מענש, וועלכער האט זיך פארזינדיגט מיט באליידיגען דעם קעניג'ס זוהן, האט דער קעניג געזאגט: אויב איך וועל איהם איצט הרג'ענען, וועט עס נישט מאכען קיין איינדרוק, ווייל ער איז דאך פון מינדערוויכטיגע חשיבות; כ'וועל איהם דעריבער פריהער דערהויבען צו גדולה; האט איהם דער מלך פריהער דערהויבען צו ווערען א „טרוכונוס," דערנאך צו א העכערען ראנג, דער ראנג פון א „הגמון," און ערשט דעמאלט האט ער איהם הינגעריכטעט.

אזוי, פיהרט אויס דער מדרש, האט הקב"ה געזאגט: אויב המן וואלט גע'הרג'עט געווארען בעת ער האט גע'עצה'ט אחשורוש'ן צו צושטערען דעם בנין בית המקדש, וואלט עס קיין איינדרוק ניט געמאכט, ווייל המן איז נאך דאן ניט געוועזן אזוי באוואוסט, בעסער דעריבער ער זאל פריהער גרויס ווערען און נאכהער זאל מען איהם אויפהענגען. דערפון זעהט מען אז די פיינט פון גאט קריגען זייער גדולה צוליב די נאכפאלגענדע מפלה.

מיט דיזען צווייטען משל פון מדרש איז שוין אויך געגעבען געווארען א דערקלערונג און באלייכטונג צו דיזער רעטזעלהאפטיגער און כמעט

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

פאַראַדאָקסאַלער ערשיינונג וואָס די המנ'ס און די היטלערס האָבען זיך פריהער דערדיענט צו אַזעלכע געוואַלדיגע גדולות וואָס האָט געקענט שאַפען דעם איינדרוק אַז זיי האָבען ווירקליך געהאַט געוויסע פאַרדינסטען, אָבער אורטיילענדיג פון זייער אומפאַרגלייכליכע רשעות, איז דאָך דאָס דאָזיגע געווען אומגלויבליך, און דער רעטעניש איז געבליבען אויף זיין אָרט.

לויט'ן מדרש אָבער קומט שוין אויס אַז די גדולה גופא איז געווען אַ טייל פון זייער מפלה; און דאָס איז טאַקע אויך דער געדאַנק פון דעם באַוואוסטען מאמר אַז: רשעים „תחלתן שלוה וסופן יסורים." דער אויסדרוק „תחלתן וסופן," דער אָנהויב און דער סוף, באַציהט זיך דאָך אויף איינע און די זעלבע זאַך, וועהרענד שלוה און יסורים זיינען דאָך גאָר צוויי עקסטרעמען פון וועלכע איינס איז אַ קאָנטראַסט צו דעם צווייטען, טאָ, ווי שיקט זיך עס צו מאַכען פון צוויי באַזונדערע זאַכען איין זאַך און עס באַצייכענען פאַר אַן אָנהויב און אַ סוף אין דער צייט ווען דער אָנהויב איז גאָר אַן אַנדער געגענדשטאַנד און דער סוף אַן אַנדערער? אין ליכט פון מדרש אָבער, זיינען טאַקעביידע איינס און דאָס זעלבע, דער אָנהויב פון שלוה איז, ווי געזאָגט, אויך אַ טייל פון דעם סוף פון יסורים...

ביי צדיקים, ווידער, איז די זאַך אומגעקעהרט, ביי זיי איז „תחלתן יסורים וסופן שלוה," און אויך אין דעם פאַל, איז עס איינס און דאָס זעלבע און ניט קיין צוויי באַזונדערע זאַכען. די פריהעריגע יסורים איז אַן איינהייטליכער חלק פון די שפּעטערדיגע שלוה; די יסורים זיינען אַ מיטעל צום צוועק, זיי זיינען מכשיר את הקרקע, ברייטען פאַר דעם באָדען פאַר דער קומענדיגער שלוה, סיי פונ'ם שטאַנדפונקט אַז „יסורים ממרקין עונותיו של אדם" וואָס מיינט דאָס זעלבע ווי אויסרייסען די דערנער פונ'ם אַקער־באָדען כדי די גוטע זריעה זאָל נאַכהער קענען נקלט ווערען, און סיי פונ'ם שטאַנדפונקט פון אמונה ובטחון וועלכע זיינען די הויפּט עקרים אין אידישקייט, און די פּראָבע פון אויסגעהאַלטענקייט אין אמונה איז דאָך נור דורך צרות און יסורים, ווען מיט דער קראַפט פון אמונה איבערוועלטיגט מען זיי און מען פאַרלירט נישט דעם גלויבען אַז „כל דרכיו משפט, צדיק וישר הוא".

און פונקט ווי מיט המנ'ען איז באַשטעטיגט געוואָרען דער „ויציצו כל

פועלי און להשמדם עדי עד". אזוי איז דורך מרדכי'ן באשטעטיגט געווארען דער „עת צרה היא ליעקב וממנה יושע", אז דוקא „ממנה", פון דער צרה גופא, איז געקומען די ישועה. דער זעלבער מרדכי וואס פריהער איז ער געווען אנגעטאן אין א זאק און האט איינגעהילט די גאנצע אידישע באפעל־קערונג פון שושן הבירה אין צער און טרויער, דער זעלבער מרדכי איז שפעטער ארויסגעקומען אנגעקליידעט אין א לבוש מלכות און פארוואנדעלט די זעלבע שושן מאבל ליום טוב, והעיר שושן צהלה ושמחה.

די חז"ל האבען, דעריבער ריכטיג מכוון געווען ווען זיי האבען געזאגט וועגען מרדכי'ן אז: „יצאו לו מוניטין, ומה מוניטין שלו, שק ואפר מכאן ועטרת זהב מכאן"; דער זאק מיט די אש פריהער און די גאלדענע קרוין שפעטער, זיינען ניט קיין צוויי געגענזייטיגע זאכען, עס איז איין זאך, איין מטבע מיט צוויי זייטען, מכאן ומכאן...

און ווען מיר קוקען אריין מיט טיעף דורכדרינגענדע אויגען אין יענע אוראלטע פארגאנגענהייט, קענען מיר דערפון ציהען די נויטיגע מאטעריאל אויך פאר אונזער געגענווארט, ווייל דער המן פון יענעם דור און דער היטלער פון אונזער דור איז היינו הך, און די מגילה פון אמאל איז אויך גילטיג פאר היינט.

גערעכט זיינען טאקע יענע גרויסע מפרשים וואס טייטשען: „הקורא את המגלה למפרע לא יצא" אויב מען לייענט די מגלה און מען באַ־טראכט איהר פאר א זאך פון „למפרע" א פאסירונג פון אמאל און ניט פון היינט, לא יצא, האט עס ניט יוצא געווען, ער האט ניט ריכטיג אפגעשאצט די געשעהעניש...

***

אבער אויב פאר דעם אפענעם שונא איז טאקע אמונה און בטחון אין דער געטליכער מאכט דער איינציגער מיטעל ווי אזוי צו פארטרייבען דעם יאוש און פארצווייפלונג, איז אבער פאראן א שונא נומער צוויי, ניט קיין אפענער נאר א פארשטעלטער, וועלכער איז ביז א געוויסען גראד נאך פיעל געפעהרליכער פאר שונא נומער איינס, און די באשיצונג געגען אט דעם שונא ליגט שוין ניט אין די געטליכע קראפט נאר דוקא אין דעם מענשען אליין.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

מיר מיינען דערמיט דעם שונא וואָס שפּיעלט די ראָלע פון אַ גוטען פריינד; אַ שונא וואָס ניט ער שעלט נאָר ער בענטשט, און זיינע „ברכות״ זיינען נאָך פיעל געפעהרליכער פאַר דעם ערשטענ׳ס קללות, דען יענער מיט די קללות ציעלט צו פיזישער פאַרניכטונג, וועהרענד דער מיט די ברכות ציעלט צו גייסטיגער פאַרניכטונג...

בעת מען שפּיעלט די ראָלע פון אַ גוטען פריינד, וועלכער בענטשט, זינגט לויב געזאַנגען, טיילט שבחים און מאַכט קאָמפּלימענטען, איז דאָן זעהר גרינג איבערגעווינען דעם צווייטען אויף דעם „פריינד׳ס״ זייט, און אין פאַל פון אידען מיינט די דאָזיגע געווינס אַסימילאַציע, וואָס פיהרט צו גייסטיגער פאַרניכטונג. און זיך באַשיצען פון גייסטיגער פאַרניכטונג, ליגט שוין דורכאויס אין מענשענ׳ס הענט, ווייל: הכל בידי שמים חוץ מי״ש...

דער ערשטער שונא פון אַט דעם מין אין אונזער געשיכטע איז געווען בלעם הרשע, וועלכער האָט אויך כלומר׳שט „געבענטשט״ און איז זיך פאַרגאַנגען אין עקסטאַזנעם לויב געזאַנג, און אַזוי אַרום האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פאַר׳סמ׳ען דעם פאָלק מיט די בנות מואב דורך וועלכע ער האָט געוואָלט געגצליך פאַרניכטען די אידישע מאָראַל.

ווען ג־ט האָט איהם געזאָגט: „לא תאר את העם כי ברוך הוא,״ דער־הערט זיך אין דעם, אויסער דער פשט אויך דער פשוט׳ער פשט אויך דער כמדרשו, לויט וועלכען עס זאָל הייסען, אַז ג־ט האָט איהם געזאָגט: לא תאר את העם, שעלט ניט דאָס פאָלק מיט די ווערטער: „כי ברוך הוא,״ מיט דעם וואָס דו ווערסט איהם לויבען אַז ער איז אַ געבענטשט פאָלק.

פאַר די דאָזיגע „ברכות״ וואָס זיינען אין אמת׳ען גאָר קללות, דאַרף מען זיך פיעל מעהר היטען, ווייל אַט דעם שונא׳ס מיטלען זיינען די גע־פעהרליכסטע, זיי זיינען איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון אהבה און די שנאה איז פאַרדעקט.

***

אפילו פון איד צו איד באַמערקט זיך צייטענווייז אויך אַזעלכע אַנגע־ווענדעטע מעטאָדען, וואָס אויב אַפילו זיי ווערען ניט אַנגעווענדעט מיט אַ ציעל בייז צו טאָן, זיינען אָבער די רעזולטאַטען סיי ווי זעהר שעדליכע.

לפני שבר — גאון

אַלס אילוסטראַציע קען דיענען דער מנהג אַמעריקא, וואָס צייכענט זיך אויס אויף דעם דאָזיגען געביט פון קאָמפּלימענטירען איינער דעם אַנדערען אויף רעכטס און לינקס, און דער באַזונגענער רעדט זיך שוין טאַקע אַליין איין, אַז די אַלע שבחים זיינען אמת׳ע און אַז ער איז ווירקליך א „אָדם השלם״; אַזאַ איינרעדעניש איז געוויס ניט קיין איבעריג געזונטע זאַך פאַר זיין אידישקייט...

נאָך פיעל מעהר שעדליכער איז דאָס דאָזיגע, ווען עס קומט פון רב׳ס מויל פון זיינע בימה דרשות, לויבענדיג זיינע בעלי בתים און ניט קאַרגען אויף זיי קיין תהלות ותשבחות, אַנשטאַט פאַרקעהרט, זיי אָנווייזען זייערע פעהלערען כדי זיי אויסצובעסערען, וואָס דאָס איז ווירקליך די עובדה און פונקציע פון אַ גייסטיגען פיהרער.

עס ווילט זיך צו די דאָזיגע מנהיגים אויך אויסשרייען:

לא תאור את העם, כי ברוך הוא, מיט אייערע איבערטריבענע ברכות בענטשט איהר זיי ניט, נאָר פאַרקעהרט...

אַ לעקציע, פון וואָס ס׳איז פאַראַן פיעל צו לערנען!

נשף אזכרה

(מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג)

„אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל בני החבורה".

מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען וואָס ווערען פאַראַנשטאַלט פון סאָציאַלע פאַראײַנען און אגודות צו עהרען דעם אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם מיטגליד, זײַנען ניט בלויז אַן אויסדרוק פון פאַרעהרונג צו דעם באַטרעפענדען נפטר, אָבוואָהל דאָס אַליין, אָן און פאַר זיך, איז אויך גענוג אורזאַך צו באַרעכטיגען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. עס איז אָבער מעהר דערפון, עס טראָגט מיט זיך אַרויס אַ טאָפּעלע אויפגאַבע און עס דיענט אַ טאָפּעלעם צוועק.

עס איז ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „יקרא דחיי" און „יקרא דשכבי", אַ גרויסקייט פאַר די לעבעדיגע און אַ גרויסקייט פאַר די טויטע.

„אַז מען לעבט אָהן חשבון שטאַרבט מען אָהן וידוי" — לויטעט אַ פאָלקס שפּריכוואָרט. „אדם דואג לאבוד דמיו ואינו דואג לאבוד ימיו" — לויטעט אַ צווייטער אויסדרוק. זעלטען ווען אַ מענש זאָל לעבען אָהן רעכענונג ווען עס האַנדעלט זיך אין זײַנע מאַטעריעלע אינטערעסען, ס'איז אָבער ניט זעלטען צו לעבען אָהן חשבון אין באַצוג צו גייסטיגע אינטערעסען. די טרדות החיים זײַנען גענוג גרויס אויף צו מאַכען דעם מענשען פאַרגעסען וועגען זײַנע עולם הבא ענינים. די טאָג טעגליכע עולם הזה פּראָבלעמען זאָרגען שוין דאָפיר אַז ס'זאָל בלײַבען ווינציג צײַט אויף צו קענען ווען עס איז אַ טראַכט טאָן וועגען נשמה זאַכען און זיך מאַכען אַ חשבון נפשי אויך וועגען דעם מענשענס גייסטיגען קאַפּיטאַל ווי מען טוט עס מיט'ן מאַטערי־עלען רכוש.

מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען דיענען דעריבער דעם דאָזיגען צוועק און ניט אומזיסט האָט דער חכם מכל אדם עס אַזוי פּראָמינענט געפּיטשורט

נשף אזכרה

ווען ער האָט געזאָגט: „טוב לכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו" (קהלת ז׳).

דער צוועק פונ׳ם „לכת אל בית אבל" איז דער „והחי יתן אל לבו", דער חשבון הנפש פון דעם לעבעדיגען. דאָ איז דעם פלאַץ און אין דער שטונדע שיילט מען זיך אָ ווײַלע אַרויס פון די ערדישע און מאַטעריעלע ענינים. מען קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם „יום המות". באַוואוסטזיניג און אפילו אונבאַוואוסטזיניג מאַכט זיך יעדערער זיין שטיקעל חשבון הנפש. כל זמן דער מענש האָט און שמייעט, יאָגט און לויפט, פאַרגעסט ער אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס מ׳רופט עס טויט. קומט ער אָבער אין דעם דאָזיגען בית־אבל דערמאָנט ער זיך אין דעם און ממילא איז שוין אויך „והחי יתן אל לבו", מען מאַכט שוין אַ שטיקעלע חשבון.

אָט דאָס איז דער זין פון ציטירטען טעקסט מאמר: „אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל בני החבורה". בני החבורה וואָס אין היגען לשון מיינט עס די „סאָסייעטי ברידער", קריגען די גינסטיגע געלעגענהייט פאַר׳ן „ידאגו" וואָס מיינט זיך אַריינצוטראַכטען אין דעם ענין טויט און דאַדורך קומען צו אַ חשבון הנפש, די דאָזיגע געלעגענהייט קריגען זיי דורכ׳ן „אחד מבני החבורה שמת" וואָס ברענגט זיי אַלעמען צונויף צום בית־אבל אין געשטאַלט פון דעם מעמאָריאַל אָווענט און דאָ איז דער ריכטיגער פלאַץ פאַר׳ן „ידאגו", פאַר׳ן חשבון הנפש.

איז דער „מעמאָריאַל" פון דיזען בליק־פונקט אַ זאַך פון גרויס באַדייטונג פאַר די לעבעדיגע.

פון ניט וועניגער חשיבות זיינען אָבער די מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען אויך פאַר די טויטע גופא. עס לייסטעט פיעל פאַר׳ן תקון הנפש און איז אַ היבשער בייטראָג צו דאָס וואָס מיר רופען „עלית נשמה".

פאָלגענדער ציטירטער מאמר חז״ל וואַרפט אַ העלע ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין:

אמר ליה רב לרב שמואל בר שילת אחים בהספדאי דהתם קאימנא.

(שבת קנ״ג).

רש״י פאַרטייטשט עס: „בשעת מיתתי התאמץ בהספד שלי שיתחממו

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

ויכמרו רחמי העומדים ויבכו, דהתם קאימנא בשעת הספד ואשמע איך תתחמם".

אויסער די דאָזיגע ווערטערליכע איבערזעצונג לאָזט זיך דאָ אַריינלייגען נאָך אַ כונה וואָס ברענגט אַרויס אַן ערהאַבענעם געדאַנק.

ווי באַוואוסט ווערט דער מענש ביים לעבען באַצייכענט אַלס „הולך". דען כל זמן דער מענש לעבט דאַרף ער אַלץ געהן העכער און העכער, ער דאַרף שטייגען ממדרגה למדרגה. דער דאָזיגער אויפשטייג קומט נאַטירליך דורך זיין גייסטיגען רכוש פון תורה, מצוות און מעשים טובים וואָס ער ערווערבט זיך ביים לעבען. מיט'ן שטאַרבען אָבער ווערט ער שוין אויס „הולך". ער ווערט שוין אַ „עומד", נאָכן טויט קען ער שוין ניט שטייגען העכער. „במתים חפשי — כיון שמת נעשה חפשי מן המצוות".

רב האָט דעריבער פאַרלאַנגט פון רבי שמואל בר שילת אַז ער זאָל איהם נאָך זיין טויט דיענען אין אַזאַ וועג אַז ער זאָל אויך דעמאָלט קענען זיין בבחינת הולך. דאָס וועט קענען דערגרייכט ווערען דורכ'ן „אחים בהספדאי", דערמיט וואָס ער וועט בעת'ן הספד דערוואַרעמען די אַנוועזענדע און ביי זיי אַרויסרופען די געהעריגע התעוררות וואָס וועט זיי ברענגען צו חשבון הנפש און צו תשובה און מעשים טובים. די דאָזיגע תשובה ומעשים טובים וואָס וועט קומען אַלס רעזולטאַט פונ'ם נפטר וועט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען דעם פאַרשטאָרבענעם אויך נאָך זיין טויט אין אַ הולך.

„אחים בהספדאי — דהתם קאימנא", דאָרט אין יענעם אָרט און אין יענער צייט „שטעה" איך דאָך שוין, איך בין דאָך שוין אַ עומד און בלויז דורכ'ן „אחים בהספדאי" קען איך אויך דאַן זיין אַ הולך.

אין רב'ס פאַל האָט דער „אחים בהספדאי" אגב פיעל מער געקענט דיענען דעם באַטרעפענדעז צוועק. ווי באַוואוסט איז דאָך רב געוועזען אַ זקן מופלג בעת זיין טויט און גראַדע דער טויט פון אַ זקן קען מעהר בייטראָגען צום השבון הנפש ווי דער טויט פון איינגערע מענשען. ביי די לעצטע זוכט מען על פי רוב פאַרשיעדענע סבות וואָס זאָלען האָבען פאַראורזאַכט זייער טויט. מען הענגט אָן דעם פריהצייטיגען טויט אין אומפאָרזיכטיגקייט. ער האָט זיך פאַרקעלטערט, ער האָט דעם מאָגען פאַרדאָרבען, ער האָט זיך צופיעל אָנגעשטרענגט, זיך איבערגעאַרבייט און נאָך אַזעלכע סאָרטען צופאַלען

נשף אזכרה

אין וועלכע מען וויל אנהעגנגען דעם יונגען טויט פון דער באטרעפעגדער פערזאן, איז קוים זוכט מען אויס געוויסע סבות. קען שוין ממילא דער טויט ניט זיין אזוי ווירקזאם אויף די לעבעדיגע אויף צו ברענגען דעם געהעריגען חשבון הנפש. מען טראכט זיך: דער נפטר איז אליין שולדיג געוועזן אין זיין טויט דורך זיין אונפארזיכטיגקייט. מיר אבער וועלען זיין מעהר פארזיכטיג וועט מיט אונז ניט טרעפען דאס וואס מיט אים האט געטראפען.

די אלע חשבונות אבער ווערען באזייטיגט אין פאל פון א זקן. דא זוכט מען קיין זייטיגע סבות ניט. עס ווערט ביי אלעמען פארשטאנען אז די סיבה פון זיין טויט איז בלויז די וואס „באשר הוא סוף כל האדם", און קוים קומט מען צו דיזען פונקט פון „סוף כל האדם" קומט מען שוין ממילא אויך צום „והחי יתן אל לבו" און דאס ברענגט, ווי געזאגט, די עלית־נשמה פאר'ן נפטר אזוי אז אויך אין א צייט פון „דהתם קאימנא" זאל ער נאך אלץ קענען זיין א הולך...

דוד המלך זאגט אן זיין זוהן שלמה פאר זיין טויט: „אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש". טראץ דעם וואס איך האלט איצט „בדרך כל הארץ" און דארט ווערט מען דאך שוין א עומד, דאך „אנכי הולך", קען איך אלץ זיין א הולך אויב „וחזקת והיית לאיש, ושמרת את משמרת ה' אלקיך ללכת בדרכיו לשמור חקותיו מצוותיו ומשפטיו ועדותיו". מיט דיין פארטזעצען צו געהן אין די וועגען וואס איך האב פאר דיר אויסגע־טראטען וועסטו דעמאלט מיר מאכען פאר א הולך אפילו דאן ווען איך פארלאז שוין די וועלט:

אזעלכע מעמאריאל פארזאמלונגען וואו עס ווערט פראקטיצירט רב'ס צוואה פון „אחים בהספדאי" דיענען דעריבער אויך דעם צווייטען צוועק פאר דעם „יקרא דשכבי" און ניט בלויז כבוד גיט מען דעם נפטר נור אויך תקון הנפש און עלית נשמה.

***

די גמרא דערצעהלט: „רב חנן בר רבא אמר רב אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי אומות העולם בשורה ואמרו אוי לו לעולם שאבד מנהיגו אוי לה לספינה שאבד קברניטה" (בבא בתרא צ"א).

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

בנוהג שבעולם אין אַ מיליטערישען שטאַב וואו עס געפינט זיך מיליטאַריסטען פון פאַרשיעדענע ראַנגען: פשוט׳ע סאָלדאַטען, קאָרפּאָראַלס, אונטער אָפיצירען, אויבער אָפיצירען, ליוטענאַנטס און גענעראַלען, איז טאָמער שטאַרבט אָפּ איינער פון שטאַב און זיין פּלאַץ איז ליידיג געוואָרען, ווערט דער דאָזיגער פּלאַץ פאַרנומען פון דעם וואָס איז געשטאַנען מיט איין ראַנג אונטער איהם און אויף דעם לעצטענס פּלאַץ קומט נאַטירליך אויך דער וואָס איז געווען מיט אַ שטאַפּעל נידעריגער אַזוי אַז די גאַנצע רייהע רוקט זיך איבער, איינער דאַרף פאַרנעהמען דעם צווייטענס פּלאַץ; דער ליידיג געוואָרענער אָרט דאַרף אויסגעפּילט ווערען דורך דעם נעקסטען אין דער שורה.

אין אברהם׳ס פאַל אָבער, ווען ער איז נפטר געוואָרען איז ניט געווען ווער עס זאָל אויספילען זיין פּלאַץ. „עמדו כל גדולי האומות העולם בשורה״. די שורה איז געבליבען שטעהן; זי האָט זיך ניט געקענט איבערוקען, ווייל עס איז ניט געווען קיינער וועלכער זאָל קענען פאַרנעהמען אברהם אבינו׳ס אָרט. דערפאַר האָבען זיי אברהם׳ס טויט באַטראַכט אַלס אַן אבדה שאינה חוזרת: „אוי לו לעולם שאבד מנהיגו ואוי לה לספינה שאבד קברניטה״. אַ פאַרלוסט וואָס האָט קיין ערזאַץ ניט.

אַ געזעלשאַפטליכער פאַראיין שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין סאָציאַלען שטאַב וואו יעדער מיטגליד האָט זיך אַ באַשטימטע פונקציע דורכצופיהרען אין זיין לייסטונג פאַר דער דאָזיגער קערפּערשאַפט. שטאַרבט איינער אָפּ, דאַרף נאַטירליך דער אָפּגעליידיגטער פּלאַץ אויסגעפילט ווערען פון די לעבענגעבליבענע.

דער מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג דאַרף דעריבער דיענען דעם דאָזיגען צוועק. עס דאַרף געמאַכט ווערען די נויטיגע רעוויזיע אין די שורות פון די חברים אום צו זעהן ווי און דורך וועמען דעם פאַרשטאָרבענעם חבר׳ס פּלאַץ זאָל ניט בלייבען לעהר און פאַר׳יתום׳ט. עס איז אַן אַקט פון אַ מין „השבת אבדה״ אויף וועלכעס עס איז דאָ אַ פאַרזאָג פון „לא תוכל להתעלם״, מיט דער דאָזיגער השבת אבדה מאַכט מען דעם פאַרשטאָרבענעם חבר אומשטערבליך, מען שאַפט דעם נויטיגען תקון צו זיין נשמה און מען טראָגט צו דעם געהעריגען בייטראָג צו זיין השארת הנפש.

נשף אזכרה

אָט פון אַזעלכע הרהורי מחשבה און חשבונות הנפש דאַרף דער דאָזיגער אָוונט צוזאַמענגעשטעלט ווערן און דאַן וועט עס האָבן עררייכט דעם טאָפּעלעם צוועק פאַר וועלכען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען ווערן איינבאַרופען: דער „יקרא דחיי" און „יקרא דשכבי" וועלען קומען צום געהעריגען אויס־דרוק און מען וועט קענען מיט רעכט זאָגען אַז:

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

אספת־אזכרה

(הספד אויף אַ כלל טוהער)

אַ מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג וואָס איז געווידמעט דעם עהרן־אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם און ווערט אין די מעהרסטע פעלע פאַראַנ־שטאַלט דורך דער אגודה, פאַראיין און סאָסייעטי אין וועלכע דער נפטר איז געווען אַנגעשלאָסען אַלס מיטגליד, איז אין גאַנצען אַנדערש אין כאַראַקטער פון דעם הספד וואָס ווערט געמאַכט בעת דעם נפטר׳ס לויה. דען דעמאָלט בשעת דער לויה איז דער מספיד אונטערגעוואָרפן דעם דין וואָס זאָגט: „אל תנחמהו בשעה שמתו מוטל לפניו" און מיט זיין בעסטען ווילען צו לידנערען עטוואָס די שמערצען פון די אבלים, איז איהם אָבער דאָס ניט ערלויבט.

איצט אָבער ווען ס׳איז „אין מתו מוטל לפניו" זיינען שוין די ראַמען פון הספד מעהר אויסגעברייטערט און דער ספדן פיהלט זיך שוין פרייער אין וואָרט און געדאַנק. דאָ איז שוין יאָ פאַראַן פלאַץ פאַר טרייסט ווערטער און די דברי תנחומים דאַרפען טאַקע פאַרנעהמען דעם הויפט פלאַץ ביי אַזאַ סאָרט אָווענט.

אַ מעמאָריאַל אָווענט דאַרף הויפּטזעכליך געווידמעט ווערען צו דער אָבשאַצונג פון טויט פון אַ ריין אידיש־טראַדיציאָנעלען שטאַנדפּונקט. דען דער גאַנצער ענין פון מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען איז אַן און פאַר זיך אַ ריין אידישער פּראָדוקט. ביי די אומות העולם זיינען מעמאָריאַלס ניט אַזאַ אָפטע ערשיינונג. ביי זיי ווערט געלייגט מעהר געוויכט אויף׳ן „יום הלידה" ווי אויף׳ן „יום המות" און די געבורטסטאָג פייערונגען פאַרנעהמען אַ מעהר פּראָמינענטען פלאַץ ווי אזכרות.

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק צום ביישפּיל האָט צווישען זיינע נאַציאָנאַלע ימים טובים אַזעלכע טעג ווי „וואַשינגטאָנ׳ס געבורטסטאָג", „לינקאָלן גע־

בורטסטאָג״, און ניט וואַשינגטאָנ׳ס יאָהרצייט אָדער לינקאָלנ׳ס יאָהרצייט. ביי אידען אָבער איז „ויום המות מיום הולדו״, דער יאָהרצייט פאַרנעהמט מעהר פּלאַץ ווי דער געבורטסטאָג. מיר פייערען די יאָהרצייטען פון אונזערע גדולים און ניט זייערע געבורטסטעג.

דאָס איז נאַטירליך געשטיצט אויף דעם „הן בקדושיו לא יאמין״, קענען מיר דעריבער ניט לייגען קיין גרויס געוויכט אויף׳ן יום הלידה וואָס באַצייכענט די התחלה פון לעבען ווען דער סך הכל קען נאָך ניט אונטערגעשטראָכען ווערען.

האָט דאָך שוין די געשיכטע באַוויזען פאַלען ווען אפילו גאַנץ גרויסע מענשען האָבען ניט אויסגעהאַלטען די פּראָבע און עס האָט געקענט טרעפען אַז „שמונים שנה שמש בכהונה גדולה ולסוף נעשה צדוקי״. דער יאָהרצייט אָבער וואָס באַצייכענט שוין דעם סיום פון לעבען ווען מען קען שוין אונטערשטרייכען דעם סך־הכל, די שורה אחרונה, דאָס לאָזט זיך שוין יאָ קובע מקום זיין. מ׳האָט שוין ניט קיין מורא פאַר׳ן שפּעטער, דער לעבענס בלאַט איז שוין אָן אָנגעשריבענער און דאָס אָנגעשריבענע דיקטירט שוין די ריכט־ליניע פון דער אָבשאַצונג און מ׳דאַרף ניט מורא האָבען פאַר דער אָפּנויגונג פונ׳ם אמת.

איז דערפאַר, ווי געזאָגט, די אָבשאַצונג פון טויט אורשפּרינגליך דורכ־אויס אידיש. פון דעם פאָלגענדען באַקאַנטען מאמר חז״ל:

איינע פון די שעהנסטע הערכות וועגען טויט קריגט זיך אַרויס זעהר פּראָמינענט פון דעם פאָלגענדען באַקאַנטען מאמר חז״ל:

> ר׳ מאיר כי הוה מסיים ספרא דאיוב אמר הכי: סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה והכל למיתה הם עומדים. אשרי מי שגדל בתורה ועמל בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו ובוראו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם, ועליו אמר שלמה בחכמתו: טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו. (ברכות י״ז ע״א).

עס איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע חקירה וואָס מאַנכע פון די מפרשים שטעלען זיך אָפּ דערויף און וועלכע פאַרדינט אָהן ספק אַן ערנסטע באַ־טראַכטונג.

מאַנטעלס פאַלקס רעדנער

די חלקי הבריאה ווייסען מיר דאָך זיינען איינגעטיילט אין די באַקאַנטע פיער הויפּט יסודות: דומם, צומח, חי און מדבר, יעדערער פון וועלכע שטעהט מיט אַ מדרגה העכער פון דעם צווייטען. און דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ זאָנדערבאַרע ערשיינונג. דען אין דער צייט וואָס די ערשטע דריי פון די דאָזיגע פיער ווערט יעדערער פון זיי נתעלה אין אַ העכערע מדרגה נאָך זיין אויפהערען צו עקזיסטירען. אַזוי למשל דער דומם וואָס איז אַ משרת צום צומח און גיט איהם די נאַהרונג פאַר זיין כח הצמיחה, איז דאָך דער חלק דומם וואָס ווערט איינגעזויגען אין דעם צומח און פאַרלירט דאַדורך זיין אייגענעם עקזיסטענץ, ווערט ער דאָך אָבער גלייכצייטיג אַ טייל פון דעם צומח אַליין וואָס איז אַ העכערע מדרגה ווי די אין וועלכע ער איז געשטאַנען אין צייט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן „צומח" וואָס דיענט אַלס נאַהרונג פאַר'ן „חי" און פאַרלירט דאַדורך זיין אייגענעם קיום אָבער ווערט מיט זיין אפסיות אַ חלק פון דעם חי. אַזוי אויך דער „חי" וואָס ווערט דורך זיין אויפהערען צו עקזיסטירען אַ טייל פון דעם „מדבר" און ווערט אַזוי אַרום מעהר נתעלה ווי אין דער צייט פון זיין יאָ עקזיסטירען.

איז וועהרענד די אַלע דריי, דומם, צומח און חי, שטייגען צו אַ העכערע מדרגה נאָך די ענדע פון זייער קיום, זעהט זיך עס אָבער ניט אַז אַזעלכעס זאָל אויך געשעהן מיט'ן „מדבר" וואָס שטעהט אין זיין מדרגה העכער פאַר די פריהעריגע אָבער אַזוי גיך ווי ער הערט אויף צו עקזיסטירען זעהט זיך ניט זיין עלוי הנפש. אַזעלכעס לאָזט זיך דאָך אָבער ניט גלויבען. עס קען דאָך ניט זיין אַז דער בחיר היצורים זאָל אין דעם זין שטעהן נידעריגער פאַר די פחותים במעלה?

אין דעם ציטירטען מאמר פון ר' מאיר ווערט אָבער געגעבען די געהעריגע אויפקלערונג דערצו. ער פאַנגט אָן פון דער העכסטער מדרגה, פונ'ם מדבר און זאָגט: „סוף אדם למות"; געהט איבער צום צווייטן במעלה און זאָגט: „וסוף בהמה לשחיטה" און דאַן צום „צומח" און „דומם" ווען ער זאָגט „והכל למיתה הם עומדים". כדי אָבער עס זאָל ניט זיין קשה, אין וואָס קען מען זעהן דעם עלוי הנפש ביים „מדבר" נאָכ'ן טויט ווי מען זעהט עס ביי די קלענערע חלקי הבריאה. דאַרויף זאָגט ר"מ: „אשרי מי

אספת־אזכרה

שגדל בתורה ועמל בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו ובוראו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם". דער „גדל בתורה" און „גדל בשם טוב ונפטר בשם טוב", אין דעם ליגט דער ענטפער צום עלוי הנפש נאָכ'ן שטאַרבען. דען כל זמן דער מענש לעבט ציהט ער דאָך ניט אַזוי פיעל אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט פון זיינע אַרומיגע. נאָכ'ן טויט אָבער ווען מען פאַרקלייבט זיך אַרום זיין ארון אָדער ביי אַ מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג וואָס ווערט פאַראַנ־שטאַלט אין זיין עהרע; דאָרט ווערט איבערגעלופטערט זיין לעבענס געשיכטע, מען דערצעהלט נאָך זיינע שבחים, זיין טעטיגקייט און גוטע לייסטונג פאַר דער געזעלשאַפט. זיינע מיט־מענשען, פריינד און באַקאַנטע ווערען דורכדעם נתעורר און באַשליסען פאַרטצוזעצען די זעלבע טעטיגקייטען. זיי ווערען פאַרוואַנדעלט אין זיינע גייסטיגע יורשים ווי עס לויטעט אַן אַנדער מאמר חז"ל: „חכם שמת הכל קרוביו", אַלע ווערען זיי זיינע קרובים וואָס טיילען זיך איין מיט זיין גייסטיגען רכוש. ווערט דאָך אַזוי אַרום זיין עקזיסטענץ פאַרטגעזעצט אויך נאָך זיין טויט און נעהמט נאָך אַן אַ גרעסערע פאָרמע, ווייל עס געהט דאָך איבער פונ'ם רשות היחיד צום רשות הצבור, איז אַט דאָס פאָלגליך דעם מענשענס עלוי הנפש.

ר' מאיר האָט אָבער אויך געוואָלט מאַכען פלאַץ פאַר יעדען איינפאַכען איד, אפילו ניט דער תלמיד חכם, צו קענען נתעלה ווערען נאָך זיין שטאַרבען, האָט ער דערפאַר צוגעגעבען צום „גדל בתורה ועמל בתורה" אויך דעם „עושה נחת רוח ליוצרו", אַזאַ טערמין וואָס קען געפינען זיין אויסדרוק אפילו ביי אַ פשוט'ען מענשען וואָס האָט ניט געהאַט דעם זכות ביים לעבען צו זיין אַ „גדל בתורה". אָבער אַ „עושה נחת רוח ליוצרו" האָט אויך דער פשוט'ער מענש געקענט זיין. מיט יעדען גוטען טאָט און מיט יעדער חשוב'ער לייסטונג קען מען דאָך פאַרשאַפען אַ „נחת רוח ליוצרו ובוראו".

דערצעהלט דאָך אַ פאָלקס לעגענדע וועגען אַ פשוט'ען דאָרפס אינגעל וואָס האָט אפילו דעם אלף־בית ניט געקענט און אַז ער איז אויף ראש השנה געקומען, אין שוהל מיט'ן פאָטער אין שטאָדט אַריין און האָט געזעהן אין שוהל ווי אַלע דאַווענען און ער קען אפילו קיין סידור ניט עפענען, האָט ער זיך דערפון שטאַרק געפיהלט געטראָפען. וועלענדיג אָבער דאָך געבען אויסדרוק צו זיינע סענטעמענטאַלע געפיהלען, האָט ער אַרויסגעכאַפּט

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

פון בוזים זיין דאָרפישע פּיפּעל און האָט מיט אַלע כחות געגעבען אַ פייף אַז די שוהל האָט אַזש אויפגעשטורעמט. ווען עס איז געוואָרען דורכדעם אַ גערודער צווישען די מתפללים וועלכע האָבען עס באַטראַכט פאַר אַ חלול יום־טוב וחלול הקדש, זאָל דער בעש״ט הקדוש האָבען דאַרויף באַמערקט אַז אָט דער פּראָסטער אינגעל מיט זיין פייף האָט געמאַכט אַ גרעסערען רושם אין די הימלען ווי מיר מיט אונזערע דביקות׳דיגע תפלות...

קען מען פאַלגליך אַמאָל מיט אַ דאָרפישען פּיפּעל אויף זיין אַ „עושה נחת רוח ליוצרו״, און דאָס זעלבע מיט אירגענד וועלכע גוטע מעשים וואָס ווערען געטאָן אויפריכטיג און גיבען אויסדרוק צו די טיעפסטע מענשליכע נשמה געפיהלען.

עס איז דעריבער פאַראַן פּלאַץ פאַר יעדען איינציגען איד זיך צו ערווערבען אַ „שם טוב״ און דאַדורך גרעסער ווערען נאָך זיין טויט, און אויף אַזעלכע פיהרט ר״מ אויס: „טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו״.

און אויב ס׳איז פאַראַן חלוקי דעות אין דער גמרא וועגען הספד צו עס איז „יקרא דחיי״ אָדער „יקרא דשכבי״, לאָזט זיך זאָגען אַז ס׳איז באמת תלוי איינס אין דאָס אַנדערע. אויב דער הספד ברענגט צו „יקרא דחיי״ די לעבעדיגע ווערען דורכדעם טיערער אין זייער מעלת הנפש דערפאַר וואָס זיי ווערען נתעורר פון די גוטע מעשים פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם, איז דאָך דורכדעם ממילא אויף פאַראַן „יקרא דשכבי״, ווייל דאַדורך ווערט דאָך, ווי געזאָגט, דער מת גרעסער נאָך זיין טויט און געהט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון יענע מתים אויף וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרען דער „גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם״.

און אָט פון דיזען שטאַנדפּונקט דאַרף עס דעריבער געלעגט ווערען אַזוי פיעל חשיבות אויף די מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען וואָס ווערען פאַר־אַנשטאַלטעט פון די סאָציאַלע געזעלשאַפטען אין געשטאַלט פון די לאַנדס־מאַנשאַפט פאַראיינען, אגודות, לאָדזשען און סאָסייעטיס.

דאָ איז דער פּלאַץ וואו דעם פאַרשטאָרבענעמס מעשים טובים האָבען געקראָגען זייער רעאַל־פּראַקטישען אויסדרוק ביי זיין לעבען און דאָ איז אויך דער פּלאַץ וואו די דאָזיגע מעשים טובים וועלען איבערגענומען ווערען

אספת־אזכרה

פון זיינע חברים לדעה אויך נאָך זיין טויט און דאָמיט שאַפען די אונ־שטערבליכקייט צום נפטר׳ס נשמה. דאָ איז דער פלאַץ וואו „יקרא דחיי״ און „יקרא דשכבי״ שמעלצען זיך צונויף און ווערען איין איינהייטליכקייט און דאָ איז דער פלאַץ וואו די טראַדיציאָנעלע נפטר תפלה פון „תהא נשמתו צרורה בצרור החיים״ פשוטו כמשמעו, די נשמה בינדט זיך איין אין דעם בונד פון לעבעדיגע חברים וואָס זיינען ממשיך זיינע גוטע מעשים און ממילא אויך ממשיך זיין קיום הנצחי.

און אויב דאָס איז דער ציעל און תכלית פון אַזעלכע מעמאָריאַל פאַר־זאַמלונגען, איז דאָך אין דעם גופא שוין פאַראַן גענוג טרייסט פאַר די אבלים, דען אויב דאָ ווערט אויסגעשמידט דעם נפטר׳ס חיים הנצחיים, איז דאָך אין לך נחמה גדולה מזו!

דרשות

אין אידיש און ענגליש

מבן המחבר

הרב חיים דוב מאַנטעל

Sermons and Addresses

By

RABBI HUGO MANTEL

Cambridge, Mass.

ראש השנה

דאַסמאָל שטייען מיר אויפן שייד־וועג פון די וויכטיגסטע געשעענישען אין דער געשיכטע: צי וועט זיך אָנהויבען א תקופה פון אַן אוניווערסאַלען שלום און ברידערלעכקייט אָדער חורבן און אויסראָטונג?

אונזערע אבות פלעגען שטיל און פרום מתפלל זיין „תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה" — זאָל דאָס יאָר מיט זיינע ווייען און פלאָגען פאַר־שווינדען און ס׳זאָל אָנקומען אַ יאָר פון פרייד און גליק.

מיר, אין אונזערע צייטען, וואָלטען אפשר געדאַרפט זאָגען:

יכלה דור וקללותיו ויחל דור וברכותיו — זאָל די עפּאָכע פון מלחמה און שנאה אָפּגעווישט ווערען און ס׳זאָל איינטרעטען אַ נייע עפּאָכע פון „אהבת שלום".

די אַטאָם באָמבע אַליין — הגם זי האָט פאַרשנעל׳ערט דעם סוף פון דער וועלט־שחיטה — איז נישט בכח צו פאַרהיטען מלחמה און באַפעסטיגען דעם שלום; מיר דאַרפען געדענקען דאָס געלייטערטע וואָרט פון נביא „לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוחי".

— נישט מיט מאַכט און נישט מיט פיזישען געוואַלט, נאָר מיטן גייסט פון גאָט אין מענטש — וועט אויפגעריכט ווערען אַ בעסערע און גערעכטע געזעלשאַפט. ווייל אויב די פעלקער וועלן נישט זיין וואַכזאַם גענוג צו פאַרשטאַרקען די דעמאָקראַטיע, דאַן וועלן די רעאַקציאָנערע און פינסטערע כוחות אויסנוצען די אַטאָם־באָמבע כדי צו פאַרשקלאַפען און אונטערדריקען די מענשהייט.

אויב מיר ווילען באַפעסטיגען דעם שלום, נויטיקען מיר זיך אין אַ נייער פאָרם פון דענקען: סיי דער יחיד, סיי די געזעלשאַפט מוז ווערען דערצויגען מיט דער אידייע, אַז „סדנא דארעא חד הוא" — ס׳איז איין וועלט,

מאָנטעלס פאָלקס רעדנער

און פאַראַפראַזירנדיק אַ מאמר חז״ל: „כל העמים ערבים זה בזה״: נישט נאָר לאָיאַליטעט צו אונזער משפחה, צו אַ געוויסער סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישער גרופּע, צו אונזער מדינה אָדער נאַציע, נאָר אויך לאָיאַליטעט צו דער וועלט, צו דער מענשהייט.

ס׳מוז קומען צו אַ „שנוי ערכין״ אין אונזער צוגאַנג צו וועלט־פּראָבלעמען.

אין דער פאַרגאַנגענהייט ווען כינע, עטיאָפּיע און שפּאַניע זיינען ברוטאַל אַטאַקירט געוואָרען און מיליאָנען יידישע לעבנס זיינען פאַרשניטען געוואָרען דורך די דייטשען — זיינען די דעמאָקראַטישע מדינות געשטאַנען פונדער־ווייטענס און געזאָגט: מיר טאָרען זיך נישט אַריינמישן אין די אינערלי׳כע אנגעלעבענהייטען פון אַנדערע פעלקער.

אין דער צוקונפט אָבער מוזען די פאַראייניקטע שטאַטען און אַנדערע פרייע נאַציעס זען, אַז דעמאָקראַטיע, הומאַניטעט און אַנשטענדיגקייט זאָלען הערשען אומעטום; אונטערדריקונג און אומרעכט מוז פאַרהיט ווערען אומעטום.

אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט איטלעכער יחיד געטראַכט, אַז זיין וואויל־זיין קאָן קומען נאָר אויפן חשבון פון אַנדערע און זיין דערפאָלג איז אָפּהענגיג בלויז פון זיין פערזענלעכער אַנשטרענגונג; אין דער צוקונפט מוז איטלעכער פאַרשטיין, אַז אינדיווידועלע זיכערקייט קאָן נישט געמאָלט זיין אָן דער זיכערקייט פאַר אַלעמען, און אַז די רעטונג פון דער געזעלשאַפט איז באַזירט אויף קאָלעקטיווער אחריות און בשותפותדיגער צוזאַמענאַרבעט.

אַ נייער מעטאָד פון דענקען סאָציאַל מוז ווערן באַנוצט ביים אויפריכטן די יסודות פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט.

ס׳שווימט אָבער אויף די פראַגע: קאָנען פעלקער רעוואָלוציאָניזירן זייער דענקען? זיינען זיי בכח ריכטן זייער לעבען אין אן איינקלאַנג מיטן וואוילזיין פון אַלעמען?

מאַנכע זיינען שטאַרק מסופק. זיי טענהן, אַז די טבע פון מענשען קאָן מען נישט ענדערען: דער פשוטער מאַן און פרוי זיינען ניט פעהיג צו צו דענקען אין „אַבסטראַקטע טערמינען״.

צום גליק זיינען די דאָזיגע נביאים־פעסימיסטן אומגערעכט. די געשיכטע פון דער וויסנשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער, פאָליטישער און רעליגיעזער

ראש השנה

אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט באַווייזט, אַז דער מענטש — וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אומצאָליקע ענדערונגען אויפן סאָציאַלען און מאָראַלישען געביט — איז יאָ פעהיג צו דענקען אין אַבסטראַקטע טערמינען.

מיט טויזנט יאָר צוריק איז שקלאַפעריי געוואָרען באַטראַכט ווי אַ זעלבס־שטענדיקע זאַך. שפּעטער איז אנשטאַנען דער פעאָדאַליזם — אַ סיסטעם וואָס האָט געמאַכט דעם מענטש האַלב פריי און האַלב שקלאַף. מיט דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג האָט דער מיטל־שטאַנד און דאָס סוחרטום דעראָבערט זיינע רעכט. איצט שטייען מיר ערב דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע, וואָס וועט דערמעגלעכן יעדן איינעם צו אַרבעטן און פירן אַ בכבודיק לעבן.

אין אַלטערטום איז די לאָיאַליטעט פון יעדן איינעם געווען באַגרענעצט צו זיין משפחה, זיין שבט. שפּעטער האָבן פאַרשידענע שבטים זיך פאַראייניקט. דער יחיד האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זיין שבט און האָט באַטראַכט „אַנדערע" ווי זיינע פּאָטענציאַנעלע שונאים. נאָכדעם זיינען געגרינדעט געוואָרען די שטעט־מלוכות, וואָס אויף זייער אָרט זיינען אַנטשטאַנען — אין משך פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר — די נאַציעס. די העכסטע מדרגה פון לאָיאַליטעט אין דער דאָזיקער תקופה איז פּאַטריאָטיזם צום לאַנד — נאַציאָנאַליזם.

דער צוקונפטיקער עטאַפּ אין דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון מענטש איז אינטערנאַציאָנאַליזם; כדי די מענשהייט זאָל האָבען אַ תקומה מוז זי ווערען ווי איין איינהייט, אַ גרויסע משפּחה וואו יעדער איינער איז פאַר אַלע און אַלע פאַר יעדען איינעם.

אויך דער רעליגיעזער געדאַנק האָט אַדורכגעמאַכט אַן ענלעכע אַנט־וויקלונג; דער פּרימיטיוועד מענטש האָט תחילה געגלויבט אין רוחות, וואָס רוען אין בוימער און קוואַלן; שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען פאַרהערלעכען לאָקאַלע געטער, וואָס באַשיצן יעדן שבט באַזונדער; פון זיי איז אנטשטאַנען דער נאַציאָנאַלער גאָט און צום סוף דער אוניווערסאַלער „יש" פון גערעכ־טיקייט און יושר.

ביז אַ געוויסער תקופה פון די נביאים האָבן אונזערע אבות געגלויבט, אַז ס'פאַראַן אַ מחיצה צווישן גאָט און מענטש. „השמים — שמים לה' והארץ

נתן לבני אדם״. דעריבער ווען ישעיהו הנביא האָט געזען די וויזיע פון גאָט אין בית המקדש, האָט אים אַ שרעק באַפאַלען, ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט שטאַרבן: „אוי לי כי נדמיתי כי המלך ד׳ צבאות ראו עיני״. — ווי מיר, ווארום איך בין פאַרשניטן, ווארום דעם קעניג גאָט פון צבאות האָבן געזען מיינע אויגן (ישעיה ו׳, ה׳). אָבער „ויעף אלי אחד מן השרפים ויגע אל פי״ — איז צוגעפלויגן צו מיר איינער פון די שרפים און צוגערירט צו מיין מויל (שם, ו׳).

מ׳באַגייט נישט קיין עברה ווען מ׳רירט אָן הייליקייטן און איך האָב פאַרנומען גאָטס וואָרט: ווען זאָל איך שיקען און ווער זאָל אונז גיין? האָב איך געזאָגט: דאָ בין איך; שיק מיך״ (שם, ח׳).

דידאָזיגע וויזיע האָט אריינגעבראַכט אַ נייע תקופה אין דעם אידישן רעליגיעזן געדאַנק: ס׳איז צעשטערט געוואָרן די מחיצה צווישן הימל און ערד. דער מענטש — אין ווען ס׳האָט אויפגעטויכט גאָטס גייסט — איז געוואָרן דער שליח פון אויבערשטען אויף דער וועלט.

אַ תלמודישע אגדה דערציילט אונז וועגען אַן אַנדער שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישען רעליגיעזן געדאַנק: ווען ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע זיינען געזעסען אין סנהדרין — סוף ערשטען יאָרהונדערט — איז אויסגעבראָכען צווישען זיי אַ מחלוקת בנוגע אַ געוויסער הלכה. דער ויכוח האָט זיך צעפלאַקערט. יעדער תנא האָט געבראַכט גאַנצע בערג פון ראיות, אַז ער איז גערעכט. צום סוף האָט ר׳ אליעזר אויסגעשריען: „מן השמים יוכיחו!״ זאָל מען פון הימל מעיד זיין, אַז איך בין גערעכט; אַ בת קול האָט זיך דערהערט: „אליעזר, מיין זון, איז גערעכט!״ דאַמאָלט איז ר׳ יהושע — וואָס איז געווען פון פאַך אַ שמיד — אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און ציטירנדיקט אַ פסוק פון דברים „לא בשמים היא״ — האָט ער דערקלערט: די תורה זייט זי איז געגעבן געוואָרען צו משה איז נישט מער אין הימעל און גאָט האָט אונז איבערגעגעבען דאָס רעכט צו באַשטימען ווי די הלכה זאָל בלייבען (בבא מציעא נט:).

ר׳ אליעזר האָט געהערט צו דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער שול. ער פלעגט זיך תמיד רימען: „מעולם לא אמרתי דבר שלא שמעתי מרבותי״ — כ׳האָב קיינמאָל נישט געזאָגט אַ הלכה וואָס איך האָב פריער נישט געהערט

פון מיינע רביים. ר׳ יהושע אבער האט געהערט צו אן אנדער ריכטונג. ער האט געהאלטען, אז דער מענטש דארף נוצען זיין מח און פארשטאנד צו פארוואנדלען די רעליגיע אין א שעפערישען און פראגרעסיוון כח.

ס׳איז א כאראקטעריסטישער שטריך אין די נייע דערפינדונגען און דערגרייכונגען: דאס וואס איז היינט פארשטענדלעך צו א הויפעלע אינטעלעק־טואלען — ווערט מארגען דער בשותפות׳דיקער קנין פון אלעמען.

דערציהונג און דערפארונג ברייטערען אויס און פארטיפען דעם געדאנק פון מענטש, זיין בליק און קוק אויף דער וועלט. און זייער מאדערנער באגריף אין דער איינהייטלעכקייט פון דער מענשלעכער ראסע איז א פועל יוצא פון דער „אחדות הבורא״־אידייע. אין דער צייט פון ערשטען בית המקדש האבען אונזערע אבות נישט געקאנט תופס זיין די לערע פון די נביאים, אז גאט פון ישראל איז דער אדון העולם; זיי האבען געדענקט אז ה׳ באשיצט נאר זיין פאלק און דאס לאנד פון ישראל; אבער מיטן ערשטען גלות אין 586 פאר אונזער צייט רעכענונג, האבען זיי אנגעהויבען תופס צו זיין, אז אלע אפגעטער פון די פעלקער זיינען פוסטקייטען, און אז נאר דער גאט פון אוניווערסאלער גערעכטיקייט איז דער פאטער פון דער מענשהייט.

די מלחמה האט אונז געלערנט, אז דער גורל און קיום פון איין פאלק איז געקניפט און געבונדען מיטן גורל און קיום פון אנדערע פעלקער. די ביטערע דער פארונגען פון דער לעצטער מלחמה, די מיליאנען קרבנות פון אומשולדיקע מענער פרויען און קינדער וועלען אפשר לערנען די פעלקער דעם באגריף פון „אחדות העולם״ — די וועלט איז איינע, און דאס וועט אויך ברייגנען צו אן אייביקען שלום, נישט באחרית הימים, נאר במהרה בימינו.

דער „ויעשו כולם אגודה אחת״ קאן מען אדורכפירען אין לעבען אויב עס וועט פריהער זיין „וייראוך כל המעשים וישתחוו לפניך כל הברואים״.

מענשען וועלען נישט אויפגעבען זייער פערזענליכען עגאאיזם, ביז זיי וועלען נישט פארשטעהן אז איין גאט מיינט איין וועלט און נישטא א צע־ברעקלטע וועלט.

רבי יוחנן בן זכאי דער גרויסער שלום־זוכער, וועלכער האט מיט זיין וועג געראטעוועט דאס אידישע פאלק בשעת׳ן חורבן בית המקדש, האט

מאַנטעלס פּאָלקס רעדנער

שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען אַז נאָר דורך הכנעה צו גאָט קענען מיר דער־גרייכען דעם וועלט־שלום. ביים איינשטעלען דעם מזבח, זאָגט די תורה: אבנים שלמות תבנה. דרש'נט אויף דעם רבי יוחנן בן זכאי — אבנים שמטילות שלום, בין ישראל לאביהם שבשמים... בין איש לאשתו, בין עיר לעיר בין ממשלה לממשלה, בין משפחה למשפחה.

די האַרמאָניע פון סתירות

(לכבוד סוכות)

פאַרוואָס דאַרפן מיר זיצן אין סוכות? די תורה גיט אַזאַ טעם: למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים (ויקרא כ"ג, מ"ג) כדי אייערע דורות זאָלן וויסן, אַז איןביידלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל ווען איך האָב זיי אַרויסגע־צויגן פון לאַנד מצרים.

אין תלמוד גייט אַן אַ שקלא וטריא וועגן דעם באַטייט פון וואָרט „סוכות", אין וועלכע די בני ישראל זיינען פאַרזאָגט געוואָרן צו רוען בעת זיי האָבן געוואַנדערט אין מדבר.

רבי עקיבא האַלט, אַז די אַ ביידלעך זיינען סוכות ממש. רבי אליעזר זאָגט, אַז דאָס וואָרט „סוכה" דאַרפן מיר פאַרשטיין סימבאָליש, און עס מיינט: צודעק, שוץ. און די תורה וויל, אַז מיר זאָלן געדענקען די שוץ פון גאָט וואָס די בני ישראל האָבן געגאָסן אין מדבר. לויט אַ מסורה האָט דער אויבערשטער מזכה געווען אונזערע אבות מיט „ענני כבוד", וואָס האָבן איינגעזאַפּט די פיילן פון דעם שונא און אַזוי אַרום באַשיצט די עברים פון קריגערישע שבטים.

די אַ מחלוקת צווישן די חכמים איז מער ווי אַ חילוקי דעות בנוגע דעם טייטש פון „סוכה"; ווייל דער באַטייט פון דעם אַ יום טוב איז אָפּהענגיק פון דער כוונה און פירוש וואָס מיר וועלן אַריינלייגן אין דעמדאָזיקן וואָרט אויב מיר דאַרפן זיך דערמאָנען ווי אונזערע אָבות האָבן געלעבט אין מדבר — דאַרפן מיר טראַכטן ווי דאָס לעבן זייערס איז געווען אומזיכער. מיר באַגרייפן די האַרטע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז אויסגעקומען דעם אידישן פאָלק צו לעבן אין גלות, זיין היימלאָזיקייט און באַדנלאָזיקייט.

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

מיר פאַרטראַכטן זיך אויך ווי אונזער לעבן — ווי יחידים — איז גישט זיכער קורץ און פאַרגייט.

זאָגן מיר אָבער אַז „סוכות" באַציט זיך צו די „ענני הכבוד" — דאַמאָלט דאַרפן מיר אונטערשטרייכן די געטלעכע השגחה, וואָס האָט אונז געראַ־טעוועט — ווי אַ פאָלק — אונטער אַלע אומשטענדן ווי אויך האָט אונז געהאָלפן פון אַלע צרות און ליידן ווי יחידים.

היות אָבער ווי דער תלמוד האָט פאַרצייכנט די אַ מחלוקת בנוגע דיביידע טייטשן פון „סוכות" — וואָסערן טייטש זאָלן מיר אָננעמען?

די אידישע געזעצגעבונג איז כולל די אַ ביידע מיינונגען. דער שולחן ערוך אונטערשטרייכט, אַז די סוכה וואָס מיר בויען דאַרף זיין אַ דירת ארעי — אַ צייטווייליקער וואוין־פּלאַץ, זי טאָר נישט זיין אַ דויערהאַפטיקע וואוינונג. ס'איז אָבער אַן אַלטער מנהג ביי אידן די פאַרשענערן און באַפּוצן די סוכה מיט פאַרשידענע לאַמטערנעס, מגן דוד'ס פרוכטן און מ'דאַרף נוצן ביים עסן נאָר כלים נאים.

אָט די „דירת ארעי" פון איין זייט און דער מנהג פון באַפּוצן די סוכה פון דער אַנדער זייט סימבאָליזירט דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע ווי אויך דאָס לעבן פון יעדן יחיד: אומזיכערקייט און זיכערקייט, צער און פרייד, דערנידערונג און כבוד, טרויער און גליק.

אַ מענטש וואָס לעבט אַן ערלעך לעבן — זיין געוויסן איז רואיק. ער ווייסט, אַז ער טוט וואָס מ'דאַרף טאָן. ער האָט שלות הנפש, גלייכצייטיק אָבער קומט אים אויס צו ליידן פון די יעניקע וואָס נוצן אויס זיין גוטסקייט.

אַ מענטש וואָס ווידמעט זיינע אַלע כוחות לטובת דער מענשהייט — האָט אַ גרויסע באַפרידיקונג פון זיינע אנשטרענגונגען גלייכצייטיק אָבער ווערט ער געשטעמפּלט ווואַ אַ שונא פון דער געזעלשאַפט מצד די וואָס — צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון — זיינען קעגען יעדער סאָציאַלער ענדערונג.

דער נביא עמוס, איז בפני עם ועדה אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דעם טעמפּל אין שומרון. דער כהן אמציה האָט אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַ פאַררעטער פון זיין קיניג און לאַנד. אָבער דער נביא־פּאַסטוך איז געווען — נישט געקוקט אויף די באַליידיקונגען — באַוואוסטזיניק פון זיין געטלעכער שליחות: „ויקחני ה' מאחרי הצאן ויאמר ה' אלי לך הנבא אל עמי ישראל"

די האַרמאָניע פון סתירות

(עמוס ז׳, ט״ו), און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל.

דער נביא ירמיה האָט געלעבט אַ לעבן פון אַ מאַרטירער. כדי צו פאַר־שפּרייטן און פאַרשטאַרקן די אידייע פון „אחדות הבורא" אין לאַנד, האָט ער געפּריידיקט מ׳זאָל צעשטערן אַלע הייליקע פּלעצער אַחוץ דעם טעמפּל אין ירושלים. די משפּחה זיינע זיינען געווען כהנים אין דעם קליינעם שטעטל ענתות און דערפון האָבן זיי געלעבט. דער נביא דערציילט אַז אייגענע מענטשן האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן זיין לעבן. די פּרינצן פון יהודה האָבן אים פאַרמשפּט צום טויט. 13 יאָר האָט ער זיך געמוזט אויס־באַהאַלטן, און אַ היפּשע צייט איז ער געווען אַריינגעשטעלט און אַ צוואַנג־קלאַץ. מ׳האָט אים אויך אַריינגעוואָרפן אין אַ ליים־גרוב. און דאָך איז דער נביא געווען באַוואוסטזיניק וועגן זיין כח. ער זאָגט: ראה הפקדתיך היום הזה על הגויים ועל הממלכות, לכתוש לנתוש ולנתוץ ולהאביד ולהרוס, לבנות ולנטוע" (ירמיה א׳, י׳) — זע איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג איבער די פעלקער און איבער קיניגרייכן, אויסצורייסן און איינצוּוואָרפן, און אונטער־צוברענגען און צוצעשטערן, צו בויען און צו פלאַנצן. פון דער טיפעניש פון זיין נשמה שרייט ער אויס: ברוך הגבר אשר יבטח בה׳ (שם י״ז, ז׳) — געבענשט איז דער מאַן וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט, און גאָט איז זיין פאַרזיכערונג.

דער רעליגיעזער דיכטער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט דעם תהלים, באַקלאָגט זיך אין אַ השתפּכות־הנפש טאָן אויף די רשעים וואָס רודפן אים, פאַרשפּרייטן נעצן און ווילן אים איינשלינגען לעבעדיקערהייד. אָבער דער לייט׳מאָטיוו איז: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" (תהלים א׳, א׳) אַ וואויל צו דעם מענטשן וואָס איז נישט געגאַנגען אין דער עצה פון די רשעים.

אַ מערקווירדיקע געשיכטע ווערט געבראַכט אין דעם הקדמה פון אַ ספר געשריבן פון משה בן נחמן, באַקאַנט אונטער די ראשי תיבות רמב״ן, וואָס האָט געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט און האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע פּירושים אויף דער תורה. ער האָט אָפּטמאָל אויך געהאָט מיסטישע וויזיעס. ווען איינער פון זיינע תלמידים — אַ חולה מסוכן — האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן איז דער רמב״ן געקומען אים מבקר חולה זיין. דער רבי האָט

מאָנטעלס פאָלקס רעדנער

פון זיין תלמיד גענומען אַ שבועה, אַז ווען ער וועט קומען אויף יענער וועלט פאַרן כסא הכבוד זאָל ער פרעגן פאַרוואָס קומט עס וואָס אידן ליידן מער ווי אַנדערע אומות העולם? זיינען מיר ערגער? די גויים — אדרבא, צי זיינען זיי מאָראַליש־עטישער פון אונז? פאַרוואָס זאָלן מיר זיין טאַקע דער „אתה בחרתנו" פאַר רדיפות, דערנידערונג, גלות און כל מיני פורעניותן? וואו איז גערעכטיקייט? זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד נישט טאָן גערעכטיקייט?

דער תלמיד האָט געגעבן אַ הבטחה צו קומען מיט אַ תשובה.

עטלעכע חדשים שפּעטער ווען דער רמב"ן איז איינמאָל געזעסן אין אַ בין השמשות ביי זיין פענסטער, אָנשטרייגענדיק זיינע אויגן ביים לייענען אַ ספר — פלוצלונג האָט ער געזען אַ וויזיע. די נשמה פון זיין פאַרשטאָרבענעם תלמיד איז דערשינען פאַר אים.

— „כ'האָב נישט געהאַט קיין רשות צו פאַרלאָזן די הימלען, האָט ער געזאָגט; נאָר היות ווי איך האָב געגעבן אַ תקיעת כף, בין איך געווען גע־צוואונגען צו מקיים זיין מיין צוזאָג. וואָס שייך דיין פראַגע פאַרוואָס קומט אויס די אידן צו ליידן מער ווי אַנדערע פעלקער — איז די אַ פראַגע געווען דאָ, אויפן עולם האמת, אַזוי פּשוט, אַז איך וואָלט זיך געמאַכט לעכערלעך ווען איך וואָלט זי געשטעלט. איך באַדויער — האָט די נשמה גערעדט — אָבער וואָס די ווערטער פון מענש זיינען צו אָרעם כדי אויס־צודריקן דידאָזיקע געדאַנקען.

דידאָזיקע מעשה'לע אַנטפּלעקט פאַר אונז דעם קוק פון אונזערע פריער־דיקע דורות אויף דעם גורל פון אידן אין דער וועלט. פאַר זיי זיינען די סתירות צווישן פרייד און לייד און טריישאַפט צום אמת — אַ געטלעכע מיסטעריע, וואָס דער מענשלעכער מוח און פאַרשטאַנד איז נישט מסוגל משיג צו זיין.

ווען מיר גיבן אַ בליק צוריק אויף די טויזנטער יאָרן פון אידישער געשיכטע קאָנען מיר געפינען אַ ראַציאָנעלע באַגרינדונג צו די אַ סתירות צווישן שוצלאָזיקייט און זיכערקייט, אומגליק און גליק. נישטאָ קיין פאָלק וואָס זיין לעבן איז געווען אַזוי שוצלאָז ווי די אידן. די אַלטע יהודה איז געווען אַרומגערינגלט פון די מעכטיקע מלוכות אין צפון און דרום, בבל

און מצרים. נאָכן חורבן זיינען מיר געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט בארבע כנפות הארץ, אינ'ם מיטלאַלטער האָט זיך אויסגעדוכט אַז די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער און רעליגיעס זיינען אויפגעשטאַנען אונז צו פאַרטיליקן. און דאָך זיינען מיר געבליבן לעבן. ווייל מיר האָבן מקריב געווען אונזער זיכער־קייט און מיר האָבן באַוויליקט צו בלייבן שוצלאָז אום נישט פעלשן אין אונזער איבערצייגונג, אונזער אמונה און אידעאַלן. די חז"ל האָבן עס אויסגעדריקט אין אַ מאַמר: „אין התורה מתקיימת אלא במי שממית את עצמו עליה" די תורה האַלט זיך אויך ביי דעם יעניקן, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן אין איר נאָמען. איצט ווייסן מיר אַז נישט נאָר די תורה איז אייביק, נאָר אויך דאָס פאָלק בלייבט ביים לעבן וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַר דער תורה.

די באַלוינונג פאַר די אומענדלעכעליידען איז דאָס וואָס דער איד זאָגט מיט שטאָלץ: „אשרי יושבי ביתך, אשרי העם שככה לו".

יודאיזם האָט געבראַכט אין האַרמאָניע די ביידע אַספּעקטען פון סוכות. צוליב דער תורה האָבן מיר געוואוינט תמיד אין אַ דירת ארעי, אָבער גלייכצייטיק זיינען מיר באַשיצט געוואָרן דורך די „ענני הכבוד".

די דאָזיגע האַרמאָניזירונג פון די סתירות כאַראַקטעריזירט אידענטום פון די ערשטע דורות אָן, זייט דער תקופה פון משה רבנו אין מדבר. די יסודות פון דער תורה זיינען נישט געענדערט געוואָרען ווי עס שטייט געשריבן: לא יחליש האל ולא ימיר דתו" — דער אויבערשטער וועט נישט ענדערען אָדער איבערמאַכען זיינע געזעצען.

דאָס איינטייטשן און דורכפיהרען די פּרינציפּען פון דער תורה זיינען אָבער זייער בויגעוודיק. יעדע תקופה האָט געהאַט אירע חכמים, וואָס האָבען געלייגט מער געוויכט אויף די אָדער יענע אַספּעקטען פון דער תורה. געווען צייטען וואָס מען האָט געהאַלטען אַז דער עיקר איז דאָס לערנען, און געווען צייטען וואָס מ'האָט זיך מער אָפּגעשטעלט אויף עבודה — די מיסטישע דבקות מיטן רבונו של עולם דורך תפילה. ס'איז געווען אויך אַ פאַרשידנ־אַרטיקער צוגאַנג צו גאָט. געווען אַזוינע וואָס האָבן געפּראוועט נזירות און פרישות, אַנדערע האָבן געזוכט גאָט דורך חדוה; אייניקע האָבן געווידמעט זייער לעבען צו דער הלכה, — די אנטוויקלונג און אויסברייטערונג פון

מאַנטעלס פאָלקס רעדנער

דער אידישער געזעצגעבונג; און גאָר אַנדערע זיינען געוואָרען פאַרכאַפּט דורך דער אגדה — מעשהלעך; משלים און סימבאָלישע פירושים.

היינטיקע צייט פאָדערט מיר זאָלען לייגען מער געוויכט אויף „גמילות חסדים״ — ראַטעווען אידישע לעבענס פון אונטערגאַנג און ארבעטען פאַר אוניווערסאַלער גערעכטיקייט און וועלט־שלום.

רבי אלימלך פון ליזענסק האָט געעצה׳ט אַז יעדער איד זאָל אויס־קלייבען אַ געוויסן טאָט צו וועלכער ער האָט אַ באַזונדערע נייגונג און איז צוגעפּאַסט צו זיין „איך״; ער דאַרף מקיים זיין די דאָזיקע „מצוה״ בכל לבבו ובכל נפשו ובכל מאודו. ער דאַרף שטרעבען זי צו מקיים זיין אין אַלע אירע פּרטים; ער מוז זוכען אַלע מעגלעכקייטען דורכצופירען די דאָזיקע גוטע טאָט. קיין שטערונג טאָר אים נישט אָפּהאַלטען. זיין גאַנצע נשמה מוז ווערן דורכגעדרונגען מיט דער ליידענשאַפט — בבחינת „כל עצמותי תאמרנה״ — צו פאַרווירקלעכן אין לעבען. זיין נאָמען מוז ווערען דער סינאָנים — אין די אויגען פון פאָלק — מיט דער אַ מצוה.

אַן אַנדער חסידישער רבי, יוסף יצחק האָט אַזוי דערקלערט דעם לאָו: „לא תעשו כן לה׳ אלוקינו״ איר זאָלט נישט טאָן אַזוי צו גאָט אונזער גאָט — אַ מענטש טאָר נישט זאָגען: דעם אויבערשטען קאָן מען דינען נאָר אויף דעם און דעם שטייגער.

און ווייל די תורה אַנטהאַלט סתירות צווישן קביעות און ארעיות דערפאַר איז זי געוואָרען אינטים פאַרבונדען מיט לעבען פון יעדען יחיד. אַ דאַנק די רבנים מיט זייערע פירושים — אין קעגענזאַץ צו די צדוקים און קראים האָט תורה זיך געקאָנט צופּאַסן צו די נייע באַדערפעני̈שען פון לעבען, דער־פאַר האָט די תורה פאַרפלאַנצט אין אונז אַ „חיי עולם״ אַן אייביגען לעבען, און דאָס אידישע פאָלק איז געוואָרען — לויטן וואָרט פון ישעיה — אַן עם עולם — אַן אייביגע פּראָגרעסיוו און שעפעריש פאָלק.

פסח — דריי עטאַפּען פון פרייהייט

די געשיכטע פון די בני ישראל אין מצרים באַקומט אין אונזערע צייטען אַ נייע באַדייטונג. מאַנכע באַטראַכטען דעם דאָזיגען עפּיזאָד ווי אַ מעשה'לע אָדער אַ דערצעהלונג, אין וועלכער לעגענדע און ווירקליכ־קייט זיינען פאַרפלאָכטען. אינ'ם ליכט פון די געשעהענישען אין די לעצ־טע יאָהרען, זעהען מיר אָבער אין חומש „שמות" אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם קאַמף פאַר פרייהייט.

מ'קאָן איינטיילען די געשיכטע פון די בני ישראל אין מצרים אין דריי טיילען. אין דעם ערשטען טייל ווערען באַשריבען די מיטלען וואָס די מצרים האָבען באַנוצט כדי צו פאַרשקלאַפען אונזערע אָבות; דער צווייטער טייל דערצעהלט וועגען משה'ס קאַמף געגען דער שקלאַפעריי; דער דריטער שילדערט דעם נצחון פון די בני ישראל און זייער באַפרייאונג.

ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען די שקלאַפעריי? האָט דאָס מצרישע פאָלק דערשפירט פלוצלונג אַ שנאה כלפי אידען? לאָמיר זעהן וואָס עס דערצעהלט אונז דער חומש: „ויקם מלך חדש" — ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך אין מצרים (שמות אי 8).

מאַנכע חכמים האַלטען, אַז דער פסוק מיינט נישט דוקא אַ נייער הערשער, נאָר „שנתחדשו גזירותיו" — די באַפעהלען זיינען געווען נייע; דער קעניג איז געווען דער זעלבער, אָבער די באַציהונג צו אידען האָט זיך געביטען.

וואָס דערצעהלט אונז די געשיכטע פון אונזער תקופה? די מיטגלידער פון דער אַרבייטער ממשלה אין ענגלאַנד זיינען די־אַ יעניגע, וואָס האָבען באַקעמפט די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער טאָרי־רעגירונג. זיי זיינען געווען סאָציאַליסטען און זיינען געווען אין גאַנץ פריינדליכע באַציהונגען מיט דער „הסתדרות" — דעם ארץ ישראל פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון

די אַרבייטער. ווי גיך זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט האָט זיך זייער פּאָליטיק געביטען.

דער חומש זעצט פאָר: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו״ — דאָס פאָלק ישראל איז מעהרער און שטאַרקער פון אונז (שם, 9). די־אַ באַהויפּ־טונג איז געווען פאַלש. די בני ישראל זיינען געווען אַ קליין פאַסטוכער שבט, וואָס האָט געפיהרט אַ האַלב־נאָמאַדען לעבען, און האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט אַן אומבאַדייטענדען טייל צווישען דער צעהן מיליאָניגער מצרי־שער באַפעלקערונג. דאָס דערמאָנט אונז אַ גאַנץ מאָדערנעם מעטאָד פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע: „וואָס גרעסער דער שקר אַלץ בעסער וועט ער זיך איינקריצען אין זכרון.״

און דאַן זאָגט פּרעה: „הבה נתחכמה לו״ — „לאָמיר זיך קליגען געגען איהם, ווייל טאָמער וועט זיך טרעפען אַ מלחמה, וועט ער צושטעהן צו אונזערע פיינד און ער וועט מלחמה האַלטען געגען אונז.״ (שם, 10). קיינע פאַקטען זיינען נישט אָנגעגעבען געוואָרען, נאָר פאַרדאַכט. דער פשוט'ער מצרי האָט אָנגעהויבען זיך שרעקען און טראַכטען: אפשר איז דער פאַר־דאַכט נישט אומבאַגרינדעט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז עס ברעכט אויס אַ מלחמה. די בני ישראל זיינען נישט קיין אמת'ע מצרים; זיי זיינען דאָ אַריינגעוואָנדערט מיט אַ פּאָר דורות צוריק. איצט, דוכט זיך, זיינען זיי רוהיגע און לאָיאַלע איינוואוינער; אין צייט פון אַ נאַציאָנאַלער געפאַהר, ווער ווייסט? טאָמער וועלען זיי צושטעהן צו אונזערע שונאים; און דער־פאַר „הבה נתחכמה״ — לאָמיר זוכען עצות און באַזייטיגען די סכנה. אונזער קיום פאָדערט מיר זאָלען זיי אונטערדריקען.

עד כאן חומש.

איצט לאָמיר אָנשטאָט די מצרים אויעקשטעלען דאָס וואָרט: דייטשען, איטאַליענער, יאַפּאַנעזער, דאַן עפענט זיך פאַר אונז אַ בלאַט אין דער מאָ־דערנער געשיכטע. דאָס דייטשע פאָלק און זיינע פאַרבינדעטע האָבען צוליב פאַראורטיילען און פאַרדאַכט אָנגעהויבען צו האַסען די אידען, רוסען, פראַנ־צויזען און ענגלענדער. מען האָט זיי דערצעהלט, אַז אידען האָבען אַ גע־היימע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל באַהערשען די וועלט, ווי אויך אַז די ענגלענדער, פראַנצויזען און די רוסען זיינען זייערע שונאים.

שקרים און פאַרדאַכט זיינען תמיד געווען דער וואָפען פון די אַלע וואָס פּרע־דיגען שנאה און מלחמה.

אויך פּרעה'ן האָט זיך איינגעגעבן דער נייער איינפאַל: „ויקוצו מפני בני ישראל" — און זיי זיינען געווען אין שרעק פאַר די קינדער פון ישראל (שם, 12).

ווער האָט געגאָסען פון אָט דער שנאה? „ויבן ערי מסכנות לפרעה" — און ער האָט געלאָזט אויפבויען שפּייכלער־שטעדט פאַר פּרעה (שם, 11).

